STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05549

GEZAMELTE DRAMEN

Henrik Ibsen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העגריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

נאָראַ
די ווילדע ענטע

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
NEW YORK

נאָראַ

איבערזעצט פון מ. ווינטשעווסקי

פערזאנען:

טארוואלד העלמער.

נארא העלמער.

דר. ראנק.

נילס קראגסטאד.

פרוי לינדע.

אננא.

העלענע.

דיא העלמער'ס דריי קינדער.

א פאקענטרעגער.

ארט: כריסטיאנא (נארוועגען); צייט: דיא געגענווארט.

ערשטער אַקט.

(דאס טהעאַטער שטעלט פאָר אַ צימער געשמאַקפאָל מעבלירט, אָבער ניט רייך. אין וואַנד וואָס קומט אויס פונקט אַנטקעגען די מור־זיקאַנטען איז דאָ אַ טיר, דורך וועלכע מען געהט אריין אין דעם פאָר־דערצימער: נאָך אַ טיר פיהרט צו העלמער'ס קאַבינעט. צווישען דיביידע טירען שטעהט א פארטעפיאנא. אין די זייט־וואַנד פון דער לינקער האַנד איז אין מיטען דאָ אַ טיר, און נעהנטער צו דעם פובליקום — אַ פענסטער, לעבען וועלכען עס שטעהט אַ רונדער טיש מיט לעהנשטולען (קרעסלעס) און אַ קליינע זאָפע. אין די אַנדערע זייט וואַנד (פון די רעכטע זייט) איז אויך דאָ אַ טיר און ניט ווייט דערפון אַ קאַכלע־אויוועז, לעבען וועלכען עס שטעהען נאָך אַ פּאָר לעהנשטולען און אַ שויקעל־שטול. צווישען די זייטען טיר און דעם אויוען שטעהט אַ טישעלע. אויף די וועגד זיינען דאָ גראווירטע בילדער. אויף אן עטאַזשערקע זעהט מען פאָרצעלייענע זאכען און אלערליי קלייניגקייטען. אין אַ ביכערשרענ־קעל זיינען דאָ שעהנגעבונדענע ביכער. די פּאָדלאָגע איז בעדעקט מיט אַ טעפּיך. אין אויוען ברענט אַ פייער: עס איז אַ פראָסטיגער ווינ־טער־טאָג. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף הערט זיך דער גלעקעל פון די גאַס־טיר, וועלכע עפענט זיך באַלד. נ אָ ר א קומט אריין אונ־טערזינגענדיג פאר זיך, און פרעהליך. זי איז אָנגעטאָן, ווי איינע וואָס קומט פון גאַס און טראָגט עטליכע פאַקעטען; זי לעגט זיי אוועק אויפ'ן טיש. נאָך איהר קומט אריין א פאַק־טרעגער, וועלכער ברענגט א וויינ־נאַכטס־בוים און אַ קערבעל, וועלכע ער גיט איבער דער דיענסט־פרוי ביי דער טיר.)

נ אָ ר א. העלענע, בעהאַלט די יאָלקע אין א זיכערן אָרט; די קינדער טאָרען עס ניט זעהן איידער עס ווערט אָוועגד און די יאָלקע איז אָנגעצונדען. (צום טרעגער, ארויסנעהמענדיג איהר געלד־בייטעלע) וויפיעל קומט איך?

ט ר ע ג ע ר. א האלבע קרוין. (*)

נ אַ ר א. אַט איז א קרוין. ניין, ניין! גיט מיר ניט קיין רעסטע. (דער טרעגער בעדאַנקט זי און געהט אוועק. נ אַ ר א פער־מאַכט די טיר. זי שמייכעלט אונטער זעהר צופריעדען און וואַרפט אַראָב די גאַס־קליידער. דערנאָך נעהמט זי ארויס פון קעשינע עטליכע מאַקאַ־ראָנען און עסט איינע אָדער צוויי, צוגעהענדיג אויף די שפּיץ־פינגער צו איהר מאַן׳ס קאַבינעט און האָרכענדיג.)

נ אַ ר א. יא, ער איז אין דערהיים.

ה ע ל מ ע ר. (פון זיין קאַבינעט) הער איך דאָרטען מיין פייגעלע פּיפּטשענדיג?

נ אַ ר א. יא, דו האָסט געטראָפען.

ה ע ל מ ע ר. שפּרינגט די וועבערקעלע דאָרטען ארום?

נ אַ ר א. יא—א.

ה ע ל מ ע ר. ווען איז די וועבערקע געקומען אהיים?

נ אַ ר א. א מינוט צוריק. (זי בעהאַלט די מאַקאַראָנען און ווישט זיך אָב די מויל.) קום אהער, טאָרוואַלד, און זעה וואָס איך האָב אַנגעקויפט.

ה ע ל מ ע ר. איך האָב וואָס צו טאָן, שטער מיר ניט. (א ווייליכקע שפּעטער עפענט ער די טיר, האַלטענדיג די פעדער אין דער האַנד.) אַנגעקויפט זאָגסטו? וואָס? אַט דאָס אַלץ? האָט מיין אויסברענגערקעלע שוין ווידער אויסגעגעבען געלד?

נ אַ ר א. אַה, טאָרוואַלד, כלעבען, מיר זיינען איצט רייך גע־נוג זיך צו פערגינען עטוואָס אויסצוגעבען. דאָס איז דער ערסטער ווייהנאַכטען וואָס מיר דאַרפען זיך ניט קווענקלען.

ה ע ל מ ע ר. זיי ניט קיין קינד! אונזערע מיטעל ערלויבען אונז ניט אויסצוברייגען געלד.

נ אַ ר א. אַ יא, טאָרוואַלד! לאָז מיר הולטייען א ביסעלע — איין קליין האָרעלע, טאָרוואַלד! דו ווייסט אליין, דו וועסט דאָך באַלד פערדיענען אוצרות מיט געלד, ניין?

(*) אַ מטבעה, 25 סענט.

ה ע ל מ ע ר. פון ניי־יאָהר אַן יאָ. דערווייל וועט נאָך דויערן א פערטעל יאָהר ביז איך קריעג מיין ערסטע געהאַלט.

נ אַ ר אַ. דאָס איז א קלייניגקייט; מיר קענען לעבען אויף באָרג ביז דאַן.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא! (ער נעהמט איהר אָן, שפּאַסענדיג פאַר'ן אויער) ווען וועסטו שוין ווערען א מענש וואָס לעבט מיט א רעכ־נונג? שטעלל זיך פאָר, אַט איך געה און באָרג היינט א טויזענד קרוין און דו גיסט דאָס אויס איבער וויהנאַכטען. נו, מאַכט זיך, אַז דעם אָווענד פאַר ניי־יאָהר פאַלט מיר אַרויף א ציעגעל פון א געזימס אויפ'ן קאָפּ און שפּאַלט מיר דעם מוח...

נ אַ ר אַ. (איהם פערשטאָפּענדיג די מויל) הש! ווי קען א מענש ריידען אזעלכע שרעקליכע רייד?

ה ע ל מ ע ר. אָבער לאָמיר רעכענען אַז אַט אזאַ מעשה פּאַ־סירט — וואָס דאַן?

נ אַ ר אַ. אָה, אויב דאָס זאָל טרעפען, דאַן קימערט מיר ווייניג צו איך בין שולדיג געלד אָדער ניט.

ה ע ל מ ע ר. אָבער וואָס מכּוח די וואָס דו ביסט זיי שולדיג?

נ אַ ר אַ. זיי? ווער'ן זיי? פאַר זיי? לויטער פרעמדע מענשען.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, נאָרא! וואָס פאַר א ווייבעל דו ביזט! אָבער ערנסט גערעט, דו ווייסט דאָך זיך מיין כלל אין אַזעלכע זאַכען. איך האָב פיינט חובות! איך האָס קרעדיט! די היים וואָס איז געבויט אויף באָרגען און שולדען קען ניט מעהר זיין שעהן און פריי. מיר ביידע האָבען זיך ביז היינטיגען טאָג געהאַלטען ווי כוואַטעס אין דעם פּרט. לאָמיר זיך ניט אונטערגעבען ביז די לעצטע מינוט, הערסט?

נ אַ ר אַ. (צוגעהענדיג צום פייער) זעהר שעהן — ווי דו ווילסט, טאָרוואַלד. לאָז זיין אזוי.

ה ע ל מ ע ר. (איהר נאָכגעהענדיג) אַט־אַט־אַט! דאָס טויג אויך ניט! מיין פיינעלע דאַרף אויף דעם אופן ניט אראָבלאָזען די פליגעלעך. וואָס? מיין וועבערקעלע אָנגעבלאָזען? (ער נעהמט

ארוים זיין פּאַרט־מאָניי) נאַרא, גיב א קוק, טרעף, וואָס האָב איך דאָ איגעוויינינג?

נ אָ ר א. (זיך שנעלל אומקעהרענדיג) געלד!

ה ע ל מ ע ר. נאַ דיר, קינד! (איהר געבענדיג אַסיגנאַציעס) אַה, איך וויים, עס איז דאָ א סך זאכען וועלכע מען דאַרף אין הויז ארום ווייהנאַכט־צייט.

נ אָ ר א. (צעהלענדיג) צעהן, צוואַנציג, דרייסיג, פערציג — אָה! א דאַנק, א דאַנק דיר, ליעבער טאָרוואַלד! דערמיט קען איך א סך, א סך אויפטאָן.

ה ע ל מ ע ר. דו דאַרפסט קענען, יעדענפאַלס.

נ אָ ר א. געוויס, געוויס! א מאַסע, זאָג איך דיר. אָבער קום אהער און זעה וואָס איך האָב איינגעקויפט. און וואָלוועל — ווילדע מציאות! קוק זיך נור צו. אָט איז א נייער אנצוג פאַר איוואַר'ן, מיט א שווערדעלע. דאָ האָב איך א פערד מיט א טרו־מויט פאַר ראָבערט'ן. און דאָ וויעדער איז א ליאַלקע אין א וויגעלע פאַר עממי. פּראָסטע סחורה, נאַטירליך, ווייל דערפון וועט סאיי ווי סאיי אין גיכען ווערען א תל. היינט האָב איך קליידער און האַלזבינדען פאַר די דיענסטלייט, מעהרנישט מען וואָלט געדאַרפט עפּעס רעכטס פאַר מיין אַלטע ליעבע אננא, עפּעס בעסערס.

ה ע ל מ ע ר. און וואָס, למשל, איז אין דעם פּעקעל?

נ אָ ר א. (אויסשרייענדיג) אָה, ניין, טאָרוואַלד. ניט גע־ריהרט! דו טאָרסט דאָס ניט זעהן פריהער ווי היינט אָוועגד.

ה ע ל מ ע ר. אזוי גאָר? גוט־נו! זאָג־זשע מיר, וואָס האָס־טו פאַר זיך אליין?

נ אָ ר א. פאַר זיך? אָה, איך, פערשטעהסטו, בעדאַרף קיין זאַך ניט.

ה ע ל מ ע ר. אונזין! אָט טראַכט אוים עפּעס א פערניגנפ־מיגע זאַך וואָס דו וואָלסט זעהר וועלען האָבען.

נ אָ ר א. ניין, איך בעדאַרף ווירקליך קיין שום זאַך ניט... אָבער הער־צו, טאָרוואַלד...

ה ע ל מ ע ר. נו?

נ אָ ר אַ. (מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, זיך שפּילענדיג מיט די קנעפּ פון זיין ראָק) אויב דו ווילסט מיר אין אמת'ן געבען עפּעס, וואָלסטו, פערשטעהסט, וואָלסטו, וואָלסטו מיר קענען געבען...

ה ע ל מ ע ר. נו, נו! רעד ארויס!

נ אָ ר אַ. (האַסטיג) וואָלסטו מיר קענען געבען געלד, טאָר־וואַלד! ניט צופיעל, אָט אזוי פיעל וויפיעל דו קענסט אָבשפּאָרען פון מיינטוועגען... דערמיט וועל איך מיר שפּעטער עפּעס קויפען.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבע נאָרא...

נ אָ ר אַ. אָה, זעה, טאָרוואַלד, זאָג מיר ניט אָב! איך וואָלט דאס געלד, פערשטעהסטו, אויפהייגגען אין אַ שעהנינקען זעקעלע אויפ'ן וויהנאַכטס־בוים. אָה, דאס וואָלט געווען אזא שפּאַס, ניין?

ה ע ל מ ע ר. וואָס רופט מען די פייגלעך וואָס טרייבען געלד ארויס אין דער לופט?

נ אָ ר אַ. איך ווייס, איך ווייס! שפּיעל־פייגעלעך, פער־שווענדערס, געוויס ווייס איך. אָבער זיי אַ גוטער, טאָרוואַלד. דאַן, זעהסטו, וועל איך האָבען צייט צו בעקלערען וואָס איך דאַרף נעטהי־גער ווי אַלץ. איז דאס ניט אַ שכל פון מיר? זאָג אַליין.

ה ע ל מ ע ר. (שמייכלענדיג) געוויס. דאָס הייסט, נאַטיר־ליך, ווען דו וואָלסט אין אמת'ן בעהאַלטען דאס געלד וואָס איך גיב דיר, און דו וואָלסט דערפאַר זיך ווירקליך עטוואָס קויפען. ביי דיר אָבער געהט אַלץ אוועג אויף הויז־זאַכען, און אויף אַלערליי פּוסטע קלייניגקייטען און דאַן קומסטו פון דאָס־ניי צו מיר.

נ אָ ר אַ. אָבער, טאָרוואַלד...

ה ע ל מ ע ר. דו קענסט ניט לייקענען, נאָרא־לעבען. (ער נעהמט איהר אַרום) מיין פייגעלע איז אַ זיסינקע, אָבער זי קען אויסברייגגען דעם מלך'ס אוצר. עס וואָלט גאָר קיינער ניט גלויבען, וויפיעל עס קאָסט אויסצוהאַלטען אזא קליינע עופ'עלע ווי דו ביסט!

נ אָ ר אַ. אָה, שעמען דאַרפסטו זיך! ווי קענסטו אזוי רע־דען? שפּאָר איך דען ניט אזוי פיעל ווי איך קען?

ה ע ל מ ע ר. (לאַבענדיג) דאָס איז אמת: אזוי פיעל ווי דו קענסט, יאָ; אָבער די צרה איז, דו קענסט ניט.

נ אָ ר א. (שמייכלענדיג מיט צופרידענהייט און אונטערזונגענדיג) הם! דו ווייסט ניט וואָס מיר פייגעלעך און וועבערקעס האָבען פאַר הוצאות!

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט אַ וואונדערבאַרער מענש, נאָרא! דער טאַטע און דער טאַטע! פונקט ווי דיין פאָטער; איין וואָרט מען זוכט צו קריעגען געלד און אזוי גיך ווי עס איז דאָ, גליצט עס זיך דורך דורך די פינגער; דו ווייסט קיינמאָל ניט וואָס דערפון ווערט. אָבער מען מוז מיט דיר זיין צופריעדען ווי דו ביזט. דאָס ליעגט שוין, ווי עס שיינט, אין דיין בלוט. אָה יאָ, נאָרא, אזעלכע זאַכען האָט מען בירושה.

נ אָ ר א. הלוואי וואָלט איך גע'ירשה'ט פיעל פון מיין טאַטע'ס אייגענשאַפטען.

ה ע ל מ ע ר. און איך וואָלט ניט געוואָלט דו זאָלסט זיין אנדערש ווי דו ביסט, מיין זיסע, ליעבע זינג־פייגעלע. אָבער וואָס איז דאָס? דו זעהסט מיר היינט אויס — ווי זאָל איך דאָס רופען? עפּעס פערדעכטיג...

נ אָ ר א. איך?

ה ע ל מ ע ר. יאָ, דו! קוק מיר אקאָרשט גליך אין די אויגען.

נ אָ ר א. נו?

ה ע ל מ ע ר. (מאַכענדיג אַ פּאַטש מיט'ן פינגער) האָט דאָס נאַשערקעלע עפּעס ניט געבראָכען דעם געזעץ, האַ?

נ אָ ר א. געוויס ניט. ווי אזוי קומסטו גאָר אויף אזעלכע געדאַנקען?

ה ע ל מ ע ר. גאָר ניט אפילו אריינגעקוקט אין קאָנדיטאָריי אריין?

נ אָ ר א. ווירקליך, טאָרוואַלד...

ה ע ל מ ע ר. ניט עפּעס אַ נאַש געטאָן?

נ אָ ר א. ניין, געוויס ניט!

ה ע ל מ ע ר. זאָלל איך גלויבען אז זי האָט ניט צו־מאָל א כאָפּ געטאָן א מאַקאַראָנע, אָדער צוויי?

נ אָ ר א. ניין, טאָרוואַלד, גלויב מיר!

ה ע ל מ ע ר. גוט, גוט, גוט! עס זיך ניט אָב די האַרץ, דאָס שפּאָס איך נור.

נ אָ ר א. (איבערגעהענדיג צום טיש פון די רעכטע זייט) מיר וואָלט גאָר אויס'ן געדאַנקען ניט געקומען צו טאָן עפּעס געגען דיין ווילען.

ה ע ל מ ע ר. אָה, דאָס ווייס איך. אויסערדעם, האָסטו מיר געגעבען דיין וואָרט. (קומענדיג נעהנטער צו איהר) האַלט דיינע וויינאַכטס־סעקרעטען פאַר זיך, מיין טייבעלע. דער וויינאַכטס־בוים מיט זיין ליכט וועט זיי וואהרשיינליך אַלע אַרויסברייננגען פון דער דונקעלהייט.

נ אָ ר א. האָסט אקאָרשט ניט פערגעסען אַריינצובעטען דאָקטאָר ראַנק?

ה ע ל מ ע ר. איך האָב איהם ניט געבעטען. דאָס איז איבעריגענס ניט נעטהיג, ער וועט שוין אַליין קומען. און דאַן קען איך איהם איינלאַדען אויך ווען ער וועט דאָ זיין ביי־טאָג. איך האָב בעשטעלט זעהר גוטע וויין. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, נאָרא, מיט וואָס פאַר אונגעדולד איך ערוואַרט דעם הייננטיגען אָוונד.

נ אָ ר א. און איך אויך. אָה, ווי די קינדער וועלען זיך אַמוזירען, טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. יאָ, עס איז אַ גרויסער גליק זיך צו פיהלען אין אַ זיכערען צושטאַנד און צו האָבען אַלץ וואָס מען בעדאַרף, וואָס זאָגסטו, נאָרא?

נ אָ ר א. אָה, דאָס איז וואונדערבאַר!

ה ע ל מ ע ר. ערינערסטו זיך ווי מיר האָבען צוגעבראַכט פאַר־אַ־יאָהריגען וויינאַכטען? דריי גאַנצע וואָכען פריהער ביזטו ביז האַלבע נאַכט געזעסען פערשפּאַרט אין צימער, צורעכט מאַכענדיג בלומען פאַר'ן בוים און אַלערליי אַנדערע גרויסאַרטיגע זאַכען,

וועלכע האָבען כלומרשט געזאָלט ערשטוינען די וועלט. מיר איז אין לעבען קיינמאָל ניט געוועזן אזוי לאַנגווייליג די צייט.

נ אָ ר א. איך האָב זיך ניט געלאַנגווייליגט.

ה ע ל מ ע ר. (שמייכלענדיג) און צום סוף איז דערפון ווייניג־וואָס ארויסגעקומען.

נ אָ ר אָ. ווילסטו זיך פון דאָס נייע מיט מיר רייצען וועגען דעם? וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, ווען די קאַץ איז געקומען און האָט אלעס, אלעס פערדאָרבען?

ה ע ל מ ע ר. נאַטירליך ניט, אָרעמע נאָרעלע. דו האָסט אנגעשטריינגט אלע דיינע קרעפטען אונז צו מאַכען פערגניגען און דאָס איז די הויפּטזאַך. יעדענפאַללס, איז גוט וואָס די ביטערע צייטען זיינען אוועק.

נ אָ ר א. יא, דאָס איז וואונדערבאַר, ניין?

ה ע ל מ ע ר. היינטיגען יאָהר דאַרף איך ניט זיצען און זיך לאַנגווייליגען איינער־אליין און דו דאַרפסט זיך ניט אויסבלענדען דיינע אויגעלעך און פערמאַטערן דיינע צערטליכע פינגער...

נ אָ ר א. (קלאַפּענדיג מיט די הענד) היינט דאַרף איך דאָס ניט, ניט אמת, טאָרוואַלד? אָה, דאס איז וואונדערבאַר, ווען מען בעקלערט עס. (זי נעהמט איהם געאַרעמט) און איצט וועל איך דיר זאָגען, ווי מיר דאַרפען זיך איינסטראָיענען, טאָרוואַלד. אזוי ניך ווי די פייערטעג זיינען אוים... (עס הערט זיך אַ קלונג ביים גאַס־טיר) מען קלינגט! (אויפראַמענדיג שנעל דאס צימער) עס קומט אַ גאַסט, דאס איז ערגערליך.

ה ע ל מ ע ר. איך בין „ניטאָ אין דער היים“ פאַר געסט. געדיינק דאס!

ה ע ל ע נ ע. אַ דאַמע וויל אייך זעהן, פרוי העלמער.

נ אָ ר א. ברייננג איהר אַהער.

ה ע ל ע נ ע. און דער הערר דאָקטאָר איז אָקאָרשט געקומען.

ה ע ל מ ע ר. ער איז אריינגעגאַנגען צו מיר אין קאַבינעט?

ה ע ל ע נ ע. יא, מיין הערר.

(העלמער געהט צו זיך אין קאבינעט אריין. — העלענע פיהרט אריין פרוי ל י נ ד ע, וועלכע געהט אין רייזע־קליידער, און מאכט צו די טיר.)

פ ר ו י ל י נ ד ע. (צאגהאפט) וואס מאכסטו, נארא?

נ א ר א. (צווייפלענדיג) וואס מאכט א י ה ר?

פ ר ו י ל י נ ד ע. איך גלויב, דו דערקענסט מיך ניט.

נ א ר א. ניין... איך... אה, דאך... איך גלויב... (מלא שמחה) וואס! קריסטינע? דאס ביזטו, ווירקליך דו!

פ ר. ל י נ ד ע. יא, דאס בין איך.

נ א ר א. פריסטינע! [illegible] זיך פארצושטעלען אז איך האב דיך ניט דערקענט! אבער איך האב ניט געקענט... (אין א מילדערן טאן) ווי פערענדערט דו ביזט, כריסטינע!

פ ר. ל י נ ד ע. געווים! אין ניין, צעהן יאהר צייט...

נ א ר א. געה, געה! וואס? האבען מיר זיך דען ווירקליך אזוי לאנג ניט געזעהן? פיעללייכט, דאך... אה, די לעצטע אכט יאהר זיינען געווען זעהר גליקליכע יאהרען פאר מיר... און איצט ביזטו טאקע געקומען אהער, הא? אזא לאנגע רייזע אין מיטען ווינטער! דאס איז בראוו פון דיר!

פ ר. ל י נ ד ע. איך בין געקומען היינט אין דער פריה מיט'ן דאמפף־שיף.

נ א ר א. דא צו צוברייננגען די וויהנאכטען, נאטירליך. אה, דאס איז זעהר, זעהר גוט! וואס פאר פערגניגען מיר וועלען דאס א ביסעל האבען! נעהם אראב דיינע רייזע־קליידער. דו ביזט דאך ניט פערפרארען? (איהר העלפענדיג זיך אויסטאן) אט אזוי; איצט וועלען מיר זיצען אנגענעהם דא ביים פייער. ניין, דו נעהם דעם לעהנשטול און איך וועל זיך זעצען אויפ'ן שויקעל־שטול. (זי נעהמט איהר אן פאר די הענד.) יא, איצט קען איך ריכטיג ווידער זעהן דיין ליעבען אלטען פנים. נור אויפ'ן ערסטען בליק האב איך... אבער דו ביסט א ביסעל בלייכער, כריסטינע, און א ביסעל מאגערער, אויך...

פ ר. ל י נ ד ע. און א שעהן, שעהן ביסעל עלטער, נארא!

נ אָ ר אַ. יאַ, פיעללייכט אַ האַרעלע עלטער... ניט פיעל... אַ האַ־רע־לע עלטער... (פלוצלונג הערט זי אויף, זיך אָן עטוואס דער־מאָנענדיג.) אַה, וואָס פאַר אַ געדאַנקלאָזער נפש איך בין! דאַ זיץ איך און פלאַפּל... ליעבע, ליעבע כריסטינע, קענסטו מיר דאָס פערצייהען?

פרוי לינדע. וואָס מיינסטו, נאָרא?

נ אָ ר אַ. (אין אַ מילדערן טאָן) אָרימע כריסטינע! איך האָב געהאַט פערגעסען: דו ביסט דאָך אַן אלמנה?

פ ר. לינדע. יאַ, מיין מאַן איז געשטאָרבען מיט דריי יאָהר צוריק.

נ אָ ר אַ. איך וויים, איך וויים! איך האָב דאָס געלעזען אין די צייטונגען. אָ, כריסטינע, גלויב מיר, איך האָבווירקליך געוועלט דיר שרייבען, אָבער איך האָב עס אַלץ אָבגעלייגט און אָבגעלייגט און מיר איז אימער עטוואָס געקומען אין וועג אריין.

פ ר. לינדע. דאָס קען איך לייכט בעגרייפען, ליעבע נאָרא.

נ אָ ר אַ. ניין, כריסטינע; דאָס איז פון מיר געווען שרעקליך שלעכט געהאַנדעלט. ליעבסטע, בעסטע פריינדין, וויפיעל דו האָסט געמוזט ליידען פון יענער צייט אָן! האָט ער דיר גאָר נישט געלאָזען?

פ ר. לינדע. גאָר נישט.

נ אָ ר אַ. אויך קיינע קינדער?...

פ ר. לינדע. קיינע.

נ אָ ר אַ. גאָר נישט, ריין גאָר נישט.

פ ר. לינדע. צומאָל ניט אַ שמערץ, אפילו ניט אַן ערא־נערונג.

נ אָ ר אַ. (איהר אָנזעהענדיג, עטוואס אונגלויביג) מיין ליעבע כריסטינע, ווי איז דאָס מעגליך?

פ ר. לינדע. (מיט אַ ביטערען שמייכעל) אַה, דאָס טרעפט צייטענווייז.

נ אָ ר אַ. דו ביסט אויף דעם אופן גאַנץ עלענד! דאָס מוז זיין אַ שרעקליכער צושטאַנד. איך האָב דריי ליעבסטע קינדער־

לעך; דו קענסט זיי איצט ניט זעהן; זיי שפאצירען ארום מיט זייער גיאנקע. אבער איצט רייד דו, דו מוזט מיר אלץ, אלצדינג דערצעהלען.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ניין; דו זאג מיר צוערסט...

נ א ר א. ניין, דו האָסט אָנגעהויבען, דו גיב אן; איך וויל היינט ניט זיין קיין עגאָאיסטקע. היינטיגען טאג מוז איך האבען אין געדאנקען נור דיך אליין. אה! איין זאך מוז איך דיר פארט דערצעהלען... אבער פיעללייכט האסטו שוין געהערט פון אונזער גרויסע שטיק גליק...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, וואס איז דאס?

נ א ר א. בערעכען נור וואס דאס בעטייט! מען האט גע־מאכט מיין מאן פאר'ן דירעקטאר פון די באנק.

פ ר. ל י נ ד ע. דיין מאן? דאס איז ווירקליך א גליק!

נ א ר א. אה, יא! אלס אדוואקאט איז ער געווען אין אן אונזיכערע לאגע, איבערהויפט, פערשטעהסטו, ווייל ער האט זיך ניט צוגעריהרט צו קיין זאך, וועלכע איז ניט געווען גאנץ ריין און... אין דעם איז טארוואלד גאנץ גערעכט. אה! דו קענסט לייכט פערשטעהן ווי צופריעדען מיר זיינען. ער קומט אן אויף זיין נייע שטעלע דעם טאג פון ניי־יאהר און דאן וועט ער האבען א גרויסע געהאלט חוץ א פראצענט פון דעם פערדיענסט. אין דער צוקונפט וועלען מיר קענען לעבען גאנץ אנדערש — גאנץ ווי אונזער הארץ וועט געלוסטען. אה, כריסטינע! איך פיהל זיך אזוי לייכט און גליק־ליך! עס איז אזוי גוט צו האבען מאסען געלד און ניט צו דארפען ברעכען דעם קאפ ארום קיין שום זאך. וואס זאגסטו?

פ ר. ל י נ ד ע. עס מוז זיין שעהן צו האבען אלץ וואס מען בעדארף.

נ א ר א. אלץ וואס מען בעדארף איז א קלייניגקייט, אבער הויפענס, הויפענס געלד!

פ ר. ל י נ ד ע. (שמייכלענדיג) נארא, נארא! ביזטו נאך אלץ ניט געקומען צום שכל? דו פלעגסט זיין א שרעקליכע אוים־ברייננערקע ווען מיר זיינען ביידע געווען צוזאמען אין שול.

נ א ר א. (אויך צושמייכלענדיג) יא, טארוואלד זאגט אז איך

בין דאס נאך היינטיגען טאג. אבער „נארא, נארא" איז ניט אזוי דום ווי איהר אלע מיינט. אה, איך האב ניט געהאט די מיטעל צו זיין א גרויסע אויסברענגערקע. מיר האבען געמוזטביידע ארבייטען.

פ ר. ל י נ ד ע. דו אויך?

נ א ר א. יא, לייכטע ארבייט: שטיקעריי, אויסנעהען און אנדערע זאכען און... (מיט א טאן פון וויכטיגקייט) אנדערע ארבייט אויך. דו ווייסט געוויס, אז טארוואלד איז געווארען אוים טשי־נאווניק ווען מיר האבען זיך פערהייראטעט. ער האט ניט געהאט קיין אויסזיכט צו שטייגען אין סלוזשבע. און מיר האבען נעטהיג געהאט מעהר געלד. נו, האט ער אבער געארבייט איבער זיינע קרעפטען דעם ערסטען יאהר. ער האט אויף זיך גענומען אלערליי געשעפטען און האט געהארעוועט פריה און שפעט. דאס איז איהם געווען צו שווער און ער איז געווארען געפעהרליך קראנק. דאן האַ־בען די דאקטוירים ערקלערט אז ער מוז פאהרען אין די ווארימע לענדער.

פ ר. ל י נ ד ע. יא; איהר האט צוגעבראכט א גאנצען יאהר אין איטאליען, גלויב איך.

נ א ר א. גאנץ ריכטיג. דאס איז אבער ניט אנגעקומען זעהר לייכט, מעג איך דיר זאגען. דאס איז אויסגעקומען גלייך נאכדעם ווי איך האב געהאט איוואר'ן. פאהרען האבען מיר נאטירליך גע־מוזט. אה, דאס איז געווען א גרויסארטיגע רייזע! און דאס האט טארוואלדען געמאכט פון טויט לעבעדיג, אבער עס האט געקאסט א שרעקליכע מאסע געלד.

פ ר. ל י נ ד ע. לייכט צו בעגרייפען.

נ א ר א. צוועלף הונדערט דאללאר! פיער טויזענד אכט־הונדערט קרוין. איז דאס ניט א מאסע געלד?

פ ר. ל י נ ד ע. א גליק פאר אייך וואס איהר האט געהאט אזוי פיעל געלד.

נ א ר א. מיר האבען דאס געקראגען פון מיין פאטער, פערשטעהסטו.

פ ר. ל י נ ד ע. איך פערשטעה. ער איז דאכט זיך ארום

יענע צייט געשטאָרבען.

נ אָ ר אַ. ריכטיג! און איצט שטעל זיך פאָר מיין לאַגע. איך האָב ניט געקענט געהן איהם אויפפאַסען! איך בין געווען אויף דער צייט מיט איוואר'ן און האָב געהאַט מיין קראַנקען טאָר־וואַלד אויף די הענט. ליעבער, אַלטער פאָטער! כריסטינע, איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן. אָה, דאָס איז געווען דאָס גרעסטע אונגליק וואָס איך האָב געהאַט אריבערצוטראָגען צייט איך בין פערהייראַטהעט.

פר. ל י נ ד ע. איך ווייס, ווי ליעב דו האָסט איהם געהאַט. הייסט עס דאַן זייט איהר געפאָהרען קיין איטאַליען?

נ אָ ר אַ. יאַ, מיר האָבען דאָס געלד געהאַט און די דאָקטוירים האָבען געשריען אין איין קול, אַז מיר מוזען פאָהרען. אַ מאָנאַט שפעטער זיינען מיר געווען פעררייזט.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאַן איז צוריקגעקומען פאָלקאָמען געזונד?

נ אָ ר אַ. פריש און געזונד.

פ ר. ל י נ ד ע. און דער דאָקטאָר?

נ אָ ר אַ. ווארום פרעגסטו דאָס?

פ ר. ל י נ ד ע. ווען איך בין אריינגעקומען האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך האָב געהערט אייער דיענסט־פרוי אָנמעלדענדיג אַ דאָקטאָר....

נ אָ ר אַ. אָה, יאַ; דאָקטאָר ראַנק. אָבער ער קומט ניט צו אונז אַלס דאָקטאָר. ער איז אונזער בעסטער פריינד און לאָזט קיינמאָל ניט פאַרביי אַ טאָג אָהן אַ בעזוך ביי אונז. ניין, טאָר־וואַלד האָט ניט געהאַט אַ קראַנקען טאָג פון יענער צייט אָן. און די קינדער, זיי זיינען אויך געזונד און שטאַרק און איך אַליין אויך. (זי שפרינגט אויף און קלאַפּט מיט די הענד.) אָה, כריסטינע, כריסטי־נע, עס איז גרויסאַרטיג צו לעבען און צו זיין גליקליך! אָבער... אָה, וואָס בין איך פאַר אַ מענש! אָט זיץ איך און רייד ניט מעהר ווי ארום זיך! (זיך זעצענדיג אויף אַ פוסבייַנקעלע לעבען כריסטינען מיט די הענד אין איהר שויס.) אָה, זיי ניט בייז אויף מיר! זאָג

מיר, איז דאָס ווירקליך וואָהר אז דו האָסט דיין מאַן ניט געליעבט? וואָס האָט דיך געצוואונגען איהם צו נעהמען?

פ ר. ל י נ ד ע. מיין מוטער האָט נאָך דאַן געלעבט, הילפ־לאָז, קראַנק אין בעט; און דאַן האָב איך געהאַט צו זאָרגען פאַר צוויי אינגערע ברידער. איך האָב עס געהאַלטען פאַר מיין פפליכט איהם צו נעהמען.

נ אָ ר א. פיעללייכט איז דאָס ווירקליך געווען דיין פפליכט. איז ער געווען רייך?

פ ר. ל י נ ד ע. אין זעהר א גוטען צושטאַנד. אָבער זיין געשעפט איז געווען אַן אונזיכערער און נאָך זיין טויט איז עס צו־פאַלען שטיקערווייז און נאָך איהם איז גאָרנישט געבליבען.

נ אָ ר א. און דאַן...

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן האָב איך געמוזט זיך ראַנגלען מיט די נויט, האַלטענדיג א קראָם, נאָכהער א שול, אלץ וואָס איז געווען מעגליך פאַר מיר. די לעצטע דריי יאָהר זיינען פאַר מיר געווען איין לאַנגער שווערער קאַמפף. אָבער איצט איז ער געענדיגט, נאָרא. מיין אָרימע מוטער — זי בעדאַרף מיך מעהר ניט, זי ליעגט אין איהר רוה. די אינגלעך זיינען אין געשעפט און קענען זאָרגען פאַר זיך אַליין.

נ אָ ר א. ווי פריי דו מוזט זיך איצט פיהלען!

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, נאָרא; מיין לעבען איז ניט מעהר ווי שוידערהאַפט פוסט. ניטאָ פאַר וועמען צו לעבען! (אויפשטעהענ־דיג זעהר אונרוהיג.) דאָס איז דער גרונד, ווארום איך האָב לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען דעם לעבען אין דעם פערוואָרפענעם נעסט, וואו איך בין געווען. הייער, רעכען איך, מוז זיין לייכטער צו גע־פינען אַן ארבייט וואָס איז ווערטה אז מען זאָל זיך צו איהר נעהמען, עטוואָס צו בעשעפטיגען א מענשען׳ס געדאַנקען. ווען איך וואָלט נור געקענט קריעגען א שטענדיגע ארבייט, ערגיץ אין א קאַנטאָר!

נ אָ ר א. אָבער, בעדיינק, כריסטינע, דאָס איז אזא קאַטאָר־ושנע ארבייט, און דו זעהסט אזוי אויך אויס אויסגעמאַטערט; פאַר דיר וואָלט גלייכער געווען צו האָבען א ביסעל רוה אין א קליינע

שטאָרט ערגיץ־וואו ביין ים.

פ ר. ל י נ ד ע. (צוגעהענדיג צום פענסטער) איך האָב ניט קיין פאָטער, וועלכער זאָל מיר געבען דאָס געלד הערצו.

נ אָ ר אַ. (אויפשטעהענדיג) אָה! נעהם'ס מיר ניט איבעל.

פ ר. ל י נ ד ע. ליעבע נאָרא, זיי דו אויף מיר ניט אין כעס. דאָס ערגסטע אין אַ לאַגע ווי מיינע בעשטעהט אין דעם, וואָס עס מאַכט אַ מענשען ביטער. מען האָט ניט פאר קיינעם צו ארבייטען און דאָך מוז מען אימער עטוואָס טאָן. מען מוז לעבען און מען ווערט עגאָאיסטיש. ווען איך האָב געהערט פון די גליק־ליכע ענדערונג אין אייער לעבען, האָב איך — ווער וואָלט דאָס געגלויבט? — זיך מעהר געפרעהט פון מיינטוועגען ווי פון אייערט־וועגען?

נ אָ ר אַ. וואָס מיינסטו דערמיט? אָה! איך פערשטעה. דו רעכענסט אַז טאָרוואַלד וואָלט קענען עפּעס טאָן פאר דיר.

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, דאָס האָב איך געטראַכט.

נ אָ ר אַ. און דיין פערלאַנג מוז ערפילט ווערען! דו לאָז דאָס נאָר איבער צו מיר. איך וועל דאָס זעהר קונציג ארומארביי־טען און וועל עפּעס אויסטראַכטען אַן אנגענעהמע מאַנעווורע איהם צו מאַכען פריינדליך. אָה, איך וואָלט זיך אַזוי גליקליך שעטצען פאר דיר עטוואָס צו טאָן!

פ ר. ל י נ ד ע. דו ביסט זעהר ליעבענסווירדיג, נאָרא! און ביי דיר איז דאָס דאָפּעלט גוט, ווייל דו אליין ווייסט אַזוי ווייניג פון צרות.

נ אָ ר אַ. איך? איך? איך וויים וועניג פון...?

פ ר. ל י נ ד ע. (שמייכלענדיג) נו, יאַ! אַ ביסעל שטיי־קעריי און דעסגלייכען. דו ביזט נאָר אַ קינד, נאָרא!

נ אָ ר אַ. (דערלאַנגט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און הויבט אָן צו שפּרייזען איבער'ן צימער) אָה, דו דאַרפסט מיך ניט האַלטען פאר נאָר אַ קינד...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין?

נ אָ ר אַ. דו ביסט ניט בעסער פאר די אַנדערע! איהר

אלץ מיינט אז איך בין ניט פעהיג צו קיין שום ערנסטע זאך. —

פ ר. ל י נ ד ע. נון...

נ אָ ר א. איהר מיינט אז איך האָב גאָר ניט געהאַט מיין פעקעל אין לעבען.

פ ר. ל י נ ד ע. מיין ליעבסטע נאָרא, דו האָסט, דאכט זיך, מיר נאָר וואָס אויסדערצעהלט אלע דיינע ליידען.

נ אָ ר א. עה! די קלייניגקייטען! (אין אַ שטילערען טאָן) איך האָב דיר נאָך ניט געזאָגט קיין וואָרט וועגען די גרויסע זאך...

פ ר. ל י נ ד ע. די גרויסע זאך? וואָס מיינסטו דערמיט?

נ אָ ר א. איך ווייס דו קוקסט אויף מיך פון אויבען אראָפ, כריסטינע; אָבער דו האָסט דערצו קיין רעכט ניט. דו ביזט שטאָלץ דארויף וואָס דו האָסט געארבייט שווער און לאנג פאר דיין מוטער.

פ ר. ל י נ ד ע. איך קוק געווים אויף קיינעם ניט אראָפ; אָבער איך בין טאקע שטאָלץ און צופרידען ווען איך דערמאָן זיך אז איך בין געווען אים שטאנדע צו בעפרייען פון זאָרגען מיין מוטער'ס לעצטע יאָהרען.

נ אָ ר א. און דו ביסט שטאָלץ אויף דאס וואָס דו האָסט געטאָן פאר דיינע ברידער?

פ ר. ל י נ ד ע. האָב איך ניט אַ רעכט דערצו?

נ אָ ר א. גאנץ געווים. נון, אָבער לאָמיך דיר זאָגען, כריסטינע, אז איך האָב אויך מיט וואָס צו שטאָלצירען, און צופריעדען צו זיין.

פ ר. ל י נ ד ע. איך צווייפעל ניט אין דעם, אָבער וואָס מיינסטו?

נ אָ ר א. השש! רייד ניט אזוי הויך. בעדענק נור, ווען טאָרוואלד זאָל דאס קריגען צו הערען! ער טאָר דערפון ניט וויסען, אויף קיין פאל ניט! קיינער ניט, חוץ דיר, כריסטינע.

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס קען דאָס זיין אזוינס?

נ אָ ר א. קום אהער צו מיר. (זי ציעהט איהר צו נעהנטער צו זיך אויפ'ן זאָפא.) יא, איך האָב אויך אַ גרונד צו זיין, שטאָלץ און

גליקליך. איך האָב געראַטעוועט טאַרוואַלד'ס לעבען.

פ ר. ל י נ ד ע. געראַטעוועט זיין לעבען? ווי אַזוי?

נ אָ ר א. איך האָב דיר דערצעהלט וועגען אונזער פאָהרען קיין איטאַליען, ווען ניט דאָס, וואָלט טאַרוואַלד געשטאָרבען.

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, און דיין פאָטער האָט דערצו געגעבען דאָס געלד.

נ אָ ר א. אַזוי מיינט טאַרוואַלד אַליין און יעדער אַנדערער, אָבער...

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער?

נ אָ ר א. אָבער מיין פאָטער האָט מיר ניט געגעבען ניט איין איינציגען העלער. איך אַליין האָב דאָס געלד געקראָגען.

פ ר. ל י נ ד ע. דו? דאָס גאַנצע געלד?

נ אָ ר א. צוועלף הונדערט דאָללאַר, פיער טויזענד אַכט הונדערט קרוין. וואָס זאָגסטו דערצו?

פ ר. ל י נ ד ע. מיין ליעבע נאָרא, זאָג מיר ווי האָסטו דאָס אויפגעטאָן? האָסטו דאָס געלד געוואונען אין דער לאָטעריע?

נ אָ ר א. (פערעכטליך) אין דער לאָטעריע? יעדער נאַר וואָלט דאָס געקענט.

פ ר. ל י נ ד ע. פון וואַנען־דען־זשע האָסטו געקראָגען דאָס געלד?

נ אָ ר א. (זינגט אונטערשמייכלענדיג) הם... הם! טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

פ ר. ל י נ ד ע. נו, באָרגען האָסטו נאַטירליך נ י ט געקענט?

נ אָ ר א. ניין? וואָרום ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. וואָרום ניט? ווייל אַ פרוי טאָר ניט באָרגען קיין געלד אָהן די צושטימונג פון איהר מאַן.

נ אָ ר א. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) אָה, ווען די ווייב פערשטעהט אַ ביסעלע געשעפט... און ווייס ווי זיך צו אַ זאַך צו נעהמען... דאַן..

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער, נאָרא, איך פערשטעה ניט...

נ אָ ר א. נו, עס איז ניט נעטהיג אַז דו זאָלסט פערשטעהן...

איך האָב דיר ניט געזאָגט אַז איך האָב געבאַרגט דאָס געלד. פיעל־ליכט האָב איך עס געקראָגען אויף אַנאַנדער אופן. איך מעג עס האָבען בעקומען פון איינעם וועלכער איז געווען אין מיך פערליעבט... ווען א פערזאָן, פערשטעהסטו, איז אזוי... אַנציהענד ווי איך בין...

פ ר. ל י נ ד ע. דו ביזט ווירקליך ניט ביין זינען, נאָרא.

נ אָ ר א. נו, איך בין זיכער דו שטאַרבסט מיט אונגעדולד צו וויסען...

פ ר. ל י נ ד ע. הער נור צו, מיין געליעבטע נאָרא, ביזטו ניט אַקאָרשט א ביסעלע... האַסטיג געוועזען ?

נ אָ ר א. הייסט דאָס האַסטינקייט צו רעטען א מאַן'ס לעבען ?

פ ר. ל י נ ד ע. איך רעכענ נור, אַז דו האָסט געקענט זיין איבעראיילט און מאַן א זאַך אָהן דיין מאַן'ס וויסען...

נ אָ ר א. אָבער דער וויסען דערפון האָט איהם געקענט טויטען ! בעגרייפסטו דען דאָס ניט ? ער האָט ניט געטאָרט האָבען דעם שאָטען פון א פערדאַכט אַז ער איז אזוי געפעהרליך קראַנק. די דאָקטוירים האָבען אין דער שטיל מיר ערקלערט אַז ער איז אין לעבענס־געפאַהר און אַז קיין זאַך וועט איהם ניט העלפען, חוץ א רייזע אין די ווארימע לענדער. מיינסטו איך האָב ניט פריהער פרובירט איהם נעהמען מיט קונצען ? איך האָב איהם געזאָגט, איך שטאַרב צו זיין אין אויסלאַנד, ווי אַנדערע יונגע פרויען. איך האָב געוויינט, האָב זיך געבעטען ביי איהם, האָב איהם געזאָגט ער דאַרף ניט פערגעסען מיין... צושטאַנד, אַז ער דאַרף מיר אַלעס נאָכגעבען און דאַן האָב איך איהם געגעבען אַן אָנצוהער־ענים, אַז ער קען דאָס געלד באָרגען. אָבער דאָס, כריסטינע, האָט איהם כמעט בייז געמאַכט. ער האָט מיר פאָרגעוואָרפען, אַז איך בין א פוסטע קאָפ און אַז ער, אלס מאַן, איז פערפפליכטעט מיר ניט צו לאָזען אויספיהרען אזעלכע משוגעת'ען — ווי ער האָט דאָס אָנגערופען. זעהר גוט — האָב איך ביי זיך געטראַכט — אָבער גערעטעט מוז דיין לעבען פאָרט ווערען, און דאַן האָב איך געפונען א וועג בערצו.

פ ר. ל י נ ד ע. און האט דיין מאן קיינמאל ניט ערפאהרען פון דיין פאטער אליין, אז דאס געלד איז געקומען ניט פון איהם?

נ א ר א. ניין, קיינמאל ניט! דער פאטער איז געשטארבען פונקט צו יענער צייט. איך האב געוועלט איהם זאגען און איהם בעטען ער זאל דאס האלטען בסוד. אונגליקליכערווייזע איז דאס פאיי ווי סאיי געווען צו שפעט.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאן? האסטו איהם קיינמאל ניט מודה געווען אז...

נ א ר א. גאט אין הימעל! וואס פאלט דיר איין? איהם זאגען, — איהם, וועלכער האסט חובות מעהר ווי אלץ אין דער וועלט! און אויסער דעם ווי שמערצליך, ווי ערנידעריגענד דאס וואלט זיין פאר א מאן ווי טארוואלד, מיט זיין שטאלצען כאראקטער און מיט זיין אונאבהענגיגקייט, צו וויסען אז ער האט מיר עפעס צו פערדאנקען! דאס וואלט אין גאנצען צושטערט אונזער גליקליכען צוזאמענלעבען; אונזער שעהנע גליקליכע היים וואלט א מינוט ניט מעהר געווען דאס וואס עס איז.

פ ר. ל י נ ד ע. וועסטו דאס איהם אויך קיינמאל ניט זאגען?

נ א ר א. (אין געדאנקען, האלב שמייכלענדיג) יא, פיעלייכט, א מאל ווען־עס־איז — אין יאהרען און יאהרען ארום, ווען איך וועל... ניט מעהר זיין אזוי שעהן. לאך ניט! איך מיין, נאטירליך, ווען טארוואלד וועט אין מיר ניט זיין מעהר אזוי פערליעבט, ווי ער איז היינט; ווען עס וועט איהם ניט מעהר אזוי פיעל פערגניגען מאכען צו זעהען ווי איך שפרינג ארום, קלייד זיך און טאנץ, דאן קען פיעלייכט זיין גוט, ווען איך זאל עפעס וואס האבען אין זאפאס (אונטערברעכענדיג) אונזין! אונזין! אזא צייט וועט קיינמאל ניט קומען. און איצט, כריסטינע, וואס זאגסטו איצט צו מיין גרויסען סוד, הא? גלויב מיר, עס האט מיר געקאסט גענוג קאפ־ברעכענעס, עס איז ניט געווען א קינדער־שפיעל צו האלטען די טערמינעס פינקטליך. דו דארפסט וויסען, כריסטינע, אז אין מסחור זיינען פאראן אזעלכע זאכען ווי, למשל, אבצאהלונגען און פערטעל־יעהר־

ליכען צינזען, וועלכע עס איז שוידערהאַפּט שווער צו דעקען. נו, האָב איך געמוזט, פערשטעהסטו, פערקנייטשען א ביסעל דאָ, א ביי־סעל דאָרטען — וואו איך האָב נור געקענט. די בעגרייפסט, אַז איך האָב ניט געקענט פיעל אָבשפּאָרען פון די הויז הוצאות, ווייל טאָרוואַלד האָט נאַטירליך געמוזט לעבען גוט. די קינדער, וויעדער, האָבען ניט געקענט ארומגעהן אָבגעשליסען; וואָס איך האָב נאָר פאַר זיי געקראָגען איז פאר זיי אַוועקגעגאַנגען — די קליינע קעצעלעך.

פ ר. ל י נ ד ע. אָרעמע נאָראַ! דאָס איז, אלזאָ, נור אַלץ אָבגעשפּאָרט געוואָרען פון דיינע טאַשענגעלד, האַ?

נ אָ ר אַ. פערשטעהט זיך. און נאָך אלע מעשות, איז דאס געווען אין גאַנצען מיינע אַרבייט. ווען טאָרוואַלד פלעגט מיר געבען געלד פאר מיר אויף קליידער און נאָך אזעלכע זאכען, פלעג איך קיינמאָל ניט אויסגעבען מעהר ווי די העלפט; איך האָב אימער געקויפט די איינפאַכסטע זאַכען. עס איז אַ גליק וואָס מיר קלייט כמעט אלעס, דערפאר פלעגט טאָרוואַלד גאָר נישט מערקען. אָבער דאָס איז מיר אָפט אָנגעקומען שווער, זעהר שווער, כריס־טינע; דען עס איז אזוי גוט צו געהן פיין געקליידעט, ניט אמת?

פ ר. ל י נ ד ע. אָה, יאַ!

נ א ר א. נו, און אויסערדעם האָב איך מיר פערשאַפט געלד אויף אַנדערע וועגען אויך. פאָריגעז ווינטער האָב איך געהאַט פיעל גליק. איך האָב געקראָגען זעהר פיעל פּאַפּיערען איבערצושרייבען. נאַכט פאַר נאַכט פלעג איך מיר פערשפּאַרען און פלעג שרייבען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָה, ווי מיד בין איך צייטענווייז געוועזען! און דאָך וואָס פאר אַ פערגניגען עס איז געווען צו זיצען און אַרביי־טען, פערדיענענדיג געלד! איך האָב זיך כמעט געהאַלטען פאַר אַ מאַן.

פ ר. ל י נ ד ע. וויפיעל איז דיר געלונגען אָבצוצאָהלען?

נ אָ ר אַ. נו, דאס קען איך דיר ניט זאָגען אויף קלאָר. עס איז שווער צו פיהרען אזאַ געשעפט מיט אַ ריכטיגען חשבון. איך

ווייס נור, אז איך האָב אָבגעצאָהלט אזוי פיעל וויפיעל איך האָב געקענט צונויפקריעגען. אָה, עס זיינען געוועזן צייטען ווען איך האָב איינפאַך ניט געוואוסט אוואו זיך צו קעהרען און צו ווענדען. (שמייכלענדיג) דאַן פלעג איך זיצען און פאַנטאַזירען ארום א רייכען אלטען הערין, וועלכער איז אין מיר פערליעבט —

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס? וואָס פאר א הערר?

נ אָ ר א. אָ, קיינער ניט!... אַט, קלעו איך, שטאַרבט ער, מען עפענט זיין צוואָה און דארין שטעהט געשריעבען מיט גרויסע בוכשטאַבען: צאָהלט אוועק אלץ וואָס איך לאָז איבער צו די שאַרמאַנטע פערזאָן, צו פרוי נאָרא העלמער.

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער, ליעבע נאָרא, וועלכען אלטען הערען מיינסטו?

נ אָ ר א. וואָס פאר א קינד דו ביסט! פערשטעהסטו דען ניט? אזא אלטער הערר איז אין ערגיץ ניט געוועזען, ער פלעגט נור געפינען זיך אין מיינע פאַנטאַזיען בעת איך בין געוועזן אויסער זיך טראַכטענדיג ווי און וואו צו קריגען געלד צום טערמין. אָבער דאָס איז אללעס צו ענדע — דער לאַנגווייליגער אלטער נאַרר מעג זיך בלייבען וואו ער איז: ניט איך דאַרף איהם, ניט איך דאַרף זיין צוואָה, דען דער סוף פון מיינע קאָפּדרעהענעס איז איצט ענדליך געקומען. (אויפשפרינגענדיג) אָה, כריסטינע, וואָס פאר א גליק דאָס איז צו זיין פריי פון זאָרגען, גאָר אין גאַנצען פריי! צו קענען ארומשפרינגען און זיך שפיעלען מיט די קינדער; צו האָבען שעהנע, געשמאַקפאָלע זאַכען אין הויז גאַנץ נאָך טאָרוואַלד'ס וואונש! און באַלד קומט אָן דער פריהלינג מיט'ן שעהנעם בלויען הימעל און די גרויסע פרייע וועלט ארום זיך. פיעללייכט פאָהרען מיר זיך דאַן א ביסעל דורך, פיעללייכט זעה איך נאָך א מאָל דעם ים. אַך, ווי גוט עס איז צו לעבען און זיין גליקליך.

(עס הערט זיך אַ קלונג פון גאַס-טיר.)

פ ר. ל י נ ד ע. מען קלינגט. פיעללייכט איז גלייכער אז איך זאָל אוועקגעהן.

נ אָ ר א. ניין, ניין; בלייב דאָ! עס איז געווים איינער וואָס בעדאַרף טאָרוואַלד'ען.

העלענע. מאדאם, דאָ איז אַ מאַן, וועלכער וויל רעדען מיט הערן העלמער.

נאָראַ. ווער איז דער הערר?

קראָגסטאַד. (זיך בעווייזענדיג אין טיר) דאָס בין איך, פרוי העלמער.

(העלענע געהט אַרויס; פרוי לינדע גיט זיך אַ כאַפּ און קעהרט זיך אום צום פענסטער.)

נאָראַ. (ענגסטליך און האַלב אין דער הויך) אָה, איהר? וואָס דאַרפט איהר מיין מאַן?

קראָגסטאַד. וועגען אַ שטיקעל באַנק־געשעפט... אין אַ געוויסען זין. איך האָב אין דער באַנק אַ שטעלע און אייער מאַן, הער איך, ווערט אונזער דירעקטאָר.

נאָראַ. דאָס איז אַלזאָ...

קראָגסטאַד. ניט מעהר ווי לאַנגווייליגע געשעפט־זאַכען.

נאָראַ. דאַן געהט, זייט אַזוי גוט, אריין צו איהם אין קאַבינעט.

(קראָגסטאַד געהט אַרויס. זי פערבויגט זיך צו איהם ניט איבריגס פריינדליך, פערמאַכענדיג די טיר; זי געהט דאַן צום פייער צו).

פר. לינדע. נאָראַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַן?

נאָראַ. אַ געוויסער הערר קראָגסטאַד. קענסטו איהם?

פר. לינדע. איך האָב איהם אַמאָל געקענט — מיט יאָהרען צוריק. ער איז געווען ביי אַן אַדוואָקאַט אין אונזער שטאָדט.

נאָראַ. יאַ, יאַ, גאַנץ ריכטיג.

פר. לינדע. ווי דער מאַן האָט זיך פערענדערט!

נאָראַ. מען זאָגט ער האָט געפיהרט אַן אונגליקליכעס לעבען מיט זיין פרוי.

פר. לינדע. איצט איז ער אַן אַלמן, ניין?

נאָראַ. מיט אַ סך קינדער. (זי פאַרמאַכט דעם אויווען). אַט אַזוי! איצט האָט עס זיך פאַנאַנדערגעברענט.

פר. לינדע. מען זאָגט, אַז ער האָט עפּעס אַ געשעפט ניט פון די פיינסטע...

נ אָ ר אַ. קען זיין. איך ווייס ניט. אָבער לאָמיר ניט טראַכטען אַרום געשעפטען: זיי זיינען שרעקליך לאַנגווייליג.

(דאָקטאָר ראַנק קומט אַרויס פון העלמער׳ס קאַבינעט).

ר אַ נ ק. (בלייבענדיג שטעהן אויפ׳ן שוועל) ניין, ניין, איך וועל אייך ניט אויפהאַלטען. איך וועל אריינגעהן צו אייער פרוי; ויעל אַ ביסעל פּלוידערן מיט איהר. (ער פערמאַכט די טיר און דער־זעהט פרוי לינדע). אָה, ביטע אום ענטשולדיגונג, דאָ בין איך אויך איבעריג.

נ אָ ר אַ. ניין, ניין, דורכאויס ניט. (זיי פאָרשטעלענדיג) דאָקטאָר ראַנק — פרוי לינדע.

ר אַ נ ק. פרוי לינדע? איך האָב אָפט געהערט איהר נאָמען. האָבען מיר זיך ניט געטראָפען אויפ׳ן טרעפּ, ווען איך בין אריינ־געקומען?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, איך געה אַזוי לאַנגזאַם. טרעפּ מאַכען מיך מיד.

ר אַ נ ק. איהר זייט אַלזאָ ניט זעהר שטאַרק.

פ ר. ל י נ ד ע. איינפאַך אָבגעמאַטערט.

ר אַ נ ק. אַזוי? דאַן קומט איהר וואהרשיינליך אהער צו ערהוילען דורך דעם וואָס איהר וועט ביי אונז אַ לעב טאָן.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, הערר דאָקטאָר. איך קום אהער זוכען בעשעפטיגונג.

ר אַ נ ק. איז דאָס אַ היילמיטעל פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען קראַנק פון צופיעל ארבייטען?

פ ר. ל י נ ד ע. מען מוז לעבען, דאָקטאָר ראַנק!

ר אַ נ ק. יאַ, דאָס שיינט צו זיין די אַלגעמיינע מיינונג.

נ אָ ר אַ. געהט, געהט, דאָקטאָר! איהר אַליין ווילט אויך לעבען.

ר אַ נ ק. געוויס וויל איך. אונגליקליך ווי איך בין, וויל איך דאָך זיך ווייטער שלעפּען אין דער וועלט אַזוי לאַנג ווי איך קען. מיינע פּאַציענטען האָבען אַלע אויך דעמזעלבען שגעון. עס איז פּונקט דאָס זעלבע מיט די וואָס זיינען מאָראַליש קראַנק. אַט

רעדט אין דיזען אויגענבליק מיט העלמער׳ן אזא מין מאראלישער קאליקע.

פ ר. ל י נ ד ע. (זעהר שטיל) אה!

נ א ר א. וועמען מיינט איהר?

ר א נ ק. אה, א קערל, וועלכער רופט זיך קראגסטאד, א מאן, וועלכען איהר קענט ניט. — פערדארבען אין כאראקטער ביז׳ן ביין. ער האט אויך אנגעהויבען מיט דער ערקלעהרונג אז ער מוז לעבען.

נ א ר א. אה! און וואס פערלאנגט ער פון טארוואלד׳ן?

ר א נ ק. איך וויים ווירקליך ניט. אזוי פיעל נור האב איך פערשטאנען, אז דאס האט צו טהאן מיט דער באנק.

נ א ר א. איך וואלט ניט גערעכענט אז קראג... אז דיעזער הערר קען האבען ערגיץ א צוזאמענהאנג מיט דער באנק.

ר א נ ק. ער האט דארטען עפעס א שטיקעל שטעלע. (צו פר. לינדע) איך וויים ניט אויב ביי אייך זיינען אויך דא אזעלכע מענשען, — פערזאנען וואס גראבען אוים און שמעקען אוים פון אונטער דר׳ערד אלעס וואס איז מאראליש פערפוילט; וואס זייער סיסטעם איז אנצופילען גוטע שטעלען מיט פערפלעקטע כאראקטערען, וועלכע זיי קענען האלטען אין זייער מאכט. דעם עהרליכען מאן ווייזען זיי א רוקען.

פ ר. ל י נ ד ע. נון, איך רעכען אז ביי די.... אנגעגריפענע כאראקטערען בעט זיך פיעללייכט מעהר אויפפאסונג.

ר א נ ק. (קוועטשענדיג די פלייטשעס) אט האבען מיר די אלטע געשיכטע! דא איז די אידעע, וועלכע מאכט די מענשליכע געזעלשאפט פאר א ספיטאל.

(נארא טיעף אין געדאנקען, פלאצט אוים מיט א האלב־פערשטיקטען געלעכטער און הויבט אן צו קלאפען מיט די הענד פאר פריידע.)

ר א נ ק. וואס לאכט איהר? האט איהר דען א בעגריף וואס אזא געזעלשאפט איז?

נ א ר א. וואס קימערט מיך אייער לאנגווייליגע געזעל־שאפט? איך לאך פון אנאנדער זאך, — עטוואס, וועלכעס איז

זעהר אמוזאנט. זאגט מיר, דאקטאר, זיינען די, וואס דיענען אין דער באנק, אלע אבהענגיג פון טארוואלדען?

ר א נ ק. קומט אייך ד א ס פאר אזוי קאמיש?

נ א ר א. (זינגט אונטער און שמייכעלט) מאכט ניט אויס! מאכט ניט אויס! יא, עס איז אמוזאנט צו קלערען אז מיר... אז טארוואלד האט אזא מאכט איבער אזוי פיעל מענשען (זי נעהמט ארויס א מאקאראנע) דאקטאר ראנק, וועט איהר עסען א מאקאראנע?

ר א נ ק. וואָ—ס? מאקאראנען? זיינען זיי דען ניט קאנ־טראבאנד אין הויז?

נ א ר א. געוויס; אבער די האט מיר כריסטינע געבראכט.

פ ר. ל י נ ד ע. וואס? איך?

נ א ר א. נו, נו, דו דארפסט זיך ניט שרעקען. דו האסט ניט געקענט וויסען, אז טארוואלד האט דאס פערבאטען. די אור־זאך איז, ער האט מורא איך זאל ניט פערדארבען מיינע ציינער. אבער, אה האב עס א... נור דעם איין מאל! דאס איז פאר אייך, דאקטאר ראנק (זי שטאפט איהם אריין א מאקאראנע אין מויל) און דאס פאר דיר, כריסטינע, און פאר איין גאנג וועל איך שוין אליין נעהמען איינע — א גאנץ קליינע, העכסטענס צוויי (שפאצירט ארום) אה, ווי גוט מיר איז! איך האב נור איין איינציגען וואונש נאך, איצט.

ר א נ ק. און וואס איז עס?

נ א ר א. עטוואס וואס איך וואלט וועלען זאגען — ווען טארוואלד איז דערביי, ער זאל הערען.

ר א נ ק. ווארום אלזא זאגט איהר דאס ניט?

נ א ר א. איך וואג ניט. עס איז א מיאוסער ווארט.

פ ר. ל י נ ד ע. מיאוס?

ר א נ ק. אויב אזוי, זאגט דאס בעסער ניט. אבער פאר אונז קענט איהר... נו, וואס איז דאס, וואס איהר וואלט זאגען אין טארוואלד'ס געגענווארט?

נ א ר א. איך וואלט אזוי וועלען זאגען: „כאפ עס דער קאריק!“

ר א נ ק. זייט איהר אראב פון זינען?

פ ר. ל י נ ד ע. גרויסער גאט — נארא!

ר א נ ק. אט איז טארוואלד — זאגט עס!

נ אָ ר א. (בעהאלטענדיג די מאקאראָנען) הש...ש...ש...

(העלמער קומט ארויס פון זיין צימער, די הוט אין דער האנד און זיין אויבערראָק אויפ'ן אָרעם.)

נ אָ ר א. (איהם קומענדיג אנטקעגען) נון, ליעבער טאָרוואלד, ביזטו פון איהם פטור געוואָרען?

ה ע ל מ ע ר. יא, ער איז נאָר־וואָס אוועקגעגאנגען.

נ אָ ר א. לאָמיך דיר פאָרשטעלען: דאס איז כריסטינע, וועלכע קומט אהער...

ה ע ל מ ע ר. כריסטינע? ביטע אום ענטשולדיגונג... איך וויים ניט...

נ אָ ר א. פרוי לינדע, מיין ליעבער טאָרוואלד — כריסטינע לינדע.

ה ע ל מ ע ר. (צו פרוי לינדע) געוויס מיין פרוי'ס א שול־פריינדין?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, מיר האבען זיך געקענט מיידעל־ווייז.

נ אָ ר א. בעדענק נור! זי איז געפאָהרען דעם גאנצען ווייטען וועג נור אום צו רעדען מיט דיר.

ה ע ל מ ע ר. צו רעדען מיט מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. ניט גאנץ...

נ אָ ר א. כריסטינע, פערשטעהסטו, איז א מאדים אויף ציפערן, און אזוי ווי איהר ווילט זיך שרעקליך ארבייטען ביי א געשעפטסמאן ערסטער קלאסע אום נאך מעהר צו לערנען...

ה ע ל מ ע ר. (צו פר. לינדע) זעהר פערנינפטיג, ווירקליך...

נ אָ ר א. איז ווען זי האט געהערט אז דו ביזט געוואָרען באנק־דירעקטאָר — מען האט דאס טעלעגראפירט, פערשטעהסטו — איז זי גליייך געקומען צופאָהרען, און — ליעבער טאָרוואלד — טו דאס מיר, און געפין עפעס א בעשעפטיגונג פאר כריסטינע. דו קענסט, ניט וואהר?

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך איז דאס ניט. איהר זייט, ווי איך פערשטעה, אן אלמנה?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, מיין הערר.

ה ע ל מ ע ר. און איהר האט שוין געהאט ערפאהרונג אין קאנטאר־ארבייט?

פ ר. ל י נ ד ע. ציעמליך פיעל.

ה ע ל מ ע ר. אויב אזוי, וועל איך וואהרשיינליך געפינען א פלאץ פאר אייך.

נ א ר א. (קלאפענדיג די הענד) דאס איז שעהן!...

ה ע ל מ ע ר. איהר זייט געקומען אין א גליקליכע שעה, פרוי לינדע.

פ ר. ל י נ ד ע. איך ווייס ניט ווי אייך צו דאנקען...

ה ע ל מ ע ר. ניטא פאר וואס (אנטועהנדיג דעם אויבערראק) דערווייל מוזט איהר מיך ענטשולדיגען...

ר א נ ק. ווארט, איך געה מיט דיר. (ער ווארעמט זיין פעלץ ביים פייער).

נ א ר א. זאס זיך ניט צו־לאנג, ליעבער טארוואלד.

ה ע ל מ ע ר. איין שטונדע, ניט מעהר.

נ א ר א. געהסטו אויך, כריסטינע?

פ ר. ל י נ ד ע. (זיך אנטועהנדיג) יא, איך מוז געהן זוכען א צימער.

ה ע ל מ ע ר. פיעללייכט געהען מיר צוזאמען?

נ א ר א. (איהר העלפענדיג) ווי שאדע, וואס מיר האבען ניט א ליידיגען צימער, אבער דאס איז אונמעגליך...

פ ר. ל י נ ד ע. מיר וואלט אויף די געדאנקען גאר ניט קומען אייך צו בעלעסטיגען. אדיע, ליעבע נארא, און בעסטען דאנק פאר דיין גוטסקייט.

נ א ר א. אדיע פאר א קורצע וויילע. דו קומסט נאטירליך היינט פון אוועגד, און איהר אויך, דאקטאר ראנק. וואס? אויב איהר וועט זיין געזונד? געווים וועט איהר זיין געזונד. וויקעלט זיך נור גוט איין. (זיי גייען ארויס רעדענדיג, און גלייך נאכהער

דערהערט מען קינדערשע שטימען) אָה, היער זיינען זיי, היער זיינען זיי! קומט אריין, קומט אריין! (בויגט זיך איין און קוסט זיי). אָה, איהר זיסע קעצעלעך! זעהסטו זיי, כריסטינע? זיינען זיי ניט ליעבליך?

ר א נ ק. לאָמיר דאָ ניט שטעהן און פּלאַפּלען אין'ם צוגווינד.

ה ע ל מ ע ר. קומט, פרוי לינדע; מעהר ווי א מוטער קען אַזאַ קעלט ניט פערטראָגען.

(דר. ראַנק, העלמער און פרוי לינדע געהען אַרונטער פון די טרעפּ; אַננאַ ברענגט אַריין די קינדער; נאָראַ געהט נאָך, האָבענדיג פערמאַכט די טיר.)

נ אָ ר אַ. אָה, ווי פריש און שעהן איהר זעהט אויס! און וואָס פאר אַ רויטע בעקעלעך איהר האָט! עפּעל און ראָזען! איהר האָט זיך גוט פערגנינט? דאס איז שעהן! ווירקליך איוואַר? דו האָסט באָב און עממי'ן געפיהרט אין דיין שליטעלע? ביידע אויף אַ מאָל — וואָס איך הער! ווייסטו, דו ביזט אַ גאַנצער מענש, איוואַר! אַננאַ, גיב מיר די קליינינקע. (זי טאַנצט מיט איהר) אָה, יאַ! מאַמאַ וועט טאַנצען מיט באָבטשיקלען אויך. וואָס? איהר האָט זיך געוואָרפען מיט קולקעס שניי? אָה, הלוואי וואָלט איך דערביי געווען! ניין, ניין, אַננאַ! לאָז די קינדער ביי מיר, איך וועל זיי אַליין אויסטאָן. אָה, יאַ; דו לאָז מיר נור — דאס אַמוזירט מיך. געה אין קינדערצימער אריין: דו זעהסט אויס פערפראָרען. אין אויוועָן איז דאָ הייסע קאָפע. (אַננאַ געהט ארויס. נאָראַ טוט אויס די קינדער, וואַרפט אַוועק זייערע זאַכען, ווערהרענד די קינדער פּלאַפּלען צו איהר און צווישען זיך.) אַזוי? אַ גרויסער הונד איז נאָכגעלאָפען נאָך אייך, געהענדיג אַהיים? אָבער ער האָט אייך דאָך ניט געביסען, האַ? הינט בייסען ניט קליינע ליעבע קינדערלעך. איוואַר, שטעק ניט אריין דעם נאָז אין די־זע פּעקלעך, הערסטו? וואָס דאס איז? איך רעכען, דו וואָלסט דאס וויסען נעטהיג ווי די אויג, ניין? היט זיך — עס בייסט! וואָס? מיר זאָלען זיך שפּיעלען? אין וואָס, אין בעהעלטענים?

גוט, לאָז זיך באַב צוערסט בעהאַלטען. איך צוערסט? אויך רעכט. איך בעהאַלט זיך די ערסטע...

(זי און די קינדער שפּיעלען זיך; געלעכטער און קולות. דאָס דוּיערט אַ רעכטע ווײַלע. אינצווישען קלאַפּט מען אין טיר, אָבער קײנער הערט ניט. די טיר עפענט זיך האַלב־און־האַלב. קראַגסטאַד ערשײנט ער וואַרט אַ ווײַלע; דער שפּיעל בעגינט פון דאָס נײַע.)

קראַגסטאַד. ענטשולדיגען זי, פרוי העלמער...

נאָרא. (אויפשפּרינגענדיג) אָה! וואָס דאַרפט איהר?

קראַגסטאַד. ביטע אום ענטשולדיגונג... די אַנדערע טיר דרויסען איז געוועזן האַלב אָפען; עס האָט ווער־עס־איז פערגעסען צו פערמאַכען...

נאָרא. מײַן מאַן איז אויסגעגאַנגען.

קראַגסטאַד. דאָס ווײס איך.

נאָרא. וואָס־זשע דאַרפט איהר היער?

קראַגסטאַד. איך האָב אײַך צו זאָגען עטליכע ווערטער.

נאָרא. מיר? (צו די קינדער) געהט אַרײַן אַהין צו אַננאַ. וואָס? דער פרעמדער הערר וועט מאַמאַ קײן שלעכטס ניט טאָן. אַזוי גיך ווי ער געהט אַוועק, שפּיעלען מיר זיך ווידער. (זי פיהרט זײ אַרויס און קומט צוריק) מיט מיר... ווילט איהר רעדען?

קראַגסטאַד. יאָ.

נאָרא. הײַנט? אָבער הײַנט איז דאָך ניט דער ערסטער...

קראַגסטאַד. הײַנט איז ערסט דער פיער און צוואַנציגסטער דעצעמבער. עס הענגט אָב פון אײַך צו איהר וועט האָבען פרעהליכע ווײַהנאַכטען, אָדער ניט.

נאָרא. וואָס ווילט איהר, אײגענטליך? איך בין ניט אימשטאַנד אײַך צו צאָהלען הײַנט...

קראַגסטאַד. אַרום דעם לאָמיר יעצט ניט רעדען. איך קום וועגען אַנאַנדער זאַך. זײַט איהר פרײַ אויף אַ מינוט צײַט?

נאָרא. אָה, יאָ... איך גלויב ווײַניגסטענס, אָבגלײַך...

קראַגסטאַד. זעהר גוט. איך בין געזעסען אין דעם

רעסטויראן דאָ איבער'ן וועג און האָב געזעהען אייער מאַן פארביי־
געהענדיג אין גאַס.

נ אָ ר א. נו?

ק ר אָ ג ס ט א ד. מיט אַ דאַמע.

נ אָ ר א. איז וואָס?

ק ר אָ ג ס ט א ד. מעג איך פרעגען אויב די דאַמע איז ניט
אַ געוויסע פרוי לינדע?

נ אָ ר א. יאַ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און זי איז ניט לאַנג געקומען אַהער אין
שטאָדט אריין?

נ אָ ר א. יאַ, היינט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זי איז, גלויב איך, אייערע אַן אינטימע
פריינדין?

נ אָ ר א. געוויס, אָבער איך פערשטעה ניט...

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך בין מיט איהר אַמאָל געווען בעקאַנט.

נ אָ ר א. דאָס ווייס איך.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אַה, איהר ווייסט דאָס אַלעס! דאָס
האָב איך אַליין אויך גערעכענט. איצט, זאָגט מיר דעם אמת,
האַלט ניט פרוי לינדע ביים קריגען אַ שטעלע אין באַנק?

נ אָ ר א. ווי וואַגט איהר אויסצופרעגען... מיך? איהר, אַ
בעאַמטער אונטער מיין מאַן? אָבער אַזוי ווי איהר פרעגט, קען
איך אייך זאָגען. יאַ, פרוי לינדע וועט האָבען אַ שטעלע אין באַנק
און דורך מיין רעקאָמענדאַציע, הערר קראָגסטאַד! איצט ווייסט
איהר.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אויף דעם אופן האָב איך ריכטיג
געטראָפען.

נ אָ ר א. (שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) איהר פערשטעהט
— מען האָט אַ האָרעלע דעה. עס איז ניט געדרונגען, אַז דערפאַר
וואָס מען איז ניט מעהר ווי אַ פרוי... ווען אַ מענש האָט אויף זיך
אַן אויבערהאַר, דאַרף ער זיך ניט אונטערשטעהן צו בעליידיגען
איינע, וועלכע...

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. האָט אַ דעה?

נ אָ ר אַ. נאַטירליך.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. (בייטענדיג דעם טאָן) דאַן, פרוי העלמער, זייט אַזוי גוט און ווענדט אָן אייער איינפלוס פון מיינטוועגען.

נ אָ ר אַ. ווי? וואָס מיינט איהר?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. זייט אַזוי גוט און זעהט, אַז איך זאָל בלייבען אויף מיין שטעלע אַלס אונטער־בעאַמטער אין דער באַנק.

נ אָ ר אַ. וואָס רעדט איהר? ווער וויל פון אייך די שטעלע אוועקנעהמען?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אָה, איהר דאַרפט זיך ניט מאַכען ניט ווייסענדיג. איך קען לייכט פערשטעהן, אַז אייער פריינדין מעג זיין אונאַנגענעהם זיך מיט מיר צו טרעפען; און איך קען אויך בעגרייפען פון וועמעס וועגען מען וויל מיך פערטרייבען.

נ אָ ר אַ. אָה, איך פערזיכער אייך...

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. נו, הערט אויס: איך זאָג אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ווענדעט אָן אייער איינפלוס פון מיינטוועגען כל זמן עס איז נאָך צייט.

נ אָ ר אַ. אָבער, הערר קראָגסטאַד, איך האָב קיין שום דעה ניט...

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. קיין דעה ניט? איהר האָט, דאַכט זיך, נאָר־וואָס געזאָגט...

נ אָ ר אַ. נאַטירליך, ניט אַזוי ווי איהר מיינט. איך? ווי זאָל איך קענען האָבען אַזאַ גרויסע דעה ביי מיין מאַן?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אָה, איך קען אייער מאַן פון דער צייט ווען מיר האָבען שטודירט צוזאַמען. ער איז ניט שטייפער ווי אַנדערע מאַנען.

נ אָ ר אַ. אויב איהר רעדט נאָך אַ וואָרט וועגען מיין מאַן אין אַזאַ טאָן, וועל איך אייך בעטען איהר זאָלט אַרויסגעהן פון מיין הויז.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. פרוי העלמער, איהר האָט פיעל קוראַזש!

נ אָ ר אַ. איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט מעהר. נאָך

ניי־יאָהר בעצאָהל איך אייך אַלץ וואָס אייך קומט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (זיך פּאַסענדיג) הערט־צו, פרוי העלמער. אויב עס וועט דערצו קומען, וועל איך קעמפּפען, ווי פאר'ן לעבען, צו בלייבען אויף מיין שטעלע אין דער באַנק.

נ אָ ר אַ. יאַ, אַזוי ווייזט עס אויס.

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאס איז ניט צוליעב די שכירות, דאס איז וועגען אַנאַנדער זאַך. נון — לאָמיך אייך אויסזאָגען אַלץ אויף אַ מאָל. איהר ווייסט געוויס — דאס ווייסען אַלע — אַז מיט יאָהרען צוריק בין איך אריינגעקראָכען אין אַ בלאָטע.

נ אָ ר אַ. איך האָב עפּעס אַזוינס געהערט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. די מעשה איז ניט דערגאַנגען ביז'ן גע־ריכט; אָבער פון יענע מינוט אָן זיינען פאר מיר אַלע וועגען פערשטעלט געוואָרען. איך האָב זיך דאַן גענומען צו דעם גע־שעפט, וועלכעס איז אייך בעוואוסט. איך בין געווען געצוואונגען זיך אָנצוכאַפּען אָן עטוואָס, און איך גלויב ניט אַז איך בין איינער פון די ערגסטע... איצט אָבער מוז איך פון דעם געשעפט ארויס־קריכען. מיינע זיהן וואַקסען אויף; פון זייערטוועגען מוז איך זעהן מיר פון דאס־ניי צו ערווערבען אַזוי פיעל אַכטונג פון מענשען וויפיעל נור איך קען. דערצו איז די שטעלע אין דער באַנק געווען מיין ערסטער שריט און איצט וויל מיך אייער מאַן מיט איין בריק אַראָפּ ווארפען פון לייטער צוריק אין זומפּ אריין.

נ אָ ר אַ. אָבער איך פערזיכער אייך, הערר קראָגסטאַד, איך קען אייך ניט העלפען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איהר ווילט ניט, אָבער איך קען אייך צווינגען.

נ אָ ר אַ. איהר וועט דאָך ניט געהן און זאָגען מיין מאַן אַז איך בין אייך שולדיג געלד?

ק ר אָ ג ס ט א ד. הם... און ווי, למשל, ווען איך זאָל דאס יאַ טאָן?

נ אָ ר אַ. דאס וואָלט פון אייך זיין שענדליך. (מיט טרערען) דיעזעס געהיימניס — וועלכעס איז מיין פריידע און מיין שטאָלץ —

זאָל ער ערפאהרען אויף אזא מיאוסען אופן, און פון אייך! עס וואָלט מיר אָנמאַכען פיעל פערדרוס.

קראַנסטאד. נישט מעהר ווי פערדרוס.

נאָראַ. אָבער גוט, טוט דאס, טוט דאס! דאס וועט זיין נאָך ערגער פאר אייך. מיין מאַן וועט ערסט דאן זעהן אייער שלעכטען כאראקטער און איהר וועט געוויס ניט בלייבען אויף דער שטעלע.

קראַנסטאד. איך האָב אייך געפרעגט אויב איהר האָט נור מורא פאר פערדרוס אין הויז און ווייטער גאָר נישט?

נאָראַ. אויב מיין מאַן זאָל דאס קריגען צו וויסען וועט ער, נאַטירליך, אייך באַלד בעצאָהלען דעם גאנצען חוב און מיר זיינען קוויט מיט אייך אויף אימער.

קראַנסטאד. (צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר) הערט אויס, פרוי העלמער, ענטוועדער אייער זכרון איז שוואַך, אָדער איהר פערשטעהט זעהר וועניג געשעפט. איך מוז אייך די לאַגע קלאָר מאַכען.

נאָראַ. וואָס מיינט איהר?

קראַנסטאד. ווען אייער מאַן איז געוועזן קראַנק, זייט איהר צו מיר געקומען באָרגען צוועלף הונדערט דאָלאר.

נאָראַ. איך האָב קיין אַנדערן ניט געקענט.

קראַנסטאד. איך האָב אייך דאַן פערשפראָכען פאר אייך צו קריגען דאס געלד.

נאָראַ. און איהר האָט געקראָגען.

קראַנסטאד. איך האָב אייך צוגעזאָגט צו קריעגען דאָס געלד אויף געוויסע בעדינגונגען. איהר זייט דאמאָלס געוועזען אזוי פערטאָן ארום אייער מאַן'ס קראַנקהייט און אזוי ניעריג צו האָבען מיט וואָס צו פעררייזען, אז איהר האָט וואהרשיינליך וועניג־וואָס בעקלערט די איינצעלהייטען. לאָמיך אייך דערמאָנען. איך האָב אייך פערשפראָכען צו געבען דאָס געלד אויף א וועקסעל, וועלכען איך האָב אויסגעשריבען.

נאָראַ. יאָ, און איך האָב זיך דארויף אונטערגעשריבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. גאַנץ ריכטיג. אָבער דאַן האָב איך צוגע־לעגט א פּאָר צייליען, אין וועלכע איך האָב פערלאַנגט אַז אייער פּאָטער זאָל ערב זיין פאר אייך. ער האָט דאָס געזאָלט חתמ'נען.

נ אָ ר א. האָט געזאָלט? ער האָט גע'חתמ'עט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. דעם טאָג און דעם חודש האָב איך ניט אריינגעשריבען. אייער פּאָטער האָט געזאָלט אליין אריינשטעלען די דאַטע לעבען זיין אונטערשריפט. געדענקט איהר דאָס?

נ אָ ר א. יאַ, דאכט זיך...

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב אייך דאַן געגעבען דעם וועקסעל צו שיקען דעם פּאָטער. איז דאָס ניט אזוי געוועזען?

נ אָ ר א. יאַ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און איהר האָט נאַטירליך אזוי געטאָן? דען אין צייט פון פינף־זעכס טעג האָט איהר מיר צוריקגעבראַכט דעם וועקסעל אונטערגעשריבען מיט אייער פּאָטער'ס האַנד און איך האָב אייך געגעבען דאָס געלד.

נ אָ ר א. נו, איז וואָס? האָב איך דען אייך ניט געצאָהלט פּינקטליך צום טאָג?

ק ר אָ ג ס ט א ד. יאַ, ציעמליך, אָבער לאָמיר צוריקגעהן צו אונזער פּונקט: איהר האָט דאַן געהאַט גרויסע שוועריגקייטען, פרוי העלמער.

נ אָ ר א. מעהר ווי שוועריגקייטען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אייער פּאָטער איז, גלויב איך, געווען זעהר קראַנק דאַן?

נ אָ ר א. ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און איז קורץ דערנאָך טאַקי געשטאָרבען?

נ אָ ר א. יאַ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זאָגט מיר, פרוי העלמער, געדענקט איהר פּיעלייכט דעם טאָג פון זיין טויט? איך מיין דעם טאָג אין מאָנאַט?

נ אָ ר א. דער פּאָטער איז געשטאָרבען דעם 29טען סעפּ־טעמבער.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זעהר ריכטיג. איך האָב נאָכגעפרעגט. און דאָ קומט דאָס מערקווירדיגסטע, (ער נעהמט ארויס א פּאַפּיער) עטוואָס וועלכעס איך קען מיר ניט ערקלערען.

נ אָ ר א. וואָס פאר א מערקווירדיגקייט? איך וויים ניט...

ק ר אָ ג ס ט א ד. עס איז וואונדערבאר, מאדאם, אז אייער פאָטער זאָל האָבען גע'חתמ'עט דעם וועקסעל דריי טעג נאָך זיין טויט.

נ אָ ר א. וואָס? איך פערשטעה ניט..

ק ר אָ ג ס ט א ד. אייער פאָטער איז געשטאָרבען דעם 29טען סעפּטעמבער, איצט קוקט זיך צו! ער האָט דאַטירט זיין אונטערשריפט דעם 2טען אָקטאָבער. איז דאָס ניט וואונדערבאר, פרוי העלמער? (זי שווייגט.) קענט איהר דאָס ערקלערען? (נאָרא בלייבט שטיל.) עס איז נעטהיג צו בעמערקען, אז די ווערטער „צווייטען אָקטאָבער" און דעם יאָהר זיינען ניט אין אייער פאָטער'ס האנדשריפט, זאָנדערן אין א האנדשריפט, וועלכע מיר איז בעקאנט. נון, דאָס אלעס לאָזט זיך נאָך ערקלערען: אייער פאָטער מעג האָבען פערגעסען אונטערצושרייבען די דאטע און אנאנדערער מעג האָבען אריינגעשטעלט א דאטע, וועלכע איז איהם אין דער מינוט אריינגעקומען אין קאָפּ איידער אייער פאָטער'ס טויט איז בעקאנט געוואָרען. אין דעם זעה איך קיין שום בייז ניט. די הויפּטזאך איז די אונטערשריפט. נאטירליך, פרוי העלמער, זי איז אייער פאָטער'ס? ער אליין מיט זיין אייגענע האנד האָט אונטערגעשריעבען זיין נאָמען אויפ'ן וועקסעל?

נ אָ ר א. (נאָך א קורצען שטיל־שווייגען) ניין! א י ך האָב דאָרטען אויפגעשריעבען דעם פאָטער'ס נאָמען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אָה! ווייסט איהר, מאדאם, וואָס איהר האָט דאָ מודה געווען?

נ אָ ר א. ווארום? איהר וועט באלד צוריק־בעקומען אייער געלד.

ק ר אָ ג ס ט א ד. מעג איך אייך נאָך עטוואָס פרעגען?

זאָגט מיר, וואָרום האָט איהר דאַמאָלס ניט געשיקט דעם וועקסעל צו אייער פאָטער?

נ אָ ר אַ. דאָס איז געווען אונמעגליך. דער פאָטער איז גע־וועזען זעהר קראַנק. וואָלט איך איהם געבעטען אונטערשרייבען דעם וועקסעל, דאַן וואָלט איך איהם געמוזט דערצעהלען צו וואָס איך בעדאַרף דאָס געלד. ער אָבער איז דאַן געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז איך האָב איהם ניט געקענט זאָגען אַז מיין מאַן׳ס לעבען איז אין געפאַהר. דאָס איז געווען אונמעגליך.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. וואָלט ניט גלייכער געווען זיך צו ענט־זאַגען פון די רייזע?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין! דערפון האָב איך זיך ניט געקענט ענטזאַגען: מיין מאַן׳ס לעבען האָט פון דעם אָבגעהאַנגען.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. און האָט איהר גאָר ניט בעטראַכט, אַז איהר האָט מיט מיר ניט עהרליך געהאַנדעלט?

נ אָ ר אַ. דאָס איז פאַר מיר גאָרנישט געווען, איהר האָט מיך ניט געקימערט ניט אַ ברעקעל. אייך האָב איך ניט געקענט אָנזעהן פאַר די אַלע אונבאַרמהערציגע שוועריגקייטען, וועלכע איהר האָט מיר געמאַכט, אָבגלייך איהר האָט געוואוסט ווי קראַנק מיין מאַן איז געווען.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. פרוי העלמער, מיר שיינט אַז איהר האָט ניט די מינדעסטע פאָרשטעלונג וועגען דאָס וואָס איהר האָט גע־טאָן. איך קען אייך אָבער פערזיכערן, אַז אַ ט ה אַ ט ניט ערגער און ניט גרעסער ווי אייער טהאַט האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אויסוואורף פון דער געזעלשאַפט.

נ אָ ר אַ. אייך? איהר ווילט מיר איינריידען אַז איהר האָט געטאָן אַ בראַווע טהאַט צו רעטען אייער ווייב׳ס לעבען?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. דער געזעץ קימערט זיך ניט אַרום דעם צוליעב וואָס עטוואָס ווערט געטאָן.

נ אָ ר אַ. דאַן מוז עס זיין אַ זעהר שלעכטער געזעץ.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. שלעכט, אָדער ניט — ווען איך זאָל אַריינגעבען דעם וועקסעל אין געריכט, ווערט איהר נאָכ׳ן געזעץ פער׳משפט.

נ אָ ר אַ. דאָס גלויב איך ניט. ווילט איהר מיר איינרעדען, אַז אַ טאָכטער טאָר ניט פערשפּארען טרענקונג אַ פאָטער וואָס האַלט ביים שטאַרבען? אַז אַ פרוי טאָר ניט רעטען איהר מאַן'ס לעבען? איך האָב פון די געזעצע אַ שוואַכען בעגריף. אָבער, איך בין זיכער אַז איהר וועט געפינען דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש־וואו אַז דאָס מעג מען. און אי הר ווייסט ניט דערפון? איהר — אַ יוריסט? איהר מוזט זיין אַ שוואַכער געזעץ־מאַן, הערר קראָגסטאַד.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אפשר איך פון רעסטוראַנען געשעפט — אַזא געשעפט ווי אונזערן — פערשטעה איך יעדענפאַלס. גלויבט איהר דאָס? זעהר גוט; איצט טוט, ווי אי הר פערשטעהט. איינס נור וועל איך אייך זאָגען: אויב איך זאָל אריינגעוואָרפען ווערען אין רינגע אַ צווייטעס מאָל, וועט איהר מיך בעגלייטען. (פערבויגט זיך און געהט אַרויס דורכ'ן קאָרידאָר).

נ אָ ר אַ. אין לעבען ניט! ער וויל מיך איינשרעקען. אַזוי דום בין איך ניט. (הויבט אָן צונויפצולעגען די קינדערס זאַכען און בלייבט שטעהן.) און דאָך?... ניין, דאָס קען ניט זיין. איך האָב דאָס געטאָן אויס ליעבע.

ד י ק י נ ד ע ר. (ביים טיר) מאַמאַ, דער פרעמדער מאַן איז שוין ניטאָ?

נ אָ ר אַ. יאָ, יאָ, איך ווייס. אָבער זאָגט קיינעם ניט, אַז דער פרעמדער מאַן איז דאָ געווען, הערט איהר? אפילו דעם פאָטער ניט.

ד י ק י נ ד ע ר. ניין, מאַמינקע! און איצט וועסטו זיך מיט אונז ווידער שפּיעלען?

נ אָ ר אַ. ניין, ניין — ניט איצט.

ד י ק י נ ד ע ר. אָה, מאַ—מאַ, קום שפּיעלען, דו ווייסט דו האָסט צוגעזאָגט.

נ אָ ר אַ. יאָ, יאָ — אָבער איצט קען איך ניט. לויפט אריין צו זיך אין צימער, און זייט גוט, מיינע טייבעלעך! (זי שטופט זיי געלאַסען אריין אין דעם אַנדערן צימער און פערמאַכט די טיר;

זעצט זיך אויסנעהען, אַרבעט אַ מינוט, דאַן בלייבט זי ווידער שטעהן).
ניין! (זי וואַרפט אַוועק די ארבייט און רופט): העלענע! ברענג אריין די יאַלקע. (פויזע.) ניין, דאָס איז גאַנץ אונמעגליך!
ה ע ל ע נ ע. (מיט די יאַלקע) וואו זאָל איך עס שטעלען?
נ אָ ר אַ. דאָ אין מיטען צימער.
ה ע ל ע נ ע. בעדאַרפט איהר נאָך עטוואָס?
נ אָ ר אַ. דאַנקע. איך האָב אַלץ וואָס איז נעטהיג. (העלענע געהט אַרויס; נאָראַ בעשעפטיגט זיך מיט'ן בוים). דאָ דאַרף זיין אַ ליכטעל און דאָרטען בלומען... דער שרעקליכער מענש! אונזין, אונזין! די גאַנצע מעשה איז ניט ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי... די יאַלקע וועט זיין וואונדערשעהן. איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט, טאָרוואַלד, וואָס קען דיר מאַכען פערגניגען; איך וועל זינגען און טאַנצען און...
(העלמער קומט אַריין מיט אַ פּעקעל פּאַפּיערען אין האַנד).
נ אָ ר אַ. ביזטו שוין אזוי גיך צוריק?
ה ע ל מ ע ר. יאָ. איז ווער־עס־איז היער געוועזען?
נ אָ ר אַ. היער? קיינער־ניט.
ה ע ל מ ע ר. מערקווירדיג! איך האָב געזעהן קראָגשטאַד'ן ארויסקומענדיג פון הויז.
נ אָ ר אַ. האָסט איהם געזעהן? אָה, יאָ! גאַנץ ריכטיג! ער איז דאָ ווירקליך געוועזען אויף אַ מינוט.
ה ע ל מ ע ר. נאָראַ! איך קען זעהן נאָך דיינע רייד נאָך, אז ער האָט דיך געבעטען פאר איהם צו זיין אַ גוטע בעטערקע.
נ אָ ר אַ. דאָס איז וואהר.
ה ע ל מ ע ר. און ווי איך פערשטעה, האָסטו דאָס כלומרשט געזאָלט טאָן ניט געבעטענערהייט. דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָלט זאָגען וועגען זיין קומען אהער! האָט ער ניט ד ע ם פּלאַן אויך געמאַכט?
נ אָ ר אַ. יאָ, טאָרוואַלד, אָבער...
ה ע ל מ ע ר. נ אָ ר אַ, נ אָ ר אַ! און דו האָסט זיך געקענט אַראָבלאָזען צו אַזאַ שטופע? צו רעדען מיט אַזאַ מענשען?

איהם דאָס צו צולאָזען. און דאַן מיר זאָגען אַ ליגען וועגען דעם!

נ אָ ר אַ. אַ ליגען?

ה ע ל מ ע ר. האָסטו דען ניט געזאָגט, אַז דאָ איז קיינער ניט געוועזן. (איהר מאַכענדיג אַ סטראַשונאַק מיט'ן פינגער) מיין טייבעלע זאָל מיר אַזעלכע זאַכען ווייטער ניט טאָן. אַ זינג־פייגעלע טאָר ניט זינגען פאַלשע נאָטען. (ער נעהמט זי אַרום) דאָס איז ריכטיג, ניין? איך בין געוועזן איבערצייגט אַז די מעשה איז אַזוי געוועזן. און איצט אַ סוף! לאָמיר אַרום דעם מעהר ניט רעדען. (ער זעצט זיך ביים פייער) אָה! ווי שטיל און געמיטהליך היער איז! (קוקט אַריין אין די פּאַפּיערען).

נ אָ ר אַ. (ביים בוים) טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. נו?

נ אָ ר אַ. איך ערוואַרט מיט אַזוי פיעל אונגעדולד דעם מאַסקען־באַלל ביי די סטענבאָרג'ס איבערמאָרגען.

ה ע ל מ ע ר. איך וויעדער בין נייגעריג צו וויסען די אייבערראַשונג, וועלכע דו מיינסט מיר צו מאַכען.

נ אָ ר אַ. אָה, דאָס איז זעהר לאַנגווייליג!...

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז?

נ אָ ר אַ. דער קלערען. איך קען ניט אויסטראַכטען עפּעס רעכטס. מיר שיינען די מאַסקען מיינע אַלע דום און אָהן אַ זין.

ה ע ל מ ע ר. האָט קליין־נאַרעלע ניט געמאַכט קיין שום ערפינדונג?

נ אָ ר אַ. (הינטער זיין שטול) ביזטו זעהר בעשעפטיגט, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. וואַרום פרעגסטו?

נ אָ ר אַ. וואָס זיינען דאָס פאַר פּאַפּיערען?

הע ל מ ע ר. באַנק־דאָקומענטען.

נ אָ ר אַ. שוין, אַזוי גיך?

ה ע ל מ ע ר. איך האָב געקראָגען די ערלויבניס פון דעם אַלטען דירעקטאָר מיר צו לאָזען מאַכען ענדערונגען אין דעם פּערזאָנאַל פון באַנק און דעסגלייכען. דאָס וועט מיר נעהמען די

וואָך ביז ניי־יאָהר. דאַן וועט אַלץ גערן גלאַט.

נ אָ ר אָ. אַלזאָ, דאָס איז דער גרונד וואָרום דער אָרימער קראַנקסטאַר —

ה ע ל מ ע ר. הם...

נ אָ ר אָ. (איהם גלעטענדיג די האָר אויפ'ן קאָפּ) ווען דו וואָלסט ניט געווען אַזוי בעשעפטיגט, וואָלט איך דיר געבעטען, אַז דו זאָלסט מיר טאָן אַ גרויסע, גרויסע טובה, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. וואָס קען דאָס זיין? לאָמיר הערען.

נ אָ ר אָ. קיינער האָט ניט אַזאַ געשמאַק ווי דו; איך וואָלט אַזוי וועלען שעהן אויסזעהן אויפ'ן מאַסקען־באַלל! ליעבער טאָרוואַלד — וואָלסטו זיך ניט קענען נעהמען צו מיר און בעשליסען וואָס איך זאָל זיין און וואָס פאַר אַ קאָסטיום איך זאָל טראָגען?

ה ע ל מ ע ר. אַהאַ! אונאַבהענגיגע נאַרעלע איז אין אַ פערלעגענהייט און זוכט אַ רעטער אין נויט!

נ אָ ר אָ. יאָ, טאָרוואַלד! טו דאָס פאַר מיר. איך וועל אָהן דיר ניט אויסקומען.

ה ע ל מ ע ר. גוט, גוט. איך וועל אַרום דעם טראַכטען און מיר וועלען באַלד קומען עפּעס אויף אַ פּלאַן.

נ אָ ר אָ. (צוריקגעהענדיג צום בוים) ווי שעהן די רויטע בלומען נעהמען זיך אויס! זאָג מיר, האָט דען קראָגסטאַד געטאָן אַ שרעקליכען פערברעכען ווען ער איז אריינגעפאַלען?

ה ע ל מ ע ר. פעלשונג, דאָס איז אַלעס. ווייסטו דען ניט וואָס דאָס בעטייט?

נ אָ ר אָ. האָט ער ניט געקענט דערצו געטריבען זיין דורך נויט?

ה ע ל מ ע ר. פיעלייכט. אָדער ער קען דאָס האָבען געטאָן, ווי פיעלע אַנדערע מענשען, דורך היילע לייכטזיניגקייט. איך בין ניט אַזוי האַרטהערציג צו פערדאַמען אַ מענשען נאָר אין גאַנצען פאַר איין איינציגען פעהלער.

נ אָ ר אָ. ניין, גאַנץ געוויס ניט.

ה ע ל מ ע ר. אַ מענש קען לייכט צוריק ערווערבען זיך אַ

כאראקטער, אויב ער איז מודה זיין פערברעכען און נעהמט זיין שטראף.

נ אָ ר אָ. פערברעכען?

ה ע ל מ ע ר. אָבער קראָגסטאד האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט גערעדט און געשווינדעלט און דאָס איז עס וואָס האָט איהם פערדאָרבען.

נ אָ ר אָ. מיינסטו דען אז...

ה ע ל מ ע ר. שטעל זיך נור פאָר, ווי אַ מענש וואָס טראָגט ארום אזא מין זאך אויף זיין געוויסען, מוז אימער זאָגען ליגענס, מוז זיך אימער פערשטעלען און צבוע'יאקעווען. בעדענק וואָס פאר אַ מאסקע ער מוז אימער טראָגען אפילו לעבען זיין אייגענע פרוי און קינדער. ערגער ווי אַלץ איז דאָס פאר קינדער, נאָראַ!

נ אָ ר אָ. ווארום?

ה ע ל מ ע ר. ווייל אזא וואָלקען פון שטויב פול מיט ליגענס מוז פערגיפטען און אָנשטעקען די גאנצע לופט פון די הויז. מיט יעדען אָטעם־צוג שלינגען די קינדער איין אַ קערנדעל, פון וועלכען עס וואכסט ארויס בייזע פרוכט.

נ אָ ר אָ. (קומענדיג נעהנטער הינטער איהם) ביזטו דערפון איבערצייגט?

ה ע ל מ ע ר. אלס אדוואָקאט האָב איך דאָס געזעהן אָפט גענוג. כמעט אין אַלע פעלע וואו יונגע קינדער טוען אַ פער־ברעכען שטאמט דאָס ארויס פון מוטערס־ליגנערקעס.

נ אָ ר אָ. ווארום גראָד מוטערס?

ה ע ל מ ע ר. עס קומט געוועהנליך פון די מוטער'ס זייט, אָבער דעם פאָטער'ס איינפלוס קען, נאטירליך, אויך אזוי זיך אָב־רופען. נו, דיעזער קראָגסטאד האָט יאָהרענלאנג פערגיפטעט זיינע אייגענע קינדער דורך אַ לעבען פון ליגענס און צבוע'יאצטוואָ — דאָס איז ווארום איך רוף איהם מאָראליש פערדאָרבען. (שטרעקט אויס זיין האַנד צו איהר) איצט מוז מיין זיסע נאָראַ מיר צוזאָגען פאר איהם ניט מעהר צו כאדאטאייסטווענען. גיב מיר אַ האַנד, אז דו וועסט דאָס ניט טאָן מעהר. וואָס איז דאָס? גיב מיר דיין

האנד. אַט אזוי! אָבגעמאַכט! גלויב מיר, עס וואָלט מיר גע־וועז גאַנץ אונמעגליך צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען. מיך עקעלט איינפאַך אָב ווען איך קום צווישען אזעלכע פערזאָנען.

(נאָרא כאַפּט צו איהר האַנד און געהט צוריק צום בוים.)

נ אָ ר א. ווי ווארעם עס איז היער. און איך האָב אַ סך צו טאָן.

ה ע ל מ ע ר. און איך מוז דורכזוכען איינינע פון די פאַפּיע־רען פאר מיטאָג. וועל אויך אַ טראַכט טאָן וועגען דיין קאָסטיום. איך וועל אפשר געפינען עטוואס ארייגצולייגען אין געגולטע פאַ־פּיערלעך אויף דעם וויינאַכטס־בוים... מיין טייערע זינג־פויגעלע! (ער געהט אריין אין זיין צימער און פערמאַכט הינטער זיך די טיר.)

נ אָ ר א. (אין דער שטיל) עס קען ניט זיין! עס איז ניט מעגליך! עס קען ניט זיין מעגליך!

א נ נ א. (שטעהענדיג אין טיר) די עופעלעך בעטען זיך צו זייער מאַמאַ.

נ אָ ר א. ניין, ניין! לאָז זיי ניט אריינקומען צו מיר! האַלט זיי ביי זיך, אננא!

א נ נ א. זעהר גוט, מאדאם. (זי פערמאַכט די טיר).

נ אָ ר א. (בלייך און אין היילע ציטערנעס) פערדאָרבען מיינע קינדער! פערגיפטען מיין הויז!! (פּויזע.) דאָס קען ניט זיין וואהר! דאָס קען ניט, קען ניט זיין וואהר!

(פ אָ ר ה א נ ג)

צווייטער אַקט.

(דאָסזעלבע צימער. אין דעם ווינקעל לעבען פּיאַנאָ שטעהט דער וויהנאַכטס־בוים ארומגעפליקט, ווי נאָך יום־טוב, די ליכט אַלע אויסגע־ברענט. נאָראַ׳ס קליידער צום אויסגעהן אין גאַס ליעגען אויפן זאָפאַ, נאָראַ שפּאַצירט אַרום אין צימער הין און צוריק זעהר אונרוהיג. זי בלייבט שטעהן ביים זאָפאַ, נעהמט איהר מאַנטעל און לעגט עס באַלד צוריק אוועק.)

נ אָ ר אַ. עס קומט אימיצער (געהט און האָרכט) קיינער ניט; עס ווערט וואהרשיינליך קיינער היינט ניט קומען — דעם טאָג פון וויהנאַכטען; מאָרגען אויך ניט. אָבער פיעלייכט... (זי עפענט די טיר און בליקט אריין אין בריעפקאַסטען) ניין, אין בריעפ־קאַסטען איז קיין זאַך ניטאָ... גאַנץ ליידיג. (קומט צוריק) אונ־זין, אונזין! ער האָט נור געוועלט מיך איינשרעקען. ניטאָ דער־פאַר וואָס מורא צו האָבען. דאָס איז אַ זאַך וואָס קען ניט זיין. אונזין! איך האָב דריי קליינע קינדערלעך.

אַ נ נ אַ. (אריינטראָגענדיג אַ גרויסען פּאַפּירענעם קעסטעל) ענדליך האָב איך געפונען דעם קאַסטען מיט׳ן מאַסקען־קאָסטיום.

נ אָ ר אַ. דאַנקע. לעג עס אוועק אויפ׳ן טיש.

אַ נ נ אַ. אָבער עס איז שטאַרק צוקאָרטשעט.

נ אָ ר אַ. אָה, ווי גערן וואָלט איך דאָס צוריסען אויף הונ־דערט־טויזענד קליינע פיצעלעך...

אַ נ נ אַ. אָה, ניין! מען קען דאָס נאָך גאַנץ גוט צורעכט־מאַכען; דערצו איז נעטיג אַ קליין ביסעלע געדולד.

נ אָ ר אַ. איך וועל געהן בעטען פרוי לינדע, אז זי זאָל מיר העלפען.

אַ נ נ אַ. געהט איהר ווידער אין גאַס ארויס אין אַזאַ וועטער ווי דער היינטיגער? איהר וועט זיך צוקיהלען, מאַדאַם, און וועט קראַנק ווערען.

נ אָ ר אַ. ערגערע זאַכען קענען פּאַסירען. וואָס טוען די קינדער?

אַ נ נ אַ. זיי שפּיעלען זיך מיט זייערע ווייהנאַכטס־געשאַנקע — אָרימע קליינע עופּעלעך; אָבער...

נ אָ ר אַ. פרעגען זיי זיך אָפּט נאָך מיר?

אַ נ נ אַ. געווים; זיי זיינען, פערשטעהט איהר, אַזוי גע־וואוינט געוואָרען אימער צו האָבען די מאַמע לעבען זיך.

נ אָ ר אַ. יאַ אַננאַ; אין דער צוקונפט אָבער קען איך זיי אַזוי אָפּט ארום זיך ניט האָבען.

אַ נ נ אַ. איבריגענס... קליינע קינדער געוואוינען זיך צו אַלץ צו.

נ אָ ר אַ. מיינסטו אַזוי? גלויבסטו זיי וואָלטען זייער מוטער פערגעסען ווען זי זאָל אוועקגעהן גאָר — גאָר אין גאַנצען?

אַ נ נ אַ. גרויסער גאָט! אוועקגעהן אין גאַנצען?

נ אָ ר אַ. זאָג מיר, אַננאַ... איך האָב זיך דעריבער אָפּט גע־וואונדערט... ווי האָסטו געקענט ביי זיך פּועל'ן אָבצוגעבען דיין קינד צו פרעמדע מענשען?

אַ נ נ אַ. איך האָב דאָס געמוזט ווען איך בין געוואָרען מריי־לין נאָרעלעס ניאַנקע.

נ אָ ר אַ. אָבער ווי אַזוי האָסטו זיך דערצו געקענט בע־שליסען?

אַ נ נ אַ. ווען מיר האָט זיך געמאַכט אַזאַ גוטע שטעלע? אַן אָרימע מיידעל, וועלכע האָט אויף זיך ארויפגעבראַכט אַ צרה, מוז נעהמען וואָס זי קריעגט! דער שלעכטער מענש... האָט פון מיר גאָר ניט געוואָלט וויסען.

נ אָ ר אַ. דיין טאָכטער אָבער האָט דיך וואהרשיינליך גאַנץ פערגעסען...

אַ נ נ אַ. אָה, ניין, מאַדאַם, דורכאויס ניט! איך האָב גע־האַט אַ בריעף פון איהר ווען זי האָט חתונה געהאַט און איינמאָל זאָגאַר פריהער.

נ אָ ר אַ. (איהר אַרומנעהמענדיג) ליעבסטע אננאַ! דו ביסט געווען אַ גוטע מאַמע צו מיר בעת איך בין געווען קליין.

אַ נ נ אַ. מיין אָרעמע נאָרעטשקע האָט ניט געהאַט קיין אַנדער מאַמע חוץ מיר.

נ אָ ר אַ. און אויב מיינע עופעלעך זאָלען ניט האָבען קיין אַנדער מאַמע... איך בין זיכער, דו וואָלסט... אונזין, אונזין! (זי עפענט דעם קעסטעל) געה אריין צו די קינדער. איך מוז איצט... דו וועסט זעהן מאָרגען ווי שעהן איך וועל זיין!

אַ נ נ אַ. אָה, עס וועט אויפ'ן באָל ניט זיין אַזא שעהנע פּערזאָן ווי מיין פריילין נ אָ ר אַ. (געהט ארויס.)

נ אָ ר אַ. (נעהמט ארויס דעם קאָסטיום און לעגט גלייך צוריק אַוועק) אָה, ווען איך וואָלט געמעגט ארויסצוגעהן. ווען איך וואָלט נור וויסען אַז קיינער וועט ניט קומען, אַז עס וועט דאָ דער־ווייל קיין זאַך ניט פּאַסירען! אונזין! קיינער וועט דאָ ניט קומען. ווי שלאָגט מען זיך ארויס פון קאָפּ די געדאַנקען... ווי שעהן די מופטע איז! רייצענדע, רייצענדע הענטשקעס! אַוועק! אַלץ אַוועק! אַלץ! אַלץ! איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעכס... (אויסשרייענדיג) אַה, מען קומט! (זי געהט צום טיר און בלייבט שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן.)

נ אָ ר אַ. (צו פרוי לינדע, וועלכע קומט אריין) אָה, כריס־טינע, דאָס ביזטו! איז דאָרטען מעהר קיינער ניטאָ? ווי גוט דאָס איז פון דיר צו קומען.

פ ר. ל י נ ד ע. איך הער, אַז דו ביזט געווען אויף מיין קוואַרטיר.

נ אָ ר אַ. יאָ, פערבייגעהענדיג. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר העלפען. לאָמיר זיך דאָ זעצען אויפ'ן זאָפע... אָט אַזוי. מאָרגען אָווענד וועט זיין אַ באָלל ביי קאָנסול סטענבאָרג דאָ אין דעם אויבערשטען עטאַזש און טאָרוואַלד וויל אַז איך זאָל ערשיינען ווי אַ פישער־מיידעל און אַז איך זאָל טאַנצען די טאַ־ראַנטעלאַ; דאָס האָב איך געלערנט אין קאַפּרי...

פ ר. ל י נ ד ע. אָה, איך זעה! אַ גאַנצע פאָרשטעלונג.

נ אָ ר אַ. יאַ, טאָרוואַלד וויל אזוי. גיב אַ קוק. אָט דאָס, זעהסטו, איז דער קאָסטיום. טאָרוואַלד האָט דאָס געלאָזט מאַכען פאר מיך אין איטאַליען; אָבער עס איז שוין אזוי צוריסען, אַז איך ווייס אליין ניט...

פ ר. ל י נ ד ע. אָ, דאָס וואָלטע מיר שוין קענען לייכט פעררימטען. די בעפּוצונג נור איז ערטערווייז לויז־געוואָרען. האָסטו אַ נאָדעל מיט באַוועל? אָ, היער! אָט איז עס דאָך, גוט.

נ אָ ר אַ. אָ, ווי פריינדליך פון דיר.

פ ר. ל י נ ד ע. דו וועסט אלזא זיין מאַסקירט מאָרגען? ווייסטו וואָס, נאָרא? איך מוז קומען אויף אַ ווײַלע דיך זעהן. אָבער, אָה! איך האָב גאָר אין גאַנצען פערגעסען דיר צו דאַנקען פער דעם אנגענעהמען אָוועגד וואָס איך האָב דאָ נעכטען פער־בראַכט.

נ אָ ר אַ. (שטעהט אויף און שפּאַצירט ארום איבער דער ביהנע) נעכטען? נו, אזוי אנגענעהם ווי אימער עס איז גאָר ניט גע־וועזען. דו האָסט געזאָלט קומען אַ ביסעל פריהער, כריסטינע. קיינער קען אזוי ליכטיג און פרעהליך ניט מאַכען אַ הויז ווי טאָרוואַלד.

פ ר. ל י נ ד ע. דו אליין, רעכען איך, קענסט דאָס אויך; דו ביזט געראָטען אין טאַטען... אָבער זאָג מיר, איז דאָקטאָר ראַנק אימער אזוי מעלאַנכאָליש ווי ער איז נעכטען אָוועגד געוועזען?

נ אָ ר אַ. ניין, נעכטען איז ער געווען עפּעס גאָר אונגע־וואוינליך מעלאַנכאָליש. ער האָט, פערשטעהסטו, אַ שרעקליכע קראַנקהייט. ער ליידט פון רוקען־מאַרך אויסצעהרונג. מען זאָגט אַז זיין פאָטער האָט געפיהרט אַ שרעקליך ווילדען לעבען... האָט געהאַלטען מעטרעסען און נאָך אזעלכע זאַכען... דערפון איז דער זוהן, פערשטעהסטו, געווען קראַנק פון קינד־ווייז אויף.

פ ר. ל י נ ד ע. (לאָזענדיג איהר אַרבייט אַראָפּפאַלען אויף די קניע) אָבער, טהייערע נאָרא! ווי קומסט דו צו וויסען פון אזעלכע זאַכען?

נ אָ ר אַ. אָה, ווען מען איז אַ מאַמע פון דריי קינדער, ווערט

מען בעזוכט פון פרויען, וועלכע ווייסען פון דיזעס און יענעס אין מעדיצין — זיי ריידען און מען הערט זיך צו.

פר. ל י נ ד ע. (פאָרטזעצענדיג צו נעהען; נאָך אַ קורצע פויזע) קומט דאָקטאָר ראַנק אַהער אַלע טאָג?

נ אָ ר אַ. אַלע ליעבע טאָג. טאָרוואַלד'ס איז ער אַ יוגענד־פריינד. ער איז אויך מיינער אַ גוטער פריינד. דאָקטאָר ראַנק איז ביי אונז אַ שטענדיגער איינגעהער.

פ ר. ל י נ ד ע. נו, און איז ער אויך ערנסט? איך מיין האָט ער ניט אַ נאַטור צו מאַכען מענשען פוסטע קאָמפּלימענטען?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין! ווי קומסטו דערצו?

פ ר. ל י נ ד ע. ווייל ווען דו האָסט אונז נעכטען פאָר־נעשטעלט האָט ער געזאָגט, אז ער האָט מיין נאָמען אָפט געהערט דאָ אין הויז. נון האָב איך אָבער בעמערקט, אז דיין מאַן האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען ווער איך בין. ווי אזוי דען האָט דער דאָקטאָר געקענט...

נ אָ ר אַ. געוויס, דאָס איז אָבער זעהר איינפאַך, כריסטינע! טאָרוואַלד, זעהסטו, האָט מיך אזוי אונענדליך ליעב, אז ער וויל מיך האָבען, ווי ער זאָגט, אין גאַנצען פאַר זיך אַליין. די ערסטע צייט נאָך אונזער חתונה פלעגט ער זיין אייפערזיכטיג ווען איך פלעג דערמאָנען אימעצען אפילו פון דער פאַמיליע; דערפאַר האָב איך נאַטירליך פון קיינעם ניט גערעדט. אָבער מיט דאָקטאָר ראַנק האָב איך אָפט גערעדט וועגען די אַלטע צייטען, ווייל ער האָט ליעב דערפון צו הערען.

פ ר. ל י נ ד ע. הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, נאָראַ! מיר דאַכט דו ביסט אין אַ סך זאַכען נאָך גאָר אַ קינד. איך בין עלטער פאַר דיר און מעהר ערפאַהרען. פאָלג מיך און מאַך אַ סוף פון די גאַנצע מעשה מיט דאָקטאָר ראַנק.

נ אָ ר אַ. וועלכע מעשה?

פ ר. ל י נ ד ע. דו האָסט נעכטען גערעדט ארום אַ רייכען ליעבהאָבער, וועלכער זאָל דיר געבען דאָס געלד...

נ אָ ר אָ. יאָ, אָבער אזעלכער, וואָס איז, צום אונגליק, נאָך ניט בעשאַפען געוואָרען. אָבער געגען וואָס זאָגסטו דאָס?

פ ר. ל י נ ד ע. האָט דאָקטאָר ראַנק געלד?

נ אָ ר אָ. יאָ.

פר. ל י נ ד ע. און קיינעם ניט צו פערזאָרגען?

נ אָ ר אָ. קיינעם ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. און ער קומט צו אייך אלע טאָג?

נ אָ ר אָ. יאָ, יעדען טאָג.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן איז עס ניט פיין פון איהם.

נ אָ ר אָ. איך פערשטעה דיך ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. פערשטעל זיך ניט, איך בעט דיך. מיינסטו איך פערשטעה ניט ווער דיר האָט געליהען די צוועלף הונדערט טאָלער?

נ אָ ר אָ. דו ביזט פון זינען אראָב! דו גלויבסט דאָס? ניט שלעכט, חלעבען, א פריינד, וועלכער קומט אחער יעדען טאָג! דאָס וואָלט געוועזען שרעקליך...

פ ר. ל י נ ד ע. אלזאָ, ווירקליך ניט ער?

נ אָ ר אָ. אָה, ניין! דאָס קען איך דיר פערזיכערען. עס וואָלט מיר דאָס אפילו אין טרוים ניט איינגעפאַלען. א חוץ דעם, האָט ער דענטסמאָל גאָר ניט געהאַט וואָס צו לייהען. זיין איי־גענטהום האָט ער געקראָגען פיעל שפּעטער.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן גלויב איך, איז דאָס פאר דיר געוועזען א שטיק גליק, מיין ליעבע נאָראַ.

נ אָ ר אָ. מיר וואָלט, זיכער, קיינמאָל ניט געקומען אויף די געדאַנקען איהם צו בעטען. אָבער איך צווייפעל ניט, אז ווען איך וואָלט...

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס דאָס וואָלסטו נאַטירליך ניט טאָן...

נ אָ ר אָ. גאַנץ געוויס ניט. עס איז אונדענקבאר אז דאָס זאָל ווען עס איז קענען נעטהיג זיין. אָבער ווען איך זאָל רעדען מיט דאָקטאָר ראַנק...

פ ר. ל י נ ד ע. הינטער דיין מאַן'ס רוקען?

נ אָ ר אָ. איך מוז ארויסקריעכען פון מיין אנדער פער־דרעהעניס, דאָס איז אויך הינטער זיין רוקען. עס מוז נעהמען אַן ענד!

פ ר. ל י נ ד ע. געוויס, געוויס! דאָס האָב איך דיר נאָך נעכטען געזאָגט! נו?

נ אָ ר אָ. (ארומגעהענדיג הין און צוריק) אָ, א מאַן קען אַזעלכע זאכען פיעל בעסער בעזאָרגען ווי א פרוי.

פ ר. ל י נ ד ע. אַן אייגענער מאַן, אָה יאָ!

נ אָ ר אָ. אונזין! (זי בלייבט שטעהן) הער, ווען די שולד איז בעצאָהלט, קריעגט מען דעם פּאַפּיערעל צוריק, ניין?

פ ר. ל י נ ד ע. געוויס.

נ אָ ר אָ. און דאן קען מען דאָס צורייסען אויף הונדערט טויזענד קליינע שטיקעלעך, און פערברענען, די מיאוס'ע שמוּ־ציגע סמאַטע!

פ ר. ל י נ ד ע. (איהר שטאַר אָנבליקענדיג, לעגט זי אוועק די אַרבייט און הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) נאָרא, דו בעהאַלסט פון מיר עטוואָס!

נ אָ ר אָ. קענסט דאָס זעהן אויף מיין געזיכט?

פ ר. ל י נ ד ע. עטוואָס האָט דאָ פּאַסירט פון נעכטען אין דער פריה אָן. וואָס איז דאָס, נאָרא?

נ אָ ר אָ. (צוגעהענדיג צו איהר) כריסטינע... (זי האָרכט) ששש! טאָרוואַלד קומט אהיים. שנעל געה אריין אינ'ם קינדער־צימער; טאָרוואַלד האָט פיינט צו זעהען דאָ שניידעריי. לאָז אננא דיר העלפען.

פ ר. ל י נ ד ע. (צוזאמענגעהמענדיג די געניי) זעהר גוט; אָבער איך וועל ניט אוועקגעהן וואו דו וועסט מיר ניט אַלעס דערצעהלען. (זי געהט ארויס לינקס. העלמער קומט אַריין פון פאָר־דער צימער.)

נ אָ ר אָ. (צו איהם צולויפענדיג) אָה, ווי איך האָב נאָך דיר היינט געבענקט, ליעבער טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. איז די נייטערין היער געוועזען?

נ אָ ר אָ. ניין, כריסטינע. זי העלפט מיר צורעכטמאַכען מיין קאָסטיום. דו וועסט זעהן ווי שעהן איך וועל אין איהם אויסזעהן.

ה ע ל מ ע ר. יאָ, דאָס איז געווען אַ גליקליכער איינפאַל, ניין?

נ אָ ר אַ. בריליאַנט! אָבער בין איך ניט אויך אַ גוטע וואָס איך פאָלג דיר?

ה ע ל מ ע ר. (איהר גלעטענדיג דאָס געזיכט) גוט ווייל דו פאָלגסט? דיין אייגענעם מאַן? זעהר שעהן, מיין צולאָזענע קעצעלע, איך ווייס, דו מיינסט דאָס ניט. אָבער לאָמיך דיר ניט שטערען. דו מוזט וואהרשיינליך האַלטען ביין אָנמעסטען...

נ אָ ר אַ. און דו געהסט געווים ווידער צו דער ארבייט?

ה ע ל מ ע ר. יאָ. (איהר ווייזענדיג אַ פעקעל פאַפּיערען) גיב אַ קוק. איך בין נאָר־וואָס געווען אין באַנק. (ער וויל געהן צו זיך אין צימער אריין.)

נ אָ ר אַ. טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז?

נ אָ ר אַ. ווען דיין ווערבערקעלע וואָלט דיר עפּעס שטאַרק, שטאַרק געבעטען...

ה ע ל מ ע ר. נו?

נ אָ ר אַ. וואָלסטו דאָס געטאָן?

ה ע ל מ ע ר. איך מוז צוערסט וויסען וואָס דאָס איז.

נ אָ ר אַ. דיין וועבערקעלע וואָלט אזוי פיין ארומשפּרינגען און דיר מאַכען אלערליי קונצען, ווען דו וואָלסט נור זיין גוט צו איהר, און וואָלסט איהר געפאָלגט.

ה ע ל מ ע ר. גוט, נו! לאָמיך הערען וואָס דאָס איז.

נ אָ ר אַ. דיין פויגעלע וואָלט זינגען פון אין דער פריה ביז ביי דער נאַכט.

ה ע ל מ ע ר. אָ, דאָס טוט זי סיי־ווי־סיי.

נ אָ ר אַ. איך וואָלט דיר...

ה ע ל מ ע ר. הער, נאָראַ! דו טראַכטסט דאָך, לאָמיך האָ־

פען, נ׳ט ארום דעם ווענען וואָס דו האָסט מיט מיר נעבטען נערעט ?

נ אָ ר א. (צוגעהענדיג נעהנטער) יא, יא, טאָרוואלד... איך בעט דיך, טו דאָס פאר מיר, מיין ליעבער!

ה ע ל מ ע ר. האָסטו ווירקליך דעם מוטה ארום דעם פון דאָס נייע אָנצופאַנגען ?

נ אָ ר א. יא, יא, ליעבסטער, דו מוזט מיר פאָלגען און לאָזען קראָגסטאד׳ען אויף זיין שטעלע אין דער באנק. טו דאָס, אָה טו דאָס!

ה ע ל מ ע ר. אָבער, טייערע נאָרא, דאָס איז דאָך די שטעלע, וועלכע איך מיין צו געבען פרוי לינדע.

נ אָ ר א. געוויס, און דאָס איז זעהר פריינדליך פון דיר. אָבער אנשטאט קראָגסטאדען זאָג־אָב וועמען־עס־איז אנאנדערן.

ה ע ל מ ע ר. וואָס? דאָס איז אן אונערהערטע שטיקעל איינגעשפּארטקייט, חלעבען! ווייל דו האָסט אונבעדאַכטערהייט פערשפּראָכען איהם בייצושטעהן, זאָל איך?...

נ אָ ר א. ניט דאָס, ניט דאָס, טאָרוואלד. דאָס איז פון דיינטוועגען. דער מאן שרייבט פאר אלערליי שמוציגע צייטונ־גען — דאָס האָסטו מיך אליין געזאָגט — ער קען דיר טאָן פיעל שאָדען. איך האָב פאר איהם שרעקליך מורא.

ה ע ל מ ע ר. אָ, איך פערשטעה; דיך שרעקען די אלטע ערינערונגען.

נ אָ ר א. וואָס מיינסטו?

ה ע ל מ ע ר. דו טראכסט נאטירליך וועגען דיין פאָטער...

נ אָ ר א. יא, געוויס, געוויס. דענק נור, וואָס פאר שענד־ליכע זאכען בייזע צינגער פלעגען זאָגען אין די צייטונגען וועגען מיין פאָטער. מען וואָלט איהם, רעכען איך, זיכער ענטזאָגט פון דער שטעלע ווען די רעגיערונג וואָלט ניט געשיקט א מאן ווי דיך אלעס נאָכזעהן און ווען דו וואָלסט צו איהם ניט אזוי גוט געוועזען.

ה ע ל מ ע ר. ליעבסטע נאָר, דער אונטערשיעד צווישען דיין פאָטער און מיר איז זעהר, זעהר גרויס. דיין פאָטער איז ניט

געוועז גאָר אין גאַנצען פריי פון פערדאַכט. איך בין עס און האָף אזוי צו בלייבען.

נ אָ ר א. אָ, קיינער ווייס ניט וואָס בייזע מענשען קענען אויסטראַכטען. מיר וואָלטען געראַדע איצט קענען אזוי גליקליך לעבען אין אונזער רוהיגע, ליעבליכע הייזעלע, דו, איך און די קינדערלעך, טאָרוואַלד! דאַרום בעט איך דיך אזוי...

ה ע ל מ ע ר. אָבער געראַדע דיין אָננעהמען זיך פאַר איהם מאַכט זיין בלייבען אויף דער שטעלע אבסאָלוט אונמעגליך. יעדער אין דער באַנק ווייס שוין, אז איך מיין צו ענטלאַסען קראָגסטאַדען. לאָז איצט ארויסגעהן דער קלאַנג, אז דער נייער דירעקטאָר האָט זיך געלאָזען איבעררעדען פון זיין ווייב...

נ אָ ר א. וואָס וואָלט זיין?

ה ע ל מ ע ר. אָ, גאָרנישט... אזוי לאַנג ווי אַ קאַפּריזנע פרוי קען נור אויספיהרען אלץ וואָס זי וויל — זאָל מען טאַקי פון מיר חוזק מאַכען, זאָלען טאַקע מענשען ארומגעהן און זאָגען, אז איך ווער רעגירט פון אַ ספּאָדניצע. גלויב מיר, איך וואָלט זעהר באַלד דערפיהלט די פאָלגען דערפון. און דאַן איז דאָ אַנאַנדער גרונד וואָרום קראָגסטאַד און איך זיינען קיין פּאָאַר ניט.

נ אָ ר א. וואָס נאָך?

ה ע ל מ ע ר. איך וואָלט אפשר שוין ווי עס איז געקענט זיך מאַכען ניט זעהענדיג זיין בעפלעקטען כאַראַקטער...

נ אָ ר א. געוויס, טאָרוואַלד, דו וואָלסט דאָס געקענט, ניין?

ה ע ל מ ע ר. און ווי איך הער, פערשטעהט ער גראָד זיין ארבייט. אָבער דו מוזט ניט פערגעסען, אז ער איז מיינער אַ נעוועזענער חבר פון שוהל — צווישען אונז האָט אַמאָל עקזיסטירט יענע אונבעזאָננענע קינדערשע פריינדשאַפט, וועלכע עס פערדריסט אָפט אין די עלטערע יאָהרען. איך דאַרף פון דיר ניט לייקענען — מיר דוצען זיך זאָגאר און ער טוט דאָס ווי אויף להכעיס פאַר אַלעמען אין די אויגען. אָבער טאָרוואַלד און ווידער טאָרוואַלד, „דו" אהער און „דו" אהין. גלויב מיר, דאָס איז מיר זעהר

פיינליך. דאָס וואָלט מאַכען מיין לאַגע אַלס דירעקטאָר פון דער באַנק אונערטרעגליך.

נ אָ ר אַ. טאָרוואַלד, דו ביזט ניט ערנסט.

ה ע ל מ ע ר. ניין? ווארום ניט?

נ אָ ר אַ. דער גרונד דיינער איז אַזאַ קליינליכער.

ה ע ל מ ע ר. וואָס, קליינליך? האַלטסטו מיך פאַר קליינליך?

נ אָ ר אַ. ניין, ניין, ליעבער טאָרוואַלד, געראַדע דאָס גע־געגנטהייל, אָבער טאָקי ווייל איך האַלט דיך פאַר...

ה ע ל מ ע ר. גענוג, גענוג! אויב מיינע מאָטיוון זיינען קליינליכע, בין איך וואהרשיינליך אליין ניט בעסער. קליינליך, נישט־קשה, חלעבען! זעהר גוט! נו, לאָמיר איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף דערפון. (ער געהט צום קאָרידאָר צו און רופט:) העלענע!

נ אָ ר אַ. וואָס דאַרפסטו?

ה ע ל מ ע ר. (זוכענדיג צווישען זיינע פּאַפּיערען) אַ סוף מאַכען. (העלענע ערשיינט) היער, נעהמט אָט דעם בריעף און גיט עס איבער צו אַ טרעגער אין גאַס. זעהט, ער זאָל דאָס גלייך אוועקטראָגען. די אדרעסע איז אויפגעשריעבען אויפ׳ן קאָנווערט. נאָט אייך געלד.

ה ע ל ע נ ע. זעהר גוט, מיין הערר. (זי געהט אַרויס.)

ה ע ל מ ע ר. (צונויפלעגענדיג די פּאַפּיערען) פאַרטיג, מאַ־דאַם עקשן!

נ אָ ר אַ. (אָהן אַן אָטהעם) טאָרוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף?

ה ע ל מ ע ר. קראָגסטאַד׳ס קינדיגונג.

נ אָ ר אַ. רוף דעם בריעף צוריק, טאָרוואַלד! צוריק, צוריק, איידער עס ווערט צו שפּעט. טו דאָס פון מיינטוועגען, טאָר־וואַלד! טו דאָס פון מיינטוועגען, פון דיינטוועגען, פאַר אונזערע קינדערלעך. דו הערסט, טאָרוואַלד? טו עס. דו ווייסט ניט וואָס דיעזער בריעף קען אויף אונז אַלעמען אַרויפבּרענגען פאַר אַן אונגליק.

ה ע ל מ ע ר. עס איז שוין צו שפּעט.

נ אָ ר א. צו שפּעט!

ה ע ל מ ע ר. מיין טייערע נאָרא, איך פערצייה דיר דיין אויפרעגונג, אָבגלייך דאָס ווייזט ארויס ווענינ אכטונג פאר מיר. איך האָב קיין זאך ניט געטאָן אזוינס, אַז איך זאָל מוזען מורא האָבען פאר שמוציגע שרייבער, וועלכע מען מוז פערשטיקען די מויל. אבער איך פערגיב דיר דיין פורכט, ווייל דאָס בעווייזט מיר ווי היים דו ליעבסט מיך. (זי אומאַרמענדיג) דאָס איז ווי עס בעדאַרף צו זיין, ליעבסטע, זיסעסטע נאָרעלע! לאָז קומען וואָס וויל — איך וועל צו יעדע צייט דערצו האָבען אי מוטה אי קראַפט: מיינע שולטערן זיינען ברייט גענוג אויסצוהאַלטען די גאַנצע לאַסט.

נ אָ ר א. (דערשראָקען) וואָס מיינסטו דערמיט?

ה ע ל מ ע ר. די גאַנצע שווערע לאַסט, זאָג איך.

נ אָ ר א. (מיט פעסטע ענטשלאָסענהייט) ניין! דאָס וועל איך קיינמאָל ניט צולאָזען!

ה ע ל מ ע ר. נו, זעהר גוט. דאַן וועלען מיר דעם פעקעל טראָגען צוזאַמען, ווי מאַן און ווייב. (זי גלעטענדיג) ביזטו איצט צופריעדען? קום, קום, זעה ניט אויס ווי א דערשראָקענע טייבעלע. דאָס אלעס איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. איינבילדונג, קינד, איינבילדונג! געה בעסער צו דער רעפּעטיציע, דו מוזט טאַנצען די טאַראַנטעלא, האָב א ביסעל איבונג אויפ'ן טאַמבורין. איך וועל אריינגעהן אהין אין מיין שרייבצימער, וועל פערמאַכען ביידע טירען אום גאָרנישט צו הערען. דו קענסט דאַן מאַכען אזוי פיעל גערויש, ווי פיעל דיין הארץ געלוסט. (געהט און קערט זיך אום) און ווען ראנק קומט, זאָג איהם וואו איך בין (ער געהט אַוועק מיט זיינע פּאַפּיערען, צומאַכענדיג די טיר.)

נ אָ ר א. (אין היילע שרעק, שטעהט ווי פערשטיינערט און זאָגט אין דער שטיל, שושקענדיג:) ער וועט דאָס טאָן! יא, ער איז פעהיג דאָס פאר מיר צו טאָן. טאָרוואלד — ניין!! ניעמאלס, ניעמאלס, ניעמאלס! אלץ נור דאָס ניט. אָה, ווי געפינט מען אַן אויסוועג פון דיזע שרעקליכע לאַגע! וואָס טו איך? (מען

קלינגט אין טיר.) דאָס איז דאָקטאָר ראַנק — אַלץ, אַלץ, אַלץ אין דער וועלט, נור דאָס ניט!

(נאָראַ פערגלעט זיך דאָס געזיכט, גלייכט זיך אויס, און געהט עפענען די טיר. דאָקטאָר ראַנק שטעהט דרויסען אין קאָרידאָר, אויפהענגענדיג זיין מאַנטעל. וועהרענד די פאָלגענדע סצענע ווערט עס ביסלעכווייז דונקעלער.)

נ אָ ר אַ. וואָס מאַכט איהר, דאָקטאָר ראַנק? איך האָב דערקענט אייער קלונג. געהט ניט אריין צו טאָרוואַלדען איצט. ער איז זעהר בעשעפטיגט.

ר אַ נ ק. און איהר אַליין?

נ אָ ר אַ. אָה, איהר ווייסט זעהר גוט, אז פאַר אייך האָב איך אימער צייט.

ר אַ נ ק. דאַנקע. איך וועל אויסנוצען אייער פריינדשאַפט אַזוי לאַנג ווי איך וועל קענען.

נ אָ ר אַ. וואָס מיינט איהר? אַזוי לאַנג ווי איהר וועט קענען?

ר אַ נ ק. אָה, יאַ! דערשרעקט דאָס אייך?

נ אָ ר אַ. איך האַלט דעם אויסדרוק אייערן פאַר זאָנדערבאַר. ערוואַרט איהר דען, אַז עטוואָס זאָל פּאַסירען?

ר אַ נ ק. יאַ, עטוואָס וואָס דאַרויף בין איך לאַנג געווען פאָרבערייטעט; האָב נור ניט גערעכענט, אַז דאָס וועט קומען אַזוי שנעל.

נ אָ ר אַ. (אָננעהמענדיג זיין אָרעם) וואָס איז דאָס אַזוינס, דאָקטאָר? איהר מוזט עס מיר זאָגען.

ר אַנ ק. (זיך זעצענדיג ביים קאַמין) מיט מיר געהט עס זעהר האַסטיג באַרג אַראָפּ. דערצו איז קיין הילף ניטאָ.

נ אָ ר אַ. (אָפּציהענדיג דעם אָטהעם) איהר אַליין?

ר אַ נ ק. ווער דען? צו־וואָס זיך אַליין נאַררען? איך בין פון מיינע אַלע פּאַציענטען דער, וועמען מען דאַרף אַם מייסטען בעדויערן. איך האָב אָקאָרשט צונויפגעשטעלט דעם שלום־באַלאַנס פון מיין לעבען... די אונטערשטע שורה איז: איך בין באַנ־

קראַט. עס וועט ניט פערגעהן אַ מאָנאַט, וועל איך שוין ליעגען און פוילען אין קבר.

נ אָ ר אַ. אָה, ווי העסליך איהר דריקט זיך אויס!

ראַ נ ק. נו, דער עסק גופא, פרוי העלמער, איז אַזאַ העסלי־כער, פערשטעהט איהר! דאָס שלימסטע דערפון איז, אַז פיעלע אנדערע פאַסקודנע זאַכען מוזען אָבגעפטר׳ט ווערען איידער עס קומט צו וואָס. נאָך איין לעצטע אונטערזוכונג מוז געמאַכט ווע־רען און ווען דאָס וועט זיין געטאָן, וועל איך וויסען גאַנץ גענוי ווען דער אָנהויב פון סוף קומט אָן. איין זאַך וויל איך אייך זאָגען: העלמער׳ן עקעלט אַלץ וואָס איז שרעקליך; איך וויל איהם דער־פאַר ניט האָבען ביי זיך אין מיין קראַנקען־צימער.

נ אָ ר אַ. אָבער, דאָקטאָר ראַנק!

ר אַ נ ק. ניין, איך וויל איהם ניט האָבען, זאָג איך, אויף קיין פאַל ניט! איך וועל פערשליסען מיין טיר ווען איך וועל וויסען, אַז ער קומט. אזוי גיך ווי איך ווייס, אַז עס האַלט ביין סוף, וועל איך אייך שיקען אַ וויזיט־קאַרטע מיט אַ שוואַרצען צייכען דאַרויף. איהר וועט דאַן וויסען, אַז דאָס שרעקליכע... האָט זיך אָנגעפאַנגען.

נ אָ ר אַ. אָה, איהר זייט גאָר ניט קלוג היינט, גראַדע ווען איך וויל, אַז איהר זאָלט זיין ווירקליך גוט געשטימט.

ר אַ נ ק. ווען דער טויט שטעהט פאַר די אויגען? און ווען מען געהט נאָך דערביי פאַר פרעמדע זינד? וואו איז דער יושר דאַרין? און דאָך געפינט איהר אזא פאַל כמעט אין יעדע פאַמיליע.

נ אָ ר אַ. (זיך פערשטאָפענדיג די אויערן) אונזין, אונזין! זייט לוסטיג!

ר אַ נ ק. שעהן, זעהר שעהן. נאָך אַלעמען איז די גאַנצע מעשה ווירקליך צום לאַכען: מיין אָרעמער אונשולדיגער רוקען מוז אָבקומען פאַר די זינד וואָס מיין פאָטער האָט בעגאַנגען אין דער יוגענד.

נ אָ ר אַ. ער איז וואהרשיינליך געוועז אַ צו גרויסער ליעב־

האָבער פון אספאראגוס און פון סטראסבורגער פאַסטעטען, ניין?
ר א נ ק. און אָיסטערס, נאַטירליך.
נ אָ ר א. און דאַן די פּאַרטוויין און שאַמפּאַניער! עס איז טרויעריג, אז אזעלכע גוטע זאכען זאָלען אָנגרייפען דעם רוקען.
ר א נ ק. איבערהויפּט ווען דער אָנגעגריפענער האָט קיין שום הנאה דערפון ניט געהאַט.
נ אָ ר א. יאָ, דאָס איז ערגער ווי אַלץ.
ר א נ ק. (זי געניוי בעטראַכטענדיג) הם...
נ אָ ר א. (נאָך אַ קורצע פּויזע) ווארום האָט איהר גע־שמייכעלט?
ר א נ ק. געלאַכט האָט איהר.
נ אָ ר א. ניין, איהר האָט געשמייכעלט, דאָקטאָר ראַנק.
ר א נ ק. (אויפשטעהענדיג) איהר זייט ווירקליך ביטרער ווי איך האָב געמיינט.
נ אָ ר א. איך בין אזוי פעררוקט—אויפגערעגט היינט.
ר א נ ק. עס זעהט כמעט אזוי אויס.
נ אָ ר א. (ארויפלעגענדיג איהרע הענט אויף זיינע שולטערן) אַה, ליעבער דאָקטאָר ראַנק, דער טויט טאָר אייך ניט אוועקנעה־מען פון טאָרוואַלדען און מיר.
ר א נ ק. נו, איהר וועט דעם פערלוסט לייכט אריבערטראָ־גען; וואָס די ערד דעקט צו, ווערט לייכט פערגעסען.
נ אָ ר א. (זעהט איהם אָן בעזאָרגט) מיינט איהר דאָס ווירקליך?
ר א נ ק. מענשען מאַכען נייע בעקאַנטשאַפטען און דאַן...
נ אָ ר א. ווער מאַכט נייע בעקאַנטשאַפטען?
ר א נ ק. איהר און העלמער, ווען איך וועל זיין טויט. איהר גרייט זיך שוין אָן בעצייטענס, דאַכט זיך מיר. וואָס האָט פרוי לינדע דאָ נעכטען געטאָן?
נ אָ ר א. אַה, איהר זייט דאָך, לאָמיך האָפען, אויף איהר ניט אייפערזיכטיג.
ר א נ ק. יאָ, איך בין. זי וועט פערנעהמען מיין לײדיגען

פלאַץ אין אייער הויז. ווען איך בין אוועג, וועט דיעזע פרוי פיעלייכט — —

נ אָ ר אַ. ש...ש! ניט אזוי הויך. זי איז היער אין הויז.

ר אַ נ ק. היינט אויך? נו, אָט זעהט איהר דאָך!

נ אָ ר אַ. נור צו פעררינכטען מיין קאָסטיום, — ווי אונגע־רעכט איהר זייט. (זי זעצט זיך אויפ'ן זאָפאַ) איצט זייט אָבער אַ מענש, דאָקטאָר ראנק! איהר וועט זעהן מאָרגען ווי שעהן איך וועל טאַנצען; און דאַן וועט איהר זיך קענען איינבילדען, אז איך טו אַלעס צוליעב אייך — און, נאַטירליך, צוליעב טאָרוואַלדען אויך. (זי נעהמט אַרויס זאַכען פון אַ קעסטעל.) דאָקטאָר ראנק, זעצט זיך אַהער, איך וועל אייך וואָס ווייזען.

ר אַ נ ק. (זיך זעצענדיג) וואָס איז עס?

נ אָ ר אַ. קומט אַהער, בליקט נור!

ר אַ נ ק. זיידענע זאָקען.

נ אָ ר אַ. לייב־קאָליר. זיינען זיי ניט ליעבליך, האַ? אַה, היער איז איצט אזוי טונקעל; אָבער מאָרגען — ניין, ניין, ניין! איהר טאָרט מעהר ניט זעהן ווי די פיס... איבריגענס, ווארום ניט?

ר אַ נ ק. ה...ם!

נ אָ ר אַ. וואָס בעזועהט איהר זיי אזוי? גלויבט איהר, זיי ווע‌לען מיר ניט זיין צום מאָס?

ר אַ נ ק. איך קען וועגען דעם ניט געבען אַ מיינונג וואָס זאָל עפּעס ווערטה זיין.

נ אָ ר אַ. (איהם אַ וויילינקע בעטראַכטענדיג) אָ, שעמט זיך! (זי גיט איהם כלומרשט אַ קלאַפּ מיט די זאָקען) נאָט אייך.

ר אַ נ ק. און וואָס נאָך פאר וואונדערס וועל איך זעהן?

נ אָ ר אַ. מעהר וועט איהר גאָר נישט זעהן, גאָר נישט, איהר פיהרט זיך ניט גוט געגנוג אויף. (זי זוכט צווישען די זאַכען.)

ר אַ נ ק. ווען איך זיץ היער און אונטערהאַלט זיך מיט אייך, קען איך זיך איינפאַך ניט פאָרשטעלען וואָס פון מיר וואָלט גע־וואָרען ווען איך וואָלט קיינמאָל ניט אריינגעקומען דאָ אין הויז.

נ אָ ר אַ. (שמייכלענדיג) איהר פיהלט זיך דאָ צו־הויז, דאָס איז זיכער.

ר א נ ק. און צו מוזען זיך שיידען דערפון...

נ אָ ר א. אונזין, איהר וועט אונז ניט פערלאָזען.

ר א נ ק. אפילו ניט צו קענען צוריקלאָזען דעם מינדעסטען צייכען פון דאנקבארקייט: צומאָל ניט א שמערץ־אויסדרוק — גאָרנישט, חוץ א ליידיגען פלאץ, וועלכער קען אויסגעפילט ווערען דורך דעם ערשטען בעסטען וואָס קומט.

נ אָ ר א. און ווי וואָלט געווען, ווען איך זאָל ביי אייך בע־טען... ניין...

ר א נ ק. וואָס?

נ אָ ר א. א שטארקען בעוויז פון אייער פריינדשאַפט.

ר א נ ק. נו, נו!

נ אָ ר א. איך מיין א זעהר, זעהר גרויסען דיענסט.

ר א נ ק. וואָלט איהר מיר ווירקליך וועלען וועניגסטענס איינמאָל אזוי גליקליך מאכען?

נ אָ ר א. אָה, איהר ווייסט ניט וואָס דאָס איז.

ר א נ ק. טו זאָגט־זשע.

נ אָ ר א. ניין, איך קען אייך ווירקליך ניט זאָגען... עס איז פיעל, צו פיעל... ניט נור א געפאלען, זאָנדערן אויך הילף און ראטה נאָך דערצו...

ר א נ ק. געוויס גוט! איך קען מיר ניט פאָרשטעלען וואָס איהר קענט מיינען. רעדט. טרויט איהר מיר דען ניט?

נ אָ ר א. מעהר ווי יעדען אנדערן. איך ווייס, אז איהר, זייט מיין בעסטער און טרייעסטער פריינד. איך וועל אייך זאָ־גען. נו, גוט, דאָקטאָר, איהר מוזט מיר העלפען עטוואָס ניט דער־לאָזען, איהר ווייסט ווי טיעף, ווי אונענדליך טאָרוואַלד ליעבט מיך. ער וואָלט זיך אויף א מינוט ניט פערטראַכטען, ווען איהם וואָלט אויסקומען אוועקצולעגען זיין קאָפּ פאַר מיר.

ר א נ ק. (זיך צורוקענדיג נעהנטער צו איהר) נאָרא, מיינט איהר, ער איז דער איינציגער, וועלכער...?

נ אָ ר א. וועלכער, וואָס?

ר א נ ק. וועלכער וואָלט גערן אוועקגעגעבען זיין לעבען פאַר אייך?

נ אָ ר אַ. (פערדריסליך.) אָה!

ר אַ נ ק. איך האָב געשוואָרען אייך דאָס צו זאָגען איידער איך... געה... איך וועל קיין בעסערע געלעגענהייט ווי דיזע ניט געפינען. יאַ, נאָרא, איצט ווייסט איהר דאָס; איצט ווייסט איהר אויך, אַז איהר קענט מיר פערטרויען מעהר ווי יעדען אנדערן.

נ אָ ר אַ. (שטעהט אויף, רוהיג און געלאַסען) זייט אזוי גוט, לאָזט מיר דורך.

ר אַ נ ק. (לאָזט זי דורך, אָבער בלייבט זיצען) נאָרא — —

נ אָ ר אַ. (צוגעהענדיג צו דער טיר) העלענע, ברענגט אריין דעם לאָמפּ. אָה, ליעבער דאָקטאָר ראַנק, דאָס איז געווען ניט שעהן פון אייך.

ר אַ נ ק. (אויפשטעהענדיג) וואָס איך האָב אייך געליעבט אזוי הייס ווי... ווי אנאנדערער? איז דאָס געווען שלעכט פון מיר?

נ אָ ר אַ. ניין, אָבער דאָס, וואָס איהר האָט עס מיר געזאָגט. דאָס איז אויך געווען אזוי אוננעטהיג...

ר אַ נ ק. וואָס מיינט איהר? האָט איהר דען געוואוסט?...

(העלענע ברענגט אריין דעם לאָמפּ און געהט אַרויס.)

ר אַ נ ק. נאָרא... פרוי העלמער... איך פרעג אייך, האָט איהר דאָס געוואוסט?

נ אָ ר אַ. אָ, ווי קען איך אייך זאָגען צו איך האָב געוואוסט, צו ניט. איך קען דאָס ווירקליך ניט... אָבער אַז איהר זאָלט זיין אזוי אונגעלומפּערט, דאָקטאָר ראַנק! אַלעס איז ביז איצט געווען אזוי שעהן.

ר אַ נ ק. נון, אויף יעדען פאַל ווייסט איהר איצט, אַז איך בין אייערער מיט לייב און זעעלע. זאָגט איצט וואָס איהר האָט פון מיר געוואָלט.

נ אָ ר אַ. (איהם אָנזעהענדיג) זאָגען איצט?

ר אַ נ ק. איך בעשוועהר אייך, זאָגט וואָס איהר דאַרפט.

נ אָ ר אַ. אָ, ניין! איצט גאָרנישט מעהר...

ר אַ נ ק. דאָך, דאָך! איהר טאָרט מיך נישט בעשטראָפען

אויף דיזע ארט. לאזט מיר אייך העלפען אין אלץ וואס איך קען.

נ א ר א. איצט קענט איהר פאר מיר גארנישט מעהר טאן. אויסערדעם, רארף איך ווירקליך גארנישט. דאס איז אין גאנצען נור געווען א פאנטאזיע פון מיר. געווים, געווים! (זעצט זיך אין׳ם שויקעל־שטול, צושמייכלענדיג צו איהם) איהר זייט א שענער מענש, דאקטאר! שעמט איהר זיך גאר ניט איצט, ווען דער לאמפ איז אויפ׳ן טיש?

ר א נ ק. ניין, ניט זעהר... אבער פיעלייכט איז גלייכער, אז איך זאל געהן... אויף אימער.

נ א ר א. א, ניין, דאס טארט איהר ניט. איהר מוזט אונז בעזוכען ווי ביז איצט. איהר ווייסט אליין, אז טארוואלד קען אהן אייך ניט אויסקומען.

ר א נ ק. נו, און איהר?

נ א ר א. איך? איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך זעה אייך אימער היער זעהר גערן.

ר א נ ק. אט דאס האט מיך טאקע אריינגעפיהרט אין דעם אירטהום. איהר זייט א רעטענעס פאר מיר. עס האט זיך מיר אפט געדאכט, אז איהר זייט מיט מיר פונקט אזוי גערן ווי מיט העלמער׳ן.

נ א ר א. יא, אבער פערשטעהט איהר דען ניט? עס זיינען דא מענשען, וועלכע מען ליעבט, און אנדערע, מיט וועל־כע מען האט האלד צו רעדען.

ר א נ ק. יא, דאס לאזט זיך הערען.

נ א ר א. ווען איך בין געווען א מיידעל האב איך נאטיר־ליך דעם פאטער מעהר געליעבט ווי אלעמען. אבער עס האט מיר געמאכט פערגניגען זיך אריינצו׳גנב׳ענען אין דעם צימער פון די דיענסטלייט. ערסטענס, ווייל זיי האבען מיר קיינמאל קיין מוסר ניט געזאגט, און צווייטענס, איז עס געווען זעהר אמוזאנט צו הערען זיי רעדען.

ר א נ ק. א, איצט פערשטעה איך; זייער פלאץ פערנעהם איך דאס.

נ אָ ר אַ. (צוליפענדיג צו איהם) מיין ליעבער דאָקטאָר ראַנק, ניט דאָס מיין איך, אָבער איהר פערשטעהט דאָך אַז מיט טאָרוואַלדען פיהל איך זיך גענוי ווי מיט'ן פאָטער...

(העלענאַ קומט אריין, גיט נאָראַ'ן אַ קארטע, וועלכע זי בעהאַלט אין קעשענע, אויסזעהענדיג אונאַנגענעהם איבערראַשט.)

ר אַ נ ק. האָט עטוואָס אונאַנגענעהמעס פאַסירט?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין, גאָר נישט! דאָס איז נור... נור וועגען מיין נייעם קאָסטיום.

ר אַ נ ק. דער קאָסטיום? אָן איז ער דאָך?

נ אָ ר אַ. אָה, דער... יאָ, אָבער וואָס איך מיין איז אַנאַנדער־דער, וועלכען איך האָב בעשטעלט... טאָרוואַלד טאָר דערפון ניט וויסען...

ר אַ נ ק. אהאַ! דאָס איז אַלזאָ דער גרויסער סעקרעט.

נ אָ ר אַ. געוויס, געוויס. אָט געהט טאַקי אַריין צו איהם ער איז אין דעם הינטערסטען צימער. האַלט איהם בעשעפטיג־ אַזוי לאַנג ווי איהר קענט.

ר אַ נ ק. זייט אונבעזאָרגט; ער וועט פון מיר ניט ענט־רינען. (ער געהט.)

נ אָ ר אַ. (צו העלענען) וואַרט ער אין קיך?

ה ע ל ע נ ע. יאָ, ער איז אַריינגעקומען דורך די טרעפּ פון הויף.

נ אָ ר אַ. האָסטו איהם ניט געזאָגט, אַז איך בין בעשעפטיגט?

ה ע ל ע נ ע. יאָ, אָבער דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפען.

נ אָ ר אַ. ער מיינט טאַקי ניט אוועקצוגעהן?

ה ע ל ע נ ע. ניט פריהער איידער ער וועט האָבען גע־רעדט מיט אייך.

נ אָ ר אַ. דאַן לאָז ער אריינקומען, אָבער אין דער שטיל. און — העלענע — רייד ניט ארום דעם; דאָס איז אַן איבערראַ־שונג פאַר מיין מאַן.

ה ע ל ע נ ע. זעהר גוט, מאַדאַם, איך פערשטעה. (זי געהט.)

נ אָ ר אַ. עס קומט! עס קומט! עס קומט נאָך אַלעמען דאָך! ניין, ניין, דאָס טאָר קיינמאָל ניט געשעהן, טאָר ניט, טאָר ניט, טאָר ניט!

(זי געהט און פעריגעלט העלמער׳ס טיר. העלענע לאָזט אריין קראָג־סטאַדען און פערמאַכט די אַנדערע טיר. ער טראָגט אַ רייזע־מאַנטעל, הויבע שטיוועל און אַ פעלצענע הוטעל.)

נ אָ ר אַ. רעדט ניט הויך, מיין מאַן איז אין דער־היים.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. גוט, אָבער וואָס ארט דאָס מיר?

נ אָ ר אַ. וואָס ווילט איהר?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. וויל זיך ביי אייך איבער עטוואָס ער־קונדיגען.

נ אָ ר אַ. שנעל, וואָס איז עס?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. איך האָב בעקומען מיין ענטלאַסונג, דאָס ווייסט איהר.

נ אָ ר אַ. איך האָב דאָס ניט געקענט פערוועהרען, הערר קראָגסטאַד. איך האָב געקעמפפט פאַר אייך ביז צום ענד, אָבער אומזיסט.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. ליעבט אייך אייער מאַן אַזוי ווייניג? ער ווייס וואָס איך קען אויף אייך ברענגען און דאָך וואַגט ער...

נ אָ ר אַ. ווי פאַלט אייך גאָר איין, אַז איך וואָלט איהם זאָגען?...

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אַז איהר האָט דאָס ניט געטאָן ווייס איך. צו ווייזען אַזוי פיעל מוטה איז ניט אין מיין פריינד טאָרוואַלד העלמער׳ס נאַטור.

נ אָ ר אַ. הערר קראָגסטאַד, רעדט, איך בעט אייך, מיט מעהר רעספּעקט פון מיין מאַן, איהר הערט?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. געוויס מיט אַלל דעם רעספּעקט וואָס איהם קומט. אָבער אַזוי ווי פאַר אייך איז אַזוי וויכטיג צו האַל־טען די זאַך געהיים, מוזט איהר איצט פערשטעהן אַ ביסעל קלע־רער ווי נעכטען דאָס וואָס איהר האָט געטאָן.

נ אָ ר אַ. קלערער קענט איהר מיך שוין ניט מאַכען.

קראַגסטאַד. יא, און, דאַכט זיך, אזא שלעבעזער יו־ךיסט ווי איך.

נאָרא. וואָס אייגענטליך ווילט איהר?

קראַגסטאַד. נור זעהן וואָס איהר מאַכט, פרוי העלמער. איך האָב ארום אייך געטראַכט א גאַנצען טאָג. א פּראָסטער פּראָ־צענטניק, א רעפּאָרטער פאר געלד, בקיצור, א פּערעכטליכע בעשע־פעניס, ווי איך, האָב אויך א שטיקעלע פון דאָס וואָס לייט רופען א „הארץ“.

נאָרא. דאַן בעווייזט עס; דענקט וועגען מיינע קליינע קינדערלעך.

קראַגסטאַד. האָט זיך אייער מאַן געקימערט וועגען מיינע? אָבער לאָז זיין... איך האָב נור געוואָלט אייך זאָגען, אז איהר דאַרפט די זאַך ניט נעהמען צו ערנסט. איך וועל פאָרלויפיג קיין דאָנאָס ניט דערלאַנגען.

נאָרא. ניין, געווים ניט. איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט דאָס ניט טאָן.

קראַגסטאַד. די זאַך קען ווערען געענדיגט זעהר רוהיג. קיינער ברויכט דאָס ניט צו וויסען. עס קען בלייבען צווישען אונז דרייען.

נאָרא. מיין מאַן טאָר דערפון ניט וויסען, ניעמאָלס!

קראַגסטאַד. ווי קען דאָס פערמיעדען ווערען? קענט איהר דען אָבצאָהלען דעם חוב?

נאָרא. ניין, ניט גלייך אויפ׳ן שטעל.

קראַגסטאַד. אָדער האָט איהר א מיטעל ווי אזוי צו קריעגען דאָס געלד אין די נעכסטע עטליכע טעג?

נאָרא. יערענפאלס ניט א מיטעל, וועלכען איך וואָלט ווע־לען בענוצען.

קראַגסטאַר. און אפילו ווען איהר וואָלט אזעלכע מיטעל האָבען, וואָלט דאָס אייך גאָר ניט העלפען. וויפיעל בארע געלד איהר זאָלט מיר ניט אָנבאָטען, וועט איהר אלץ ניט צוריקקריעגען אייער וועקסעל.

ג אָ ר א. וואָס־זשע מיינט איהר דערמיט צו טאָן?

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך מיין עס נור צו האַלטען און צו בעהאַלטען ביי זיך. קיין פרעמדער זאָל דערפון גאָרנישט הערען. אויב איהר האָט דארום עפּעס א פערצווייפעלטען פּלאַן אין מוח...

ג אָ ר א. און וואָס אויב איך האָב?

ק ר אָ ג ס ט א ד. טאָמער מיינט איהר אוועקצואווארפען אייער מאַן מיט די קינדער...

ג אָ ר א. וואָס דאַן?

ק ר א ג ס ט א ד. אָדער איהר טראַכט נאָך ארום אַן ערגערע זאַך.

ג אָ ר א. פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאַן זאָג איך אייך: שלאָגט זיך דאָס ארויס פון די געדאַנקען.

ג אָ ר א. פון וואַנען האָט איהר געוואוסט וואָס פאר גע־דאַנקען איך האָב?

ק ר אָ ג ס ט א ד. די מייסטע פון אונז טראַכטען ארום דעם פריהער ווי אַלץ. איך אליין האָב ארום דעם געטראַכט, נור איך האָב ניט געהאַט דעם קוראַזש דערצו.

ג אָ ר א. (מיט א דערשטיקטען קול) איך אויך ניט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (בערוהיגט) ניין, מען האָט ניט. איהר האָט אויך ניט דעם מוטה דערצו, ניין?

ג אָ ר א. איך האָב ניט, האָב ניט...

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאָס וואָלט אויסערדעם געווען זעהר דום... ווען דער ערסטער שטורם איז איבערגעגאַנגען... איך האָב אין קעשענע א בריעף פאר אייער מאַן...

ג אָ ר א. אין וועלכען איהר זאָגט אַלץ אויס?

ק ר אָ ג ס ט א ד. אייך בעהאַנדלענדיג אזוי דעליקאַט ווי נור מעגליך.

ג אָ ר א. (שנעל) דעם בריעף אייערן טאָר ער קיינמאָל ניט קריגען. צורייסט איהם! איך וועל דאָס געלד שוין ווי עס איז קריגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ענטשולדיגט, פרוי העלמער, אָבער איך האָב אייך געזאָגט...

נ אָ ר א. איך רייד ניט וועגען די געלד וואָס איך קומט. זאָגט מיר, וויפיעל נאָך פערלאַנגט איהר פון מיין מאַן — איך וועל עס קריגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך פערלאַנג פון אייער מאַן קיין שום געלד ניט.

נ אָ ר א. וואָס־זשע דען פערלאַנגט איהר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וועל אייך זאָגען. איך וויל צוריק־ערווערבען מיין פּאָזיציאָן אין דער וועלט. איך וויל שטייגען. אייער מאַן מוז מיר דערצו העלפען. אין די לעצטע אָנדערהאַלבען יאָהר איז מיין לעבענסגעשיכטע געווען אונבעפלעקט; איך האָב די גאַנצע צייט געליטען ביטערע נויט. אָבער איך בין געווען צופריעדען, קעמפּפענדיג ארויפצוקלעטערן העכער און העכער, שטופע ביי שטופע. פון דאָרטען האָט מען מיך אראָפּגעשליידערט און איצט וועל איך מיך ניט בענוגענען מיט'ן ארויפ'גנב'ענען זיך צוריק. איך מוז שטייגען העכער, זאָג איך אייך. איך מוז צוריק אריין אין באַנק און אויף א העכערע שטעלע. אייער מאַן מוז עקסטרא פאַר מיר מאַכען א שטעלע.

נ אָ ר א. ער וועט דאָס קיינמאָל ניט טאָן.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ער וועט, ער וועט! איך קען איהם — ער וועט ניט האָבען דעם מוטה צו ענטזאָגען. און קוים בין איך אינעווענייג, דאַן וועט איהר זעהן! דאַן וועל איך זיין דעם דיי־רעקטאָר'ס רעכטע האַנד. נילס קראָגסטאַד, ניט טאָרוואַלד העלמער וועט פערוואַלטען די אקציענבאַנק.

נ אָ ר א. דאָס וועט אין לעבען ניט געשעהן!

ק ר אָ ג ס ט א ד. פיעלייכט וועט איהר?...

נ אָ ר א. א י צ ט האָב איך דעם מוטה דערצו.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אָה, איהר דערשרעקט מיך ניט. א פּער־צויגענע, אויסגעבאַלעוועטע יונגע פרוי, ווי איהר...

נ אָ ר א. איהר וועט זעהן, איהר וועט זעהן.

קראַנסטאַד. אונטערן אייז פּיעלייכט? אַרונטער אין די קאַלטע, שוואַרצע וואַסער? און נעכסטען פריהלינג אַרויפצוּשווימען העסליך, אָהן האָאַר, אונערקענבאַר...

נאָרא. איהר קענט מיר קיין מורא ניט אָנמאַכען.

קראַנסטאַד. איהר מיר אויך ניט. מענשען טוען אַזעלכע זאַכען ניט, פראַו העלמער. און נאָך אַלעמען, וואָס פאַר א נוץ וועט דאָס ברענגען? איך האַלט אייער מאַן אין מיין קעשענע אויף יעדען פאַל.

נאָרא. וואָס? נאָכהער? ווען איך בין מעהר ניט...

קראַנסטאַד. איהר פערגעסט אייער נאָמען בלייבט אין מיינע הענד. (נאָראַ שטעהט אָהן לשון, קוקענדיג אויף איהם.) נו, איצט ווייסט איהר אַלעס. מאַכט ניט קיין דומהייטען. אַזוי גיך ווי העלמער ערהאַלט מיין בריעף, וועל איך ערוואַרטען צו האָבען אַן ענטפער פון איהם. און געדענקט, אַז אייער מאַן אַליין האָט מיך געצוואונגען צוריקצוגעהן אין אַזעלכע וועגען. דאָס וועל איך איהם קיינמאָל ניט פערצייהען. אַדיע, פראַו העלמער! (ער געהט צום קאָרידאָר. נאָראַ לויפט צום טיר, עפענט אַ ביסעל אויף און האָרכט.)

נאָרא. ער געהט. ער וואַרפט דעם בריעף ניט אין בריעפקאַסטען אַריין. ניין, ניין, דאָס וואָלט זיין אַן אונמעגליכקייט. (עפענט די טיר מעהר און מעהר) וואָס איז דאָס? ער בלייבט שטעהן; ער געהט ניט אַראָפּ פון טרעפּ. איבערלעגט ער זיך? איז ער?... (אַ בריעף פאַלט אַריין אין קעסטעל. מען הערט קראַנסטאַדען אַרונטערגעהענדיג פון טרעפּ. נאָראַ שרייט אויס מיט אַ פערשטיקטען קול. פּויזע.) אין בריעפקאַסטען! (געהט אויף די שפּיץ פינגער צום טיר) אָן איז עס! טאָרוואַלד, טאָרוואַלד... איצט זיינען מיר ביידע פערלאָרען!

(פראַו לינדע קומט אַריין דורך די טיר לינקס מיט'ן קאָסטיום.)

פר. לינדע. היער! איך דענק איצט וועט עס גוט זיין. זאָלען מיר עס אָנמעסטען?

נאָרא. (הייזעריג און שטיל) כריסטינע, קום אַהער.

פ ר. ל י נ ד ע. (אראפווארפענדיג די קלייד אויפ'ן זאפא) וואס? וואס איז דאס? דו זעהסט אויס בלייך ווי דער טויט.

נ א ר א. קום אהער. דו זעהסט דעם בריעף? קוק דאר־טען! דורכ'ן גלאז פון דעם בריעף־קאסטען.

פ ר. ל י נ ד ע. יא, יא, איך זעה.

נ א ר א. דער בריעף איז פון קראגסטאד...

פ ר. ל י נ ד ע. נארא, דאס איז אלזא קראגסטאד, וועל־כער האט דיר געבארגט דאס געלד!

נ א ר א. יא, און איצט וועט טארוואלד אלעס אויסגעפינען.

פ ר. ל י נ ד ע. גלויב מיר, דאס איז דאס בעסטע פאר אייך ביידען.

נ א ר א. דו ווייסט נאך ניט אלעס, איך האב געפעלשט א נאמען.

פ ר. ל י נ ד ע. גרויסער גאט!

נ א ר א. נון, הער מיך אויס, כריסטינע; דו מוזט זיין מיין עדות...

פ ר. ל י נ ד ע. וואס מיינסטו: דיין עדות? וואס זאל איך?...

נ א ר א. טאמער ווער איך וואהנזיניג—דאס קען פאסירען...

פ ר. ל י נ ד ע. אבער, נארא!

נ א ר א. אדער עס טרעפט זיך מיט מיר אנאנדער זאך און איך זאל ניט קענען אליין זיין דערביי...

פ ר. ל י נ ד ע. נארא, נארא — דו ביסט אויסער זיך.

נ א ר א. טאמער וויל ווער עס איז נעהמען די שולד אויף זיך, די גאנצע שולד, פערשטעהסטו...

פ ר. ל י נ ד ע. יא, אבער ווי קען דיר גאר איינפאלען?...

נ א ר א. דאן מוזטו זיין אן עדות, אז עס איז ניט וואהר. כריסטינע, איך בין גאר ניט אראפ פון זינען; איך ווייס וואס איך רייד און זאג דיר, אז חוץ מיר האט קיינער אין דעם ניט געשטעקט; איך אליין האב דאס אלעס געטאן. איך און ווייטער קיינער ניט. פערגעס דאס ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. איך וועל געדענקען. אבער איך פער־שטעה ניט וואס דו מיינסט.

נ א ר א. אה, ווי קענסט דו דאס פערשטעהן? דא וועט געשעהן א נס.

פ ר. ל י נ ד ע. א נס?

נ א ר א. יא, א נס, א וואונדער־טהאט. אבער דאס איז אזוי שרעקליך; עס טאר ניט קומען דערצו, ניט צוליעב די גאנצע וועלט!

פ ר. ל י נ ד ע. איך געה גלייך צו קראגסטאדען און וועל מיט איהם רעדען.

נ א ר א. טו דאס ניט; ער וועט דיר אנטאן עפעס בייז.

פ ר. ל י נ ד ע. אין אמאליגע יאהרען וואלט ער פאר מיר פיעל געטאן.

נ א ר א. ער?

פ ר. ל י נ ד ע. וואו וואוינט ער?

נ א ר א. א, ווי קען איך דאס וויסען? דאך האלט! (זו־כענדיג אין קעשענע) אט איז זיין וויזיט־קארטע; אבער דער בריעף, דער בריעף...

ה ע ל מ ע ר. (קלאפט פון יענער זייט טיר) נארא!

נ א ר א. (שרייט אויס דערשראקען) וואס איז, וואס ווילסטו?

ה ע ל מ ע ר. שרעק זיך ניט; מיר קומען נאך ניט אריין; די טיר איז פערמאכט. פאסטו אן דיין קלייד?

נ א ר א. יא, יא, איך פאס איהר אן. קליידט מיר אזוי גוט, טארוואלד!

פ ר. ל י נ ד ע. (האבענדיג געלעזען די קארטע) ער וואוינט נאהנט פון דאנען.

נ א ר א. אבער וואס העלפט דאס? דער בריעף איז אין קעסטעל.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאן האט דעם שליסעל?

נ א ר א. אימער.

פ ר. ל י נ ד ע. דאן מוז קראגסטאד צוריק־פערלאנגען זיין

בריאה, אונגעפענט. ער מוז געפינען עפּעס אן ענטשולדיגונג.

נ אָ ר א. אָבער דאָס איז גראָד די צייט, ווען טאָרוואלד געהט געוואוינליך צום...

פ ר. ל י נ ד ע. לאָז איהם ניט. האַלט איהם בעשעפ־טיגט. איך וועל צוריקקומען אזוי גיך ווי איך וועל קענען. (זי געהט דורכ'ן קאָרידאָר.)

נ אָ ר א. (עפענדיג העלמער'ס טיר) טאָרוואלד!

ה ע ל מ ע ר. מעג מען ענדליך אריינגעהן צו זיך אין צי־מער? קום, ראַנק, לאָמיר גוט בעזעהן... אָבער וואָס האָט דאָס צו בעטייטען?

נ אָ ר א. וואָס, טאָרוואלד?

ה ע ל מ ע ר. ווי ראַנק האָט מיר די זאַך פאָרגעשטעלט, האָב איך ערוואַרטעט דיך צו זעהן גרויסאַרטיג אויסגעפּוצט.

ר א נ ק. (אויפ'ן שוועל) אזוי האָט מען מיר געגעבען צו פערשטעהן. האָב זיך, ווי עס שיינט, געאירט.

נ אָ ר א. ניין. קיינער וועט מיך ניט זעהן אין מיין גאַנצע פּראַכט ביז מאָרגען אָוונד.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבסטע נאָרא, דו זעהסט אויס אזוי אָנגעשטרענגט. ניט שוין האָסטו אזוי שטאַרק פּראַקטיזירט?

נ אָ ר א. ניין, פּראַקטיזירט האָב איך דערווייל נאָך גאָר ניט.

ה ע ל מ ע ר. אָבער דו וועסט מוזען...

נ אָ ר א. געוויס, געוויס וועל איך דאָס מוזען טאָן. אָבער, טאָרוואלד, אָהן דיין הילף וועל איך גאָר־נישט קענען מאַכען: האָב אַלץ פערגעסען.

ה ע ל מ ע ר. אָ, מיר וועלען דאָס גיך ווידער איינ־שטודירען.

נ אָ ר א. יאָ, העלף מיר, העלף מיר, טאָרוואלד. דו מוזט דאָס מיר צוזאָגען. אָ, איך בין אזוי אויפגערעגט דערפון... פאַר אַזאַ פּובליקום... היינט אָוונד מוזטו זיך אין גאַנצען איבערגעג־

בען צו מיר. דו טאָרסט ניט טאָן אַ שטאָך אַרבייט. זאָג מיר דאָס צו, ליעבער טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. גוט. צוגעזאָגט. דעם גאַנצען אָוועגד וועל איך זיין דיין שקלאַף. קליינע, אונבעהאָלפענע בעשעפעניס! דאָך האַלט! ניט צו פערגעסען, איך מוז צוערסט... (נעהמט געהן צום קאָרידאָר־טיר.)

נ אָ ר אַ. וואָס דאַרפסטו דאָרטען?

ה ע ל מ ע ר. מעהר נישט זעהן אויב דאָרטען זיינען ניטאָ קיין בריעף.

נ אָ ר אַ. ניין, ניין — טאָרוואַלד, טו דאָס ניט!

ה ע ל מ ע ר. ווארום ניט?

נ אָ ר אַ. איך בעט דיך, טו דאָס ניט! דאָרטען איז קיין שום בריעף ניטאָ.

ה ע ל מ ע ר. זעהר גוט. איך וועל נור זעהן. (געהט נעהנ־טער. נאָרא, ביים פיאַנאָ, שפּיעלט די ערסטע נאָטען פון די טאַראַנטעלאַ.)

ה ע ל מ ע ר. (זיך אָבשטעלענדיג ביים טיר) אהאַ!

נ אָ ר אַ. איך וועל מאָרגען ניט קענען טאַנצען אויב מיר מאַכען היינט ניט קיין פּראָבע.

ה ע ל מ ע ר. (קומענדיג צו איהר) ביזטו ווירקליך אַזוי נער־וועז, ליעבסטע נאָרא?

נ אָ ר אַ. יאָ, שרעקליך נערוועז. לאָמיר גלייך אָנפאַנגען די רעפּעטיציע. מיר האָבען צייט פאַר מיטאָג־עסען. אַ, זעץ זיך און אַקאָמפּאַניר מיר, טייערער טאָרוואַלד. דו מוזט מיט מיר לערנען ווי אין די אַלטע צייטען.

ה ע ל מ ע ר. מיט'ן גרעסטען פערגניגען, אויב דיר איז עס ליעב. (זעצט זיך ביים פּיאַנאָ; נאָרא כאַפּט אַרויס פון קעסטעל די טאַמבורין, טוט זיך האַסטיג אָן אין אַ לאַנגען חאַלב קאָלירטען שאַל; מיט איין שפּרונג איז זי אין מיטען צימער.)

נ אָ ר אַ. איצט שפּיעל פאַר מיר; איך וועל טאַנצען!

(ער שפּיעלט און זי טאַנצט. ראַנק שטעהט ביים פּיאַנאָ הינטער העל־מער'ן און זעהט צו.)

העלמער. (שפּיעלענדיג) לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער!

נאָרא. איך קען ניט טאַנצען לאַנגזאַם.

העלמער. ניט אַזוי אויפגערעגט, ניט אַזוי האַסטיג, נאָרא!

נאָרא. איך מוז, איך מוז!

העלמער. (אויפהערענדיג צו שפּיעלען) נאָרא, דאָס וועט גאָר ניט טויגען.

נאָרא. (לאַכט און וואַרפט אַרום אין דער לופט דעם פּויקעל) האָב איך דיר ניט געזאָגט?

ראַנק. לאָז מיר שפּיעלען פאַר איהר.

העלמער. טאַקי. דאַן וועל איך בעסער קענען איהר דירעזשירען.

(ראַנק זעצט זיך בײַן פּיאַנאָ און שפּיעלט; נאָרא טאַנצט אַלץ ווילדער און ווילדער. העלמער, שטעהענדיג בײַן קאַמין, מאַכט איהר רק בעמערקונגען, וועלכע זי שײַנט ניט צו הערען. איהרע האָאָר פאַלט פאַנאַנדער און לאָזט זיך אַראָפּ אויף די שולטערן. זי מערקט ניט און טאַנצט. פרוי לינדע ערשײַנט און בלײַבט שטעהן פערוואונדערט).

פרוי לינדע. (אין טיר) אָה!

נאָרא. (טאַנצענדיג) אָי, האָבען מיר דאָ שפּאַס, כריסטינע!

העלמער. ליעבע נאָרא, דו טאַנצסט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פראַגע פון לעבען און טויט.

נאָרא. עס איז, עס איז!

העלמער. ראַנק, האַלט אײַן! דאָס איז אײַנפאַך פערריקט! האַלט אײַן, זאָג איך!

(ראַנק האַלט אײַן און נאָרא בלײַבט פּלוצלונג שטעהן שטיל.)

העלמער. איך וואָלט דאָס ניט געגלויבט. דו האָסט גאַנץ אײַנפאַך אַלץ פערגעסען וואָס איך האָב דיר געלערנט.

נאָרא. (אַוועקוואַרפענדיג די טאַמבורין) איצט זעהסטו אַליין, אַליין.

העלמער. דו בעדאַרפסט ווירקליך אַ לעקציאָן.

נאַרא. דו זעהסט ווי נעטהיג דאָס איז, און נון מוזטו מיט מיר פּראַקטיזירען ביז די לעצטע מינוט. זאָגסטו מיר דאָס צו, טאַרוואלד?

העלמער. געוויס, געוויס.

נאַרא. דו טאַרסט ניט טראַכטען ארום קיין שום אנדערע זאך ניט היינט און ניט מאָרגען. טאָרסט ניט עפענען ניט איין איינציגען בריעף. טאָרסט ניט ארייננבליקען אין בריעף־קאַסטען, הערסטו?

העלמער. איך זעה, דו שרעקסט זיך נאָך אימער פאר יענעם מאַן.

נאַרא. זעהר, זעהר!

העלמער. נאָרא, איך קען זעהן אין דיינע אויגען — עס איז דאַ א בריעף פון איהם.

נאַרא. גלויב מיר, איך ווייס ניט. אָבער דו טאָרסט קיין זאך ניט לעזען איצט. עס זאָל צווישען אונז קיין שטער ניט זיין ביז די גאנצע זאך איז צו־ענד.

ראַנק. (צו העלמער'ן געלאַסען) ווידערשפּרעך איהר ניט.

העלמער. (איהר ארומנעהמענדיג) דאָס קינד וועט אלעס אויספיהרען היינט. אָבער מאָרגען נאָכ'ן טאַנץ...

נאָרא. וועסטו זיין ווידער פריי.

העלענע. (אריינקומענדיג) מאַדאַם, דאָס מיטאָג־עסען איז פאַרטיג.

נאָרא. גרייט אָן שאַמפּאַניער, העלענע.

העלענע. זעהר גוט, מאַדאַם! (געהט אַרויס.)

העלמער. וואָס איך הער? א גאנצער מאָהלצייט!

נאָרא. יאָ, און מיר וועלען הולענען ביז אין דער פריה. (שרייענדיג אין טיר) און מאַקאַראָנען, העלענע, פיעל צוקערקעס, נור דעם מאָל.

העלמער. (איהר נעהמענדיג פאַר'ן האַנד) קום, קום. איך קען ניט זעהען דיזע ווילדע אויפרעגונג. זיי מיר ווידער אמאָל די אַלטע זיסע זינג־פייגעלע.

נ אָ ר אַ. אָ, יאָ, דאָס וועל איך זיין. איצט אָבער געהט איהר אריין, איהר ביידע, אין שפייזע־צימער. כריסטינע, דו העלף מיר צורעכט־מאַכען די האָאר.

ר אַ נ ק. (אין געהן) עס האָט דאָך ניט עפּעס פּאַסירט? איך מיין... גאָרנישט... הא?

ה ע ל מ ע ר. אָה, ניין! גאָרנישט, גאָרנישט. דאָס איז נור איהר קינדערשע בעזאָרגטקייט, פון וועלכע איך האָב מיט דיר גערעדט. (זיי געהען ארויס, פון די רעכטע זייט.)

נ אָ ר אַ. (צו פרוי לינדע) נו?

פ ר. ל י נ ד ע. ער איז אוועקגעפאָהרען פון שטאָדט.

נ אָ ר אַ. דאָס האָב איך געלעזען אין דיינע אויגען.

פ ר. ל י נ ד ע. מאָרגען אָוונד קומט ער צוריק. איך האָב פאר איהם געלאָזען א בריעף.

נ אָ ר אַ. דו האָסט דאָס ניט גענדארפט טאָן. לאָז אַלץ געהן ווי עס געהט. און נאָך אַלעמען איז דאָ א וואונדערבארער צויבער אין דעם ווארטען אויפ'ן נס.

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס איז דאָס אייגענטליך אויף וואָס דו ווארטסט?

נ אָ ר אַ. אָה, דו קענסט דאָס ניט פערשטעהן. געה אריין צו זיי אין שפייזע־צימער. איך קום באַלד נאָך. (זי שטעהט א ווײַלע נאָכדענקענדיג, דאַן קוקט זי אויף די אוהר) פינף א זייגער! ביז האַלבע נאכט — נאָך זיעבען שטונדען. ביז די נעכסטע מיט־טער־נאכט — נאָך 24. דאַן איז די טאראַנטעללא אָבגעטאַנצט. פיער און צוואנציג און זיעבען? נאָך גאנצע איין־און דרייסיג שעה צו לעבען!

ה ע ל מ ע ר. (ערשיינענדיג ביין טיר) וואו איז מיין זינג־פייגעלע?

נ אָ ר אַ. (צולויפענדיג און איהם ארומנעהמענדיג) אַט, אַט איז זי.

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט.

(דאַסזעלבע צימער. אין מיטען — דער טיש, מיט די שטולען אַרום, און אַנגעצונדענער לאַמפּ אויפ'ן טיש. די טיר וואָס פיהרט צום קאָרריר־דאָר שטעהט אָפען. טאַנץ־מוזיק הערט זיך פון דעם אויבערשטען עטאַזש. פרוי לינדע מיט אַ בוך אין האַנד וויל לעזען און קען ניט. זי קוקט זיך אַלע ווײַלע אום צו דער אָפענער טיר צו, אויף עטוואָס ווארטענדיג.)

פ ר. ל י נ ד ע. (קוקענדיג אויף איהר אוהר) ער איז נאָך ניטאָ און די צייט איז שוין באַלד אוים. ווען ער האָט נור ניט... (זי געהט אין קאָררידאָר אַריין, עפענט זעהר שטיל די טיר; טריט הער־רען זיך) קומט אַריין, דאָ איז קיינער ניטאָ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אויפ'ן שוועל) איך האָב געפונען אַ צעטעלע פון אייך ביי מיר אין הויז. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

פ ר. ל י נ ד ע. איך מוז מיט אייך רעדען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ווירקליך? און דאָ אין הויז?

פ ר. ל י נ ד ע. מיר קענען זיך ניט זעהן אין מיין וואוי־נונג. דאָרטען איז ניטאָ קיין בעזונדערער איינגאַנג. קומט נעהנטער אַהער. מיר זיינען דאָ גאַנץ אַליין. די דיענסטלייט שלאָפען און די העלמערס זיינען אויבען אויפ'ן באַל.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אַריינקומענדיג) אה! די העלמערס טאַנצען אַלזאָ היינט אָוועַנד! ווירקליך?

פ ר. ל י נ ד ע. אָ, יאָ! ווארום ניט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. גאַנץ געוויס. ווארום טאַקע ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. און איצט לאָמיר זיך אַ ביסעלע דורכרעדען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָס האָבען מיר דעם איינער דעם אנדערן צו זאָגען?

פ ר. ל י נ ד ע. זעהר פיעל.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וואָלט ניט גערעכענט...

פ ר. ל י נ ד ע. ווייל איהר האָט מיך קיינמאָל ריכטיג ניט פערשטאַנען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָס איז דאָרטען געווען צו פערשטעהן? די איינפאַכסטע זאַך אין דער וועלט — א הערצלאָזע פרוי וואַרפט אוועק א ליעבהאָבער ווען עס מאַכט זיך איהר א בעסערע פּאַרטי.

פ ר. ל י נ דע. האַלט איהר מיך ווירקליך פאַר אַזוי הערצ־לאָז? גלויבט איהר, אז די שיידונג איז מיר אָנגעקומען אזוי לייכט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָרום וואָס, ניין?

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס מעגליך, אז איהר זאָלט אזוי טראַכטען?

ק ר אָ ג ס ט א ד. ווען ניט, טאָ וואָרום האָט איהר מיר דע־מאָלט געשריעבען אזא בריעף?

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס ניט געווען בעסער אזוי? קוים בין איך געווען געצוואונגען צו שיידען זיך פון אייך, איז עס ניט געווען רעכט, אז איך זאָל פּרובירען מאַכען אן ענד פון אייער ליעבע צו מיר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. אַלזאָ דאָס איז עס געווען? און דאָס אַלץ צוליעב געלד?

פ ר. ל י נ ד ע. איהר טאָרט ניט פערגעסען, אז איך האָב געהאַט א שוואַכע מוטער און צוויי קליינע ברידערלעך. ווי אייערע אויסזיכטען זיינען דאַן געשטאַנען, האָבען מיר אויף אייך ניט געקענט וואַרטען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. האָט דאָס אייך געגעבען א רעכט מיך אויסצובייטען אויף אַנאַנדערן?

פ ר. ל י נ ד ע. דאָס ווייס איך ניט. איך האָב אָפט גע־צווייפעלט וועגען די עהרליכקייט פון מיין האַנדלונגסווייזע.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אין א מילדערן טאָן) ווען איך האָב אייך געהאַט פערלאָרען, האָט די ערד אונטער מיינע פיס געשיינט צו זינקען. זעהט מיך יעצט אָן: איך בין א געשטראַנדעטער מאַן, וועלכער כאַפּט זיך אָן אָן א שטרוי.

פ ר. ל י נ ד ע. הילף קען זיין זעהר נאָהנט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. עס איז געוועזען נאָהנט, זייט איהר געקומען און האָט מיר פערשטעלט דעם וועג.

פ ר. ל י נ ד ע. אונשולדיגער־הייט, נילס. איך האָב ביז נעכטען ניט געוואוסט, אז איך דארף פערנעהמען א פּלאַץ אין באַנק, וועלכער איז אייערער.

ק ר אָ ג ס ט א ד. גוט, איך גלויב אייך. אָבער איצט, אזוי ווי איהר ווייסט שוין, וועט איהר ארויסגעהן פון וועג אָדער ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ווייל דאָס וועט אייך ניט העלפען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. העלפען, העלפען! ווען איך בין איהר, וואָלט איך דאָס געטאָן, צו עס וועט העלפען צו ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. איך בין געקומען צום שכל. מיין פינסטערער לעבען און די ביטערע נויט האָבען מיך אויסגעלערנט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און ערפאַהרונג האָט מיך ווידער געלערנט ניט גלויבען אין פיינע רייד.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן האָט אייך די ערפאהרונג געלערנט א זעהר פערנינפטיגע זאַך. אָבער טהאַטען וועט איהר יאָ גלויבען?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָס מיינט איהר?

פ ר. ל י נ ד ע. איהר האָט נאַר־וואָס געזאָגט, אַז איהר זייט א געשטראַנדעטער מענש, וועלכער כאַפּט זיך אָן אָן א שטרוי.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב א גוטען גרונד פאר דאָס וואָס איך זאָג.

פ ר. ל י נ ד ע. הערט! איך בין א געשטראַנדעטע פרוי. איך האָב קיינעם ניט פאר וועמען צו לעבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איהר האָט געהאַט די וואַהל און האָט ענטשלאָסען...

פ ר. ל י נ ד ע. איך האָב קיין שום ברירה ניט געהאַט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. גוט, נו! וואָס ווילט איהר אויספיהרען!

פ ר. ל י נ ד ע. ווי וואָלט געווען ווען מיר ביידע געשטראַנדעטע וואָלטען זיך געגעבען די הענד?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָ—אָס?

פ ר. ל י נ ד ע. צוויי אויף אַ פּליט האָבען אַ גרעסערען שאַנס אויף רעטונג ווי ווען יעדער האַלט זיך אָן אַ בעזונדערען באַלקען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. כּריסטינע!

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס מיינסטו האָט מיך געבראַכט אַהער אין שטאָדט אריין?

ק ר אָ ג ס ט א ד. האָסטוווירקליך געטראַכט וועגען מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. איך מוז האָבען אַן ארבייט, אַניט קען איך ניט לעבען. אזוי ווייט ווי איך געדענק האָב איך געאַרבייט און דאָס איז געווען מיין איינציגע פרייד. איצט שטעה איך גאַנץ אליין אין דער וועלט אזוי שרעקליך צוועקלאָז און פערלאָזען. אין ארבייטען פאר זיך אליין איז ניטאָ קיין וואהרעם גליק. נילס, גיב מיר אַן ארבייט און איינעם פאר וועמען צו לעבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ניין, ניין —— דאָס קען ניט זיין. דאָס איז איינפאַך אַ פרוי'ס ראָמאַנטישע אידעע פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

פ ר. ל י נ ד ע. בין איך דיר ווען עס איז פאָרגעקומען ראָ־מאַנטיש?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָלסטו ווירקליך?... זאָג מיר, ווייסטו מיין פערגאַנגענהייט?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און דו ווייסט וואָס מען רעדט פון מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. האָסטו ניט נאָר־וואָס געזאָגט, אַז מיט מיר וואָלסטו געווען אַנאַנדער מענש?

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאָס איז זיכער.

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס דען צו שפּעט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. כּריסטינע, ווייסטו וואָס דו טוסט? יאָ, דו ווייסט; איך לעז דאָס אויף דיין געזיכט. האָסטו דעם מוטה?...

פ ר. ל י נ ד ע. איך בעדאַרף אימעצען אום איהם אויפ־צופּאַסען און דיינע קינדער ברויכען אַ מוטער. דו בעדאַרפסט

מיך און איך — איך בעדארף דיך. נילס, איך גלויב אין די בעסערע זייט פון־דיין נאטור. צוזאמען מיט דיר האב איך פאר קיין זאך קיין פורכט ניט.

קראגסטאד. (איהר אננעהמענדיג פאר'ן האנד) א דאנק דיר, א דאנק דיר, כריסטינע! איך וועל אזוי לעבען, אז אנדערע זאלען מיר אנזעהן מיט אזוינע אויגען ווי דיינע... אה, איך האב אין גאנצען פערגעסען...

פר. לינדע. שש... די טאראנטעלא. איצט מוזטו געהן.

קראגסטאד. ווארום? וואס איז דאס?

פר. לינדע. הערסטו ניט דעם טאנצען אויבען? אזוי ניך ווי דאס איז צו ענד וועלען זיי ארונטערקומען אהער.

קראגסטאד. אה, יא, איך געה... אבער אליינס איז שוין צו שפעט איצט צוריקצורופען. דו ווייסט געוויס וואס פאר א שריט איך האב געמאכט געגען די העלמערס.

פר. לינדע. יא, נילס, איך ווייס.

קראגסטאד. און דאך האסטו קוראזש גענוג?...

פר. לינדע. איך ווייס צו וואס פערצווייפלונג קען א מענשען טרייבען.

קראגסטאד. א, ווען איך וואלט דאס נור געקענט פערמיידען!

פר. לינדע. דאס קענסטו... דיין בריעף איז נאך אין קאסטען.

קראגסטאד. ווירקליך?

פר. לינדע. יא, אבער...

קראגסטאד. (וואַרפענדיג אויף איהר א שארפען בליק) אה, איצט פערשטעה איך. דו ווילסט רעטען דיין פריינדין עס מעג קאסטען וואס עס וויל! רייד קלארע ווערטער... איז דאס דיין אידעע?

פר. לינדע. נילס, א פרוי, וועלכע האט זיך איינמאל אויפגעאפפערט פאר אנדערע, טוט דאס ניט קיין צווייטעס מאל.

קראגסטאד. דאן וועל איך צוריק פערלאנגען מיין בריעף.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ניין!

ק ר אָ ג ס ט א ד. יאָ, געוויס! איך וועל וואַרטען ביז העל־מער קומט אַרונטער, וועל איהם זאָגען, אַז ער מוז עס מיר צוריק־געבען, אַז דאָס איז נור געוועזען וועגען מיין ענטלאַסונג, אַז איך וויל ניט ער זאָל איהם לעזען...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, נילס, דו טאָרסט דעם בריעף ניט צו־ריק־פערלאַנגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אָבער זאָג מיר, האָסטו מיך ניט צוליעב דעם אַהער גערופען?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, נעכטען. אין דעם ערשטען שרעק. אָבער דערווייל איז פערגאַנגען אַ גאַנצער טאָג און אין דעם טאָג צייט האָב איך געזעהן אונגלויבליכע זאַכען היער אין הויז. העלמער מוז אַלעס וויסען; עס מוז געמאַכט ווערען אַ סוף צו דיעזען אונ־גליקליכען סעקרעט. זייביידע מוזען קומען צו אַ פערשטענדיגונג. זיי קענען ניט אייביג שפּיעלען אין בעהעלטענעס.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זעהר גוט, אויב דו ווילסט עס ריזיקירען. אָבער איין זאַך קען א י ך י א טאָן און דאָס באַלד...

פ ר. ל י נ ד ע. (האָרכענדיג) שנעל, שנעל, געה! דער טאַנץ איז צו ענדע. מיר זיינען ניט זיכער איין אויגענבליק מעהר.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וועל אויף דיר וואַרטען אין גאַס.

פ ר. ל י נ ד ע. גוט, גוט. און דו וועסט מיך בעגלייטען אַהיים.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב ניט געהאַט אַזאַ גליקליכען טאָג אין מיין גאַנצען לעבען! (ער געהט אַרויס. די טיר צווישען צימער און קאָרידאָר בלייבט אָפען.)

פ ר. ל י נ ד ע. (ברענגענדיג אין אָרדנונג די מעבעל און נעה־מענדיג איהר הוט און מאַנטעל) וואָס פאַר אַ פערענדערונג! וואָס פאַר אַ פערענדערונג! צו האָבען אימעצען פאַר וועמען צו לעבען! אַ היים צו בעגליקען! איך וועל מוזען ארבייטען אין ערנסט. אָ, ווען זיי וואָלטען שוין קומען! (האָרכט) אַה, זיי געהען, איך מוז זיך אָנטאָן. (זי טוט זיך אָן. העלמער און נאָראַ׳ס שטימען הערען

זיך אין קאָררידאָר; אַ שליסעל דרעהט זיך אום אין שלאָס, און העלמער שלעפּט אריין נאָראַ'ן כמעט איבער געוואַלט. זי טראָגט איהר איטאַליע־נישען קאָסטיום מיט אַ שאַל איבער די שולטערן. ער איז אין אַ פראַק און טראָגט אַ שווארצען דאָמינאָ.)

נ אָ ר אַ. (זיך ווערענדיג) ניין, ניין, ניין! איך וועל נאָך ניט אריינגעהן! איך מוז צוריקגעהן צום באַל. איך וויל ניט אוועקגעהן אזוי פריה.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, מיין זיסע מיידעלע!

נ אָ ר א. ליעבער, ליעבער טאָרוואַלד, זעה, נור נאָך איין איינציגע שטונדע!

ה ע ל מ ע ר. ניט איין מינוט מעהר, טייערע נאָראַ! דו געדיינקסט אונזער אָבמאַך. קום, קום אריין אין צימער. דו וועסט זיך דאָ פערקיהלען. (זי וועהרט זיך, אָבער ער פיהרט זי צערטליך אריין אין צימער.)

פ ר. ל י נ ד ע. גוטען אָווענד אייך.

נ אָ ר אַ. כריסטינע!

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז דאָס? איהר, פרוי לינדע? אזוי שפּעט היער?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, ענטשולדיגט. איך האָב געוואָלט זעהן נאָרע'ן אין איהר באַל־קלייד.

נ אָ ר אַ. ביזטו היער געזעסען ווארטענדיג אויף מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ; איך בין ליידער געקומען צו שפּעט. איהר זייט שוין געוועזען ארויפגעגאַנגען אויבען. האָב ניט גע־וואָלט אויסגעהן אָהנע דיך צו זעהן.

ה ע ל מ ע ר. (ארונטערנעהמענדיג נאָראַ'ס שאַל) זעהר גוט. דאַן בעטראַכט איהר. איך גלויב, זי איז ווערטה, אז מ'זאָל איהר בעזעהן... איז זי ניט ליעבליך, פרוי לינדע?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, איך מוז זאָגען...

ה ע ל מ ע ר. איז זי ניט שאַרמאַנט? דאָס האָט יעדער גע־זאָגט. אָבער זי איז שרעקליך האַרטנעקיג, די טייבעלע. וואָס

טוט מען מיט איהר? דענקט נור! איך האָב איהר כמעט מיט געוואַלט אוועקגעריסען.

ג אָ ר א. אָ, טאַרוואַלד! דיר וועט נאָך אַ מאָל פערדריי־סען ווארום דו האָסט מיר ניט געלאָזט בלייבען; וועניגסטענס נאָך אַ האַלבע שטונדע.

ה ע ל מ ע ר. נו, אָט האָט איהר דאָס. איהר הערט, פרוי לינדע? זי ווערט ווילד אפּפלאָדירט פאַר'ן טאַנצען די טאַראַנ־טעלאַ און איך מוז זאָגען, זי פערדיענט די אַפּפּלאָדיסמענטען — אַבגלייך זי האָט פיעלייכט אריינגעלעגט צופיעל נאַטור אין דער אויספיהרונג פון די אידעע, מעהר וויפיעל די קונסט האָט פיעלייכט פערלאַנגט. — אָבער יעדענפאַלס האָט זי געהאַט אַ גרויסען ער־פאָלג, און דאָס איז די הויפּט־זאַך. קען איך איהר דען לאָזען אין זאַאַל, אַז זי זאָל אליין אָבשוואַכען דעם עפעקט? אויף קיין פאַל ניט! איך האָב גענומען מיין זיסע קאַפּרי־מיידעלע, מיין קאַפּריזנע קליינע קאַפּריאַנערקע — האָב איך כמעט געזאָגט — אונטערן אָרעם; איין האַסטיגער קעהר ארום, אַ קניקס פאַר אַלעמען אין זאַאַל און — ווי זאָגען זיי אין די ראָמאַנען? די ליעבליכע ערשיינונג איז פערשוואונדען! אַן אויסגאַנג מוז אי־מער זיין עפּפעקטפאָל, פרוי לינדע; אָבער נאָרא וויל דאָס ניט איינזעהן. ביי גאָט! דאָ איז ווארם! (ער ווארפט אראָפּ זיין מאַסקע און עפענט די טיר פון זיין צימער) וואָס? גאָר קיין ליכט ניטאָ היער? אָ, נאַטירליך, ענטשולדיגט! (ער געהט אריין צו זיך און צינדט אָן אַ ליכט.)

נ אָ ר א. (ריידענדיג מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם) נו?

פ ר. ל י נ ד ע. איך האָב מיט איהם גערעדט.

נ אָ ר א. און?

פ ר. ל י נ ד ע. נאָרא, דו מוזט דיין מאַן אַלעס אויסזאָגען.

נ אָ ר א. (כמעט שפּראַכלאָז) דאָס האָב איך געוואוסט.

פ ר. ל י נ ד ע. פאַר קראָגסטאַדען האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבען. אָבער דו מוזט אַלעס קלאָר ארויסרעדען.

ג אָ ר א. דאָס וועל איך ניט טאָן.

פ ר. ל י נ ד ע. דאן וועט דער בריעף רעדען.

נ א ר א. דאנק דיר, כריסטינע. איצט ווייס איך וואס איך האב צו טאן. ששש...

ה ע ל מ ע ר. (צוריקקומענדיג) נון, פרוי לינדע, האט איהר זי בעוואונדערט?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, און איצט ווינש איך אייך א גוטע נאכט.

ה ע ל מ ע ר. וואס, שוין? געהערט דיעזע שטריקערייי צו אייך?

פ ר. ל י נ ד ע. א, יא! איך דאנק אייך. האב'ס בייגאהע פערגעסען.

ה ע ל מ ע ר. איהר שטריקט אלזא?

פ ר. ל י נ ד ע. יא.

ה ע ל מ ע ר. ווייסט איהר, איהר האט געדארפט אויס-געהען אויף קאנווא.

פ ר. ל י נ ד א. ווירקליך? ווארום?

ה ע ל מ ע ר. ווייל עס איז פיעל שענער. בליקט אהער! איהר האלט די אויסגענעהטע זאך אין דער לינקער האנד, אט אזוי, און ארבעט מיט דער נאדעל אין דער רעכטער האנד אין א לאנגען לייכטען שוואונג, ניין?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, גלויב איך.

ה ע ל מ ע ר. אבער שטריקען איז אימער העסליך. זעהט נור צו: אייערע הענט זיינען ענג ביי די זייטען; די נאדלען געהען ארויף און אראפ, עס האט עפעס א כינעזישען אנבליק... זיי האבען אונז ווירקליך געגעבען א פיינעם שאמפאניער היינט אווענד.

פ ר. ל י נ ד ע. נו, גוטע נאכט, נארא! און זיי מעהר ניט הארטנעקיג.

ה ע ל מ ע ר. א קלוגעס ווארט, פרוי לינדע.

פ ר. ל י נ ד ע. גוטע נאכט, הערר העלמער!

ה ע ל מ ע ר. (זי בעגלייטענדיג ביז'ן טיר) גוטע נאכט, גוטע נאכט! איך האף, איהר וועט קומען זיכער אהיים. איך וואלט

איך גערן... אָבער, ווירקליך, איהר האָט ניט ווייט צו געהן. גוטע נאכט, גוטע נאכט! (ער פערמאַכט די טיר) ענדליך זיינען מיר פון איהר לויז. זי איז שרעקליך לאנגווייליג.

נ אָ ר אַ. ביזטו ניט מיעד, טאָרוואלד?

ה ע ל מ ע ר. ניט אים מינדעסטען. איך פיהל מיך זעהר פריש. אָבער דו? דו זעהסט אויס פערמאַטערט און שלעפעריג.

נ אָ ר אַ. יאַ, זעהר מיד. איך וועל באלד שלאָפען.

ה ע ל מ ע ר. נו, זעהסטו? בין איך דאָך גערעכט געווען דיך ניט צו לאָזען דאָרטען בלייבען לענגער.

נ אָ ר אַ. אָ, אַלץ וואָס דו טוסט איז גערעכט.

ה ע ל מ ע ר. (קוסט איהר אויפ'ן שטערן) איצט רעדט מיין פייגעלע ווי אַ פערנינפטיגער מענש. האָסטו בעמערקט ווי פרעה־ליך ראנק איז היינט אָווענד געווען?

נ אָ ר אַ. ווירקליך? איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענ־הייט מיט איהם צו רעדען.

ה ע ל מ ע ר. איך אויך ניט איבריגס; אָבער אין אַזאַ גוטע שטימונג האָב איך איהם שוין לאנג, לאנג ניט געזעהן. (זעהט נאָרא'ן אָן און קומט נעהנטער צו) עס איז דאָך שעהן צוריק צו זיין אין דער־היים, צו זיין גאָר אין גאַנצען אליין מיט דיר. אָ, דו שאַרמאַנטע ווייבעלע!

נ אָ ר אַ. זעה מיך אַזוי ניט אָן, טאָרוואלד.

ה ע ל מ ע ר. וואָס? ניט אָנזעהן מיין טייערסטען שאַץ? די ליעבליכקייט, וועלכע איז מיינע, נור מיינע, איינציג און אליין מיינע.

נ אָ ר אַ. (אַוועקגעהענדיג צו די אַנדערע זייט פון טיש) היינט אָווענד טאָרסט דו מיר אַזעלכע זאכען ניט זאָגען.

ה ע ל מ ע ר. (געהט איהר נאָך) איך פערשטעה! דו האָסט נאָך די טאַראַנטעלאַ אין דיינע אָדערן... אָבער דאָס מאַכט דיך נאָך רייצענדער. האָרך! די געסט געהען איצט אוועג. (מיל־דער) נאָרא, באלד וועט די גאַנצע הויז זיין שטיל.

נ אָ ר אַ. 'ך האָף אַזוי.

העלמער. ווייסטו, מיין שאַץ? ווען מיר זיינען צוויי־שען פרעמדע — ווייסטו וואָרום איך רעד מיט דיר אַזוי ווייניג? וואָרום איך האַלט זיך אָן אַ זייט? וואָרום איך גיב נור אויף דיר ווען־ניט־ווען אַ פער'גנב'עטען בליק, — ווייסטו וואָרום איך טו דאָס? ווייל איך בילד זיך איין, אַז מיר ליעבען איינס דאָס אַנ־דערע אין געהיים, אַז איך בין סעקרעטנע פערלאָבט מיט דיר און אַז קיינער קלערט ניט וואָס צווישען אונז געהט פאָר.

נאָרא. יאַ, יאַ, יאַ! איך ווייס אַלע דיינע געדאַנקען זיי־נען מיט מיר.

העלמער. און דאַן, ווען מיר דאַרפען אַוועקגעהן, און איך וויקעל די שאַל אַרום דיינע גלאַטע, צערטליכע שולטערן, אַרום דיעזען הערליכען האַלז, שטעל איך מיר פאָר, אַז דו ביסט מיין כלה, אַז אונזער האָכצייט איז נאָר־וואָס אָבגעשפּיעלט, אַז איך נעהם דיך צום ערסטען מאָל אַהיים, אַז איך בין דאָס ערסטע מאָל אַליין מיט דיר, גאַנץ אַליין מיט דיר — מיט דיר אין דיין פּורכט־זאַמע ליעבליכקייט. — דעם גאַנצען אָווענד היינט האָב איך מיך גע־באַנגט נאָך דיר, דיר אַליין. ווען איך האָב דיך בעטראַכט שוועבענדיג און זיך ראַש בעוועגענדיג אין דער טאַראַנטעלאַ — מיין בלוט האָט געקאָכט — איך האָב עס ניט געקענט לענגער אויס־האַלטען; דאָס איז דער גרונד וואָרום איך האָב דיך געצוואונגען אַוועקצוגעהן.

נאָרא. געה איצט, טאָרוואַלד! געה אַוועק פון מיר! איך קען דאָס אַלעס היינט ניט איבערטראָגען.

העלמער. וואָס מיינסטו? אָה, איך פערשטעה. דו ווילסט זיך מיט מיר רייצען! „וויל ניט, וויל ניט!" בין איך דען ניט דיין מאַן?

(אַ קלאַפּ אין טיר.)

נאָרא. (שפּרינגט אויף) האָסטו געהערט?

העלמער. (צוגעהענדיג צום קאָרידאָר) ווער איז דאָרטען?

ר אַ נ ק. (פון דרויסען) דאָס בין איך. מעג איך אריינ־קומען אויף אַ מינוט?

ה ע ל מ ע ר. (פערדריסליך) וואָס קען ער דאָ בעדאַרפען? (אין דער הויך) וואַרט אַ ווײלינקע! (עפענט) קום אריין. עס איז שעהן פון דיר זיך צו ווײזען ביי אונז.

ר אַ נ ק. מיר האָט זיך געדאַכט איך הער דיין שטימע; דאָס האָט מיר געגעבען די פאַנטאַזיע אריינצוקומען. (קוקט זיך ארום) אַ, דאָס ליעבע, אַלטע הייזעלע! ווי געמיטהליך איהר ביידע זייט דאָ!

ה ע ל מ ע ר. דו האָסט פון דעסטוועגען געפונען גענוג גע־מיטהליכקייט אויבען אויך.

ר אַ נ ק. זעהר פיעל. ווארום ניט? ווארום ניט ארויס־קריעגען פון דעם לעבען אַלץ וואָס מען קען? אַלץ וואָס מען קען אַזוי לאַנג ווי מען קען. דער וויין איז געווען גרויסאַרטיג...

ה ע ל מ ע ר. איבערהויפט דער שאַמפּאַניער.

ר אַ נ ק. האָסטו דאָס בעמערקט? עס איז גאַר ניט צו גלויבען וויפיעל איך האָב געטרונקען...

נ אָ ר אַ. העלמער האָט אויך געגוג שאַמפּאַניער געטרונקען.

ר אַ נ ק. האָט ער, ווירקליך?

נ אָ ר אַ. יאַ, און דאָס מאַכט איהם אימער אַזוי גוט גע־שטימט.

ר אַ נ ק. נו, און ווארום זאָל מען ניט האָבען אַ פרעהליכען אָוועגד נאָך אַ גוט־פערבראַכטען טאָג?

ה ע ל מ ע ר. גוט פערבראַכט? נו, איך האָב ניט מיט וואָס צו שטאָלצירן.

ר אַ נ ק. (איהם צערטליך קלאַפּענדיג אויפ'ן שולטער) אָבער איך האָב יאַ, פערשטעהסטו.

נ אָ ר אַ. איהר זייט וואהרשיינליך געווען בעשעפטיגט מיט אַ וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונג, ניין דאָקטאָר ראַנק?

ר אַ נ ק. געטראָפען.

ה ע ל מ ע ר. מיין גאָט! נאַרעלע רעדט וועגען ווי־סענשאַפטליכע אונטערזוכונגען!

נ אָ ר אַ. מעג איך אייך גראַטולירען מיט'ן רעזולטאַט?

ר אַ נ ק. אַ, יאַ!

נ אָ ר אַ. איז דאָס רעזולטאַט גוט?

ר אַ נ ק. דאָס בעסטע אין דער וועלט אי פאר'ן ארצט, אי פאר'ן פאַציענט: ג ע וו י ס ה י י ט.

נ אָ ר אַ. (שנעלל און פאַרשעגדיג) געוויסהייט, זאָגט איהר?

ר אַ נ ק. פאָלקאָמענע געוויסהייט. בין איך ניט גערעכט געווען, ווען איך האָב נאָכהער געהוליעט?

נ אָ ר אַ. יאַ, גאַנץ גערעכט, דאָקטאָר ראַנק.

ה ע ל מ ע ר. דאָס זאָג איך אייך, אַזוי לאַנגזאַם ווי דאָס קאָסט ניט צו טייער דעם קומענדיגען טאָג.

ר אַ נ ק. נו, — אין דיעזעם לעבען קריעגט מען קיין זאַך ניט אומזיסט.

נ אָ ר אַ. דאָקטאָר ראַנק! האָט איהר ניט ליעב מאַסקאַ־ראַדען?

ר אַ נ ק. יאַ, ווען עס זיינען דאָ פיעל לוסטיגע מאַסקעס.

נ אָ ר אַ. זאָגט מיר, וואָס זאָלען מיר ביידע זיין אויף דעם נעקסטען מאַסקען־באַל?

ה ע ל מ ע ר. אָה, דו, קליינע אונערזועטליכע! טראַכסט שוין וועגען דעם נעקסטען באַל?

ר אַ נ ק. מיר ביידע? איך וועל אייך זאָגען. איהר מוזט געהן אַלס גוטער ענגעל.

ה ע ל מ ע ר. וואָס פאר אַ קאָסטיום אָבער, וואָלט זי דאַר־פען אום אַזוי אויסצוזעהען?

ר אַ נ ק. זי דאַרף נור טראָגען איהר וואָכעדיגע קלייד.

ה ע ל מ ע ר. בריליאַנט! אָבער ווייסטו שוין וואָס דו אַליין וועסט זיין?

ר אַ נ ק. יאַ, מיין פריינד, דאָס איז קלאָר בערעכענט ביי מיר.

העלמער. נו?

ראנק. צום נעקסטען מאסקאראד וועל איך זיין „דער אונזיכטבארער“.

העלמער. וואס פאר א קאמישע אידעע!

ראנק. עס איז דא א גרויסער שווארצער הוט — האסט דאך געהערט פון דעם אונזיכטבארען הוט. ער בעדעקט א מענשען פון אויבען אראב און קיינער קען איהם מעהר ניט זעהן.

העלמער. (אונטערדריקענדיג א שמייכעל) אין דעם ביסטו גערעכט.

ראנק. אבער איך האב דערווייל פערגעסען נאך וואס איך בין צו דיר געקומען. העלמער, גיב מיר א ציגאר, איינעם פון דיינע דונקעלע האוואנאס.

העלמער. מיט דעם גרעסטען פערגניגען. (גיט איהם דם ציגארענטאשע.)

ראנק. (אבשנײדענדיג דעם שפיץ) דאנקע.

נארא. (אנרייבענדיג א וועקסענע שוועבעלע) אט איז א ליכט!

ראנק. דאנק, א טויזענד מאל. (ער צינדט אן פון איהר האנד.) און איצט גוט נאכט!

העלמער. א גוטע נאכט דיר, מיין ליעבער יונגע!

נארא. שלאפט זאנפט, דאקטאר ראנק!

ראנק. דאנק אייך פאר׳ן וואונש.

נארא. ווינשט מיר דאסזעלבע.

ראנק. אייך? זעהר גוט, ווי איהר ווילט! שלאפט גע־זונד; און דאנק אייך פאר דאס ליכט! (ער פערבויגט זיך און געהט).

העלמער. ער האט פיעל געטרונקען.

נארא. (פערטראכט) וואהרשיינליך.

(העלמער נעהמט די שליסלען און געהט צום בריעף־קאסטען).

נארא. טארוואלד, וואס טוסטו דארטען?

העלמער. איך מוז אויסליידיגען דעם בריעף־קאסטען;

ער איז פול געפאקט. עס וועט דארין ניט זיין קיין פלאץ פאר די צייטונגען מאָרגען פריה.

נ אָ ר א. מיינסטו נאָך היינט ביי נאכט צו ארבייטען?

ה ע ל מ ע ר. אָה, ניין! האלט, וואָס איז דאָס? אימיצער האָט דאָ גערופעט דעם שלאָס.

נ אָ ר א. דעם שלאָס?

ה ע ל מ ע ר. דאָס איז זיכער. וואָס זאָל דאָס בעטייטען? איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, אז פון די דיענסטלייד ווער...? היער איז א צובראָכענע האָאר־נאָדעל. נאָרא, דאָס איז איינע פון דיינע.

נ אָ ר א. (האסטיג) וואהרשיינליך די קינדער...

ה ע ל מ ע ר. דאַן מוזטו זיי פון אזעלכע שפּעסער אָבגע־וואוינען. הם... הם... נאָ, ענדליך איז עס אָפען. (ער נעהמט ארויס דעם גאַנצען פּאַק און רופט צו דער קיך צו) העלענע! העלענע, לעש אויס דעם לאָמפּ אין קאָררידאָר! (ער קומט צוריק, פערמאַכט די צימער־טיר) גיב נור א בליק! וויפיעל דאָ האָט זיך אָנגעזאַ־מעלט. — וואָס איז דאָס?

נ אָ ר א. (ביים פענסטער) דער בריעף! אָ, ניין, ניין, טאָר־וואלד.

ה ע ל מ ע ר. צוויי וויזיט־קארטען — פון ראנק.

נ אָ ר א. פון ראנק?

ה ע ל מ ע ר. (זיי בעטראַכטענדיג) „דאָקטאָר ראנק“. זיי זיינען געווען גאַנץ פון אויבען. ער האָט זיי געווים נאָר־וואָס ארייג־געוואָרפען.

נ אָ ר א. עטוואָס דאָ אויף זיי?

ה ע ל מ ע ר. א שווארצער שטריך איבער'ן נאָמען. זעה נור וואָס פאר א שוידערהאפטער איינפאל. עס זעהט אוים אזוי ווי ער וואָלט וועלען אָנצייגען זיין אייגענעם טויט.

נ אָ ר א. יאָ, דאָס בעטייט עס.

ה ע ל מ ע ר. ווי? דו ווייסט עטוואָס דערפון? האָט ער דיר געזאָגט?

נ אָ ר א. יא, דיזע קאַרטען בעטייטען, אַז ער האָט פון אונז גענומען דעם לעצטען אָבשיעד. ער מיינט זיך צו פערשליעסען און... שטאַרבען.

ה ע ל מ ע ר. אָרעמער קערל! איך האָב, נאַטירליך, גע־וואוסט, אַז מיר וועלען איהם לאַנג ניט האָבען ביי זיך. אָבער אַזוי שנעל... און דאַן צו געהן און פערקריכען אין זיין הויל ווי אַ פער־וואונדעטע חיה...

נ אָ ר א. דאָס וואָס מוז זיין, מוז זיין און וואָס וועניגער גע־רעדט, אַלץ בעסער. איז דאָס ניט דיין מיינונג אויך, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. (שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) ער איז געווען אַזוי איינגעוואַקסען אין אונזער לעבען, אַז איך קען מיר ניט פאָר־שטעלען, אַז ער איז מעהר ניטאָ. ער, מיט זיינע ליידען, מיט זיין איינזאַמקייט, האָט פאָרגעשטעלט אַן אַרט הינטערגרונד פון שאָט־טען צו דעם זונענשיין פון אונזער גליק. איבריגענס, פיעלייכט איז עס צום בעסטען אַזוי, — איבערהויפּט פאַר איהם. (בלייבט שטעהן) פיעלייכט פאַר אונז אויך, נאָרא. איצט זיינען מירביידע אין גאַנצען אָבהענגיג איינער פון דעם אַנדערען. (ער נעהמט איהר אַרום) מיין ליעבסטע, הערצליכסטע ווייבעלע! איך פיהל אַזוי, ווי איך וואָלט דיך קיינמאָל ניט קענען האַלטען פעסט גענוג. ווייסטו, נאָרא, אָפטמאָלס ווינש איך, אַז דו זאָלסט זיין אין אַ גע־פאַהר אום אַז איך זאָל קענען פאַר דיך ריזיקירען לייב און לעבען.

נ אָ ר א. (רייסט זיך אַרויס פון זיין אומאַרמונג און זאָגט פעסט ענטשלאָסען.) איצט מעגסטו לעזען דיינע בריעף, טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. ניין, ניין! ניט היינט־ביי־נאַכט. איך וויל זיין מיט דיר, זיסע ווייבעלע.

נ אָ ר א. וואָס? מיט אַ פריינד, וואָס שטאַרבט, אין די גע־דאַנקען?

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט גערעכט. דאָס האָט אונז ביידען אַ שרעקליכען טרייפעל געטאָן. אונליעבע איז געקומען צווישען אונז, — געדאַנקען וועגען טויט און פערניכטונג. מיר מוזען זוכען זיי אָבצושאָקלען. ביז דאַן בלייבען מיר אָבגעזונדערט.

נאָרא. (איהרע אָרעמס ארום זיין האַלז) טאַרוואַלד, א גוטע, גוטע נאכט דיר!

העלמער. (מיט א קוס) גוט נאכט, מיין פייגעלע. שלאָף געזונד, נאָרא! איצט געה איך לעזען מיינע בריעף. (ער געהט אריין צו זיך אין צימער און פערמאַכט די טיר).

נאָרא. (מיט א ווילדען בליק, טאַפּט זי ארום זיך, נעהמט העל־מער'ס דאָמינאָ, ווארפט עס ארויף אויף זיך, און רעדט שנעל, הייזעריג מיט געבראָכענע ווערטער:) איהם קיינמאָל מעהר ניט צו זעהן! קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל ניט צו זעהן! (זי פערדעקט זיך דעם קאָפּ מיט'ן שאַל) קיינמאָל מעהר ניט צו זעהן די קינדער! קיינ־מאָל ניט? א, די שווארצע, אייז־קאַלטע וואסער! דער אַבגרונד... ווען דאָס וואָלט נור געווען אַבגעטאָן... איצט האָט ער דעם בריעף... ער לעזט איהם... א, ניין, ניין, נאָך ניט! טאַרוואַלד, זיי גע־זונד!... זייט געזונד, קינדערלעך... (זי לויפט אַרויס אין קאָרידאָר. אין דעם זעלבען אויגענבליק רייסט העלמער אויף די טיר און בלייבט שטעהן מיט'ן בריעף אין דער האַנד).

העלמער. נאָרא!

נאָרא. (מיט א געשריי) אָה!

העלמער. וואָס איז דאָס? ווייסטו וואָס אין דעם בריעף שטעהט?

נאָרא. יא, איך ווייס. לאָז מיך געהן. לאָז מיר דורך.

העלמער. (איהר צוריקהאַלטענדיג) וואוהין געהסטו?

נאָרא. (זיך רייסענדיג) דו טאָרסט מיך ניט רעטען, טאַר־וואַלד!

העלמער. (צוריקפאַלענדיג) וואהר? איז עס וואהר וואָס ער שרייבט? ניין, עס קען ניט זיין וואהר!

נאָרא. עס איז וואהר. איך האָב דיך געליעבט איבער אַלעס אין דער וועלט.

העלמער. ע... פערררייד מיר ניט די ציינער!

נאָרא. (א טריט נעהנטער) טאַרוואַלד!...

העלמער. אונגליקליכע פרוי! וואָס האָסטו געטאָן?

נאָרא. לאָז מיך געהן. דו טאָרסט מיך ניט רעטען! דו טאָרסט די שולד אויף זיך ניט נעהמען, הערסטו?

העלמער. איך דארף ניט דיינע טהעאטראַלישע מיענען! (שליסט צו די טיר) היער זאָלסטו בלייבען און אָבגעבען רעכענשאַפט! פערשטעהסטו וואָס דו האָסט געטאָן? ענטפער! פערשטעהסט דו? הא?

נאָרא. (איהם שטאר אָנבליקענדיג און מיט אַ פעסטערע שטימע) יא, איצט... איצט הויב איך אָן אין גאַנצען צו פערשטעהן.

העלמער. (שפּרייזענדיג איבער׳ן צימער) אָ, וואָס פאר א שרעקליכע ענטויישונג! גאַנצע אַכט יאָהר איז זי געווען מיין שטאָלץ, מיין פרייד — די גאַנצע צייט אַ פערשטעלטע, א ליגנערקע... ערגער, פיעל ערגער, א פערברעכערין. אָ, די העסליכקייט דערפון, אוה!

(נאָרא בלייבט שטיל און בליקט איהם אָן אימער שאַרפער.)

העלמער. איך האָב געדאַרפט פאָראויס וויסען, אז עטוואָס אזוינס קען קומען. דיין פאָטער׳ס גאַנצע אונעהרליכקייט איז צו דיר איבערגעגאַנגען בירושה: קיין מאָראַל, קיין רעליגיאָן, קיין פפליכט־געפיהל! ווי איך ווער איצט בעשטראָפט פאר׳ן אָננעהמען זיך פאר איהם. איך האָב דאָס געטאָן פון דיינטוועגען און אזוי בעלוינסטו מיך.

נאָרא. יא, אזוי.

העלמער. דו האָסט פערניכטעט מיין גאַנצען גליק. דו האָסט רואינירט מיין גאַנצע צוקונפט. אָ, עס איז שרעקליך ארום דעם צו דענקען. איך בין אין א לומפּ׳ס האַנד; ער קען מיט מיר טאָן אַלץ וואָס ער וויל, פערלאַנגען, פאָדערן וואָס זיין הארץ גערוכט און איך מוז נאָכגעבען! און דאָס אַלעס קומט אויף מיר דורך א געוויסענלאָזע פרוי.

נאָרא. ווען איך וועל מעהר ניט זיין אין וועג, וועסטו זיין פריי.

העלמער. קיינע פיינע פראַזען, איך בעט דיך! דיין פאָ־

טער האָט זיי אויך אימער געהאַט אויפ'ן צונג. וואָס פאַר אַ נוצען קען מיר ברענגען דיין „ניט מעהר זיין אין וועג" ווי דו רופסט דאָס? קיין ברעקעל נוצען ניט. ער קען אימער בעקאַנט מאַכען די געשיכטע. מען וועט זאָגאַר מיך פערדעכטיגען, אַז איך האָב אין דעם געהאַט אַ האַנד. מענשען וועלען דענקען, אַז דאָס איז גע־ווען מיין קאָפּ, אַז איך האָב דיך אָנגערעדט. און דאָס אַלעס האָב איך דיר צו פערדאַנקען, — דיר, וועלכע איך האָב געבאַלעוועט די גאַנצע צייט זינט מיר זיינען פערהייראַטהעט. פערשטעהסטו איצט, וועניגסטענס, וואָס דו האָסט געטאָן?

נ אָ ר אַ. (קאַלטבלוטיג און רוהיג). יאָ.

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך! איך קען מיר דאָס ניט פאָר־שטעלען! אָבער מיר מוזען קומען צו אַ טאַלק. נעהם אַראָב דעם שאַל, נעהם עס אַראָב, זאָג איך דיר!... איך מוז זעהן איהם ווי עס איז צו פערשטאָפּען די מויל... אַ געהיימניס מוז דאָס בלייבען, וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטען. וואָס אונז אַנבעטרעפט, מיר מוזען לעבען צוזאַמען ווי פריהער, אָבער נור פאַר דער וועלט... דו וועסט נאַטירליך בלייבען דאָ וואוינען, אָבער די קינדער וועסטו ניט ערציהען. איך וואָג ניט דיר זיי אָנצוטרויען. — אָ, דאָס צו מו־זען זאָגען אַ פרוי, וועלכע איך האָב אַזוי צערטליך געליעבט, ליעב פּיעלייכט איצט נאָך... אָבער דאָס מוז איצט פערגעסען ווערען. פון היינט אָן און ווייטער קען מעהר קיין רייד ניט זיין פון וואָהרע גליק; רעטען, קען מען, העכסטענס, פּיעלייכט נאָך די רואינען, די ברעקלעך, דעם אויסזעהן דערפון. מען קלינגט. (ער שפּרינגט אויף) וואָס איז דאָס? אַזוי שפּעט? קען דאָס זיין דאָס שלימסטע? קען ער...? בעהאַלט זיך נאָראַ; זאָג דו ביסט קראַנק.

(נאָראַ ריהרט זיך ניט פון אָרט; העלמער געהט און עפענט די טיר).

ה ע ל ע נ ע. (האַלב אויסגעטאָן, אין קאָרידאָר) אַ בריעף פאַר אייך מאַדאַם!

ה ע ל מ ע ר. גיב עס אַהער. (כאַפּט דעם בריעף צו און פער־מאַכט די טיר.) יאָ, דאָס איז פון איהם. דו וועסט דעם בריעף ניט האָבען, איך לעז איהם אַליין!

נ אָ ר אַ. לעז, לעז.

ה ע ל מ ע ר. (ביין לאָמפּ) מיר פעהלט כמעט דער מוט־דערצו. עס קען זיין, אז מיר זיינען ביידע פערלאָרען, אי דו, אי איך. אח, איך מוז וויסען! (רייסט אויף האַסטיג דעם קאָנווערט, לעזט אַ פּאָאָר שורות, בעטראַכט אַ וועקסעל אינגוועניג און שרייט אויס מיט פריידע) נאָראַ! (זי וואַרפט אויף איהם אַ פאָרשענדען בליק און, שווייגט.) אָ, איך מוז דאָס פון דאָס נייע לעזען. יא, יא, [illegible] ריכטיג. איך בין געראַטעט. נאָראַ, איך בין געראַטעט.

נ אָ ר אַ. און איך?

ה ע ל מ ע ר. נאַטירליך, דו אויך, מיר ביידע זיינען געראַ־טעט, ביידע! בליק נור אַהער! ער שיקט דיר אָפּ דיין וועקסעל. ער שרייבט אז עס טהוט איהם לייד, ער ענטשולדיגט זיך. אַ גליק־ליכע ענדערונג אין זיין לעבען, זאָגט ער, האָט... אָבער וואָ[illegible]בט עס אוים וואָס ער זאָגט? מיר זיינען געראַטעט, נאָר[illegible]־י־נער קען דיר קיין בייז מעהר ניט טאָן. אָה, נאָראַ, נאָראַ [illegible]ער צוערסט מוז פון די אויגען אוועק דאָס פערהאַסטע פּאַפּיער [illegible]ז־מיך נור זעהן... ניין, איך וועל בעסער ניט אָנזעהן; עס ז[illegible] [illegible]בען ניט מעהר ווי א בייזער טרוים פאַר מיר... (ער צוריי[illegible]ס וועקסעל מיט ביידע בריעף; וואַרפט זיי אַריין אין פייער און ק[illegible]י זיי ברענען) פאַרטיג, אַוועק! אָה, נאָראַ, וואָס פּאַר דריי [illegible]ו האָסט געמוזט איבערלעבען!

נ אָ ר אַ. שווער האָב איך געקעמפּפט די לעצטע דריי טעג.

ה ע ל מ ע ר. און אין דיין פערצווייפלונג האָסטו ניט געזעהן קיין אַנדער וועג ווי... אָבער מיר וועלען מיט פרייד ווידערהוילען: עס איז אַריבער, אַלעס אַריבער! הערסטו ניט, נאָראַ? דו קענסט דאָס, ווי עס שיינט, ניט בעגרייפען. יא, עס איז אַלעס אַוועק! וואָס האָט צו בעטייטען דער בליק אויף דיין געזיכט? דו זעהסט אויס ווי פערשטיינערט! אָה, מיין אָרעמע נאָרעלע! דו קענסט ניט גלויבען, אַז איך האָב דיר פערגעבען. איך וויים דו האָסט דאָס געטאָן אויס ליעבע צו מיר.

נ אָ ר אַ. דאָס איז וואהר.

ה ע ל מ ע ר. דו האָסט מיך געליעבט ווי אַ פ'רוי דארף ליעבען איהר מאַן. דו האָסט זיך נור געאירדט אין די מיטלען צום צוועק. אָבער מיינסטו, איך ליעב דיך ווענינער, ווייל דו האָסט ניט געוואוסט ווי זיך צו העלפען? אָה, ניין! שפּאָר זיך נור אָן אָן מיר. איך וועל דיר ראטהען און פיהרען. איך וואָלט ניט זיין קיין וואהרער מאַן ווען דיינע הילפלאָזיגקייט אליין זאָל דיך ניט מאַכען דאָפּפּעלט טייער אין מיינע אויגען. טראַכט ניט וועגען די הארטע ווערטער, וועלכע איך האָב געזאָגט אין די ערסטע מינוטען פון מיין שרעק, ווען מיר האָט זיך אָבגעדוכט, אַז די וועלט פאַלט איין איבער מיין קאָפּ. איך האָב דיר פערגעבען, נאָרא, איך שווער עס דיר.

נ אָ ר אַ. אַ דאַנק דיר פאַר דיין פערצייהונג. (זי געהט אַרויס רעכטס).

ה ע ל מ ע ר. ניין, בלייב! (בליקט אריין.) וואָס געהסטו טאָן?

נ אָ ר אַ. (פון אינערן) נור אויסטאָן מיין לאַלקע־קלייד.

ה ע ל מ ע ר. גוט, טהו זיך אויס. בערוהיג זיך, מיין דערשראָקענע זינג־פויגעלע. זיי גאַנץ רוהיג. (שפּאַצירענדיג אַרום טיר.) אָ, ווי ליעבליך, ווי ניעדליך אונזער היים איז, נאָרא! היער ביזטו זיכער; היער קען איך דיך בעשיצען ווי אַ פערפאָלגטע טויב וואָס איך האָב גערעטעט פון דעם יאַסטרעב'ס גריף. איך וועל באַלד, זעהר באַלד בערוהיגען דיין אָרעמע אויפגערעגטע הערצעלע; גלויב מיר, נאָרא, זעהר באַלד, מאָרגען וועט דאָס אַלעס אויסזעהן גאַנץ אַנדערס — אַלעס וועט ווידער זיין ווי געוועזען. איך וועל דיר ניט דארפען ווידער זאָגען, אַז איך פערצייה דיר; דו וועסט אַליין פיהלען, אַז דאָס איז וואהר. ווי וואָלט איך גאָר קענען געפינען ביי זיך אַזוי פיעל גרויזאַמקייט דיך צו פערשטויסען, זאָגאַר דיר צו מאַכען פאָרווירפע. אָ, דו פערשטעהסט זיך שלעכט אויף אַן עהרליכען מאַן'ס הארץ, נאָרא. עס איז דאָ עטוואָס אונבעשרייבליך זיסעס און קיהלענדעס פאַר אַ מאַן אין זיין פערצייהען זיין ווייב, — אין פערצייהען איהר אויפריכטיג, פון גאַנצען האַר־

צען, זי ווערט זיין אייגענטהום אין א דאָפּעלטען זינן. זי איז איהם אזוי ווי פון דאָס־נייע געבאָרען; זי ווערט, עפּעס אי זיין ווייב, אין זיין קינד. דאָס איז עס, וואָס דו ווערסט פון היינטמאָל אָן זיין צו מיר, דו דערשראָקענער, הילפלאָזער ענגעל מיינער. קי־מער זיך ארום גאָר נישט, נאָרא, עפּען נור דיין הארץ פאר מיר, איך וועל דיר זיין אי א ווילען, אי א געוויסען (נאָרא קומט אריין אין וואָכעדיגע קליידער און שטעלט זיך פון יענער זייט טיש) אָבער וואָס איז דאָס? ביזט ניט געגאַנגען צום בעט? האָסט זיך אי־בערגעטאָן?

נ אָ ר א. יא. טאָרוואַלד, איצט האָב איך מיך איבערגעטאָן.

הע ל מ ע ר. אָבער, ווארום איצט? אזוי שפּעט?

נ אָ ר א. איך וועל ניט שלאָפען היינטיגע נאכט.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבע נאָרא...!

נ אָ ר א. (קוקענדיג אויף איהר אוהר) עס איז נאָך גאָר ניט אזוי שפּעט. זעץ זיך אנידער, טאָרוואַלד; דו און איך האָבען איינער מיט דעם אנדערן פיעל צו רעדען. (זי זעצט זיך ביי איין זייט טיש.)

ה ע ל מ ע ר. וואָס האָט דיין קאַלטער, שטייפער אויסזעהן צו בעטייטען? ....

נ אָ ר א. זעץ זיך. עס וועט נעהמען א צייט, איך האָב מיט דיר פיעל צו רעדען. (העלמער זעצט זיך אנטקעגען איהר.)

ה ע ל מ ע ר. דו שרעקסט מיך. איך פערשטעה דיך ניט.

נ אָ ר א. ניין, און דאָס איז די צרה. דו פערשטעהסט מיך ניי וי איך האָב דיך ניט פערשטאַנען — ביז היינטיגען אווענד. ני אונטערברעך מיך ניט. הער אויס וואָס איך רעד מיט דיר. מי וזען קומען צו א טאָלק, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. ווי מיינסטו דאָס?

נ אָ ר א. (נאָך א קורצע פּויזע) פאַלט דיר ניט עטוואָס איין אָט ווי מיר זיצען דאָ ביידע?

ה ע ל מ ע ר. וואָס זאָל מיר איינפאַלען?

נ אָ ר א. מיר זיינען געווען פערהייראַטהעט אכט יאָהר.

מערקסטו ניט, אז דאָס איז דאָס ערסטע מאָל וואָס מירביידע, דו און איך, מאַן און ווייב, רעדען צוזאַמען אין ערנסט?

העלמער. אין ערנסט? וואָס רופסטו אין ערנסט?

נאָראַ. דורך די גאַנצע אַכט יאָהר, נאָך לענגער, זינט מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען, האָבען מיר ווען עס איז צווישען זיך גערעדט איין איינציג ערנסט וואָרט וועגען אַן ערנסטע זאַך?

העלמער. האָב איך דיר געזאָלט דרעהען אַ קאָפּ וועגען זאָרגען, וועלכע דו האָסט ניט געקענט מיר פערלייכטערען?

נאָראַ. איך רעד ניט פון זאָרגען, איך זאָג, אז מיר ביידע צוזאַמען האָבען קיינמאָל ניט פּרובירט עטוואָס גרינדליך בעקלערן, קיין ערנסטע זאַך ניט.

העלמער. אָבער, ליעבסטע נאָראַ, וואָס האָבען ערנסטע זאַכען צו דיר?

נאָראַ. אָט האָבען מיר עס! דו האָסט מיך קיינמאָל ניט פערשטאַנען. מען האָט מיר געטאָן פיעל אונרעכט, טאָרוואַלד; צוערסט דער פאָטער, דאַן דו.

העלמער. וואָס, דער פאָטער און איך? מיר, וועלכע האָבען דיך געליעבט מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט?

נאָראַ. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געליעבט. דו האָסט עס נור געהאַלטען פאַר אַ שפּאַס צו זיין פערליעבט אין מיר.

העלמער. נאָראַ, וואָס רעדסטו פאַר ווערטער?

נאָראַ. יאָ, דאָס איז אַזוי, טאָרוואַלד. ווען איך בין געווען אין דער־היים ביים פאָטער, פלעגט ער מיר איבערגעבען אַלע זיינע מיינונגען און איך האָב געהאַלטען די זעלביגע מיינונגען. האָב איך געהאַט אַנדערע, האָב איך זיי בעהאַלטען כדי איהם ניט צו ערגערן. ער פלעגט מיך רופען לאַלקע־טאָכטער און פלעגט מיט מיר שפּיעלען ווי איך מיט מיינע ליאַלקעס. דאַן בין איך געקומען וואוינען אין דיין הויז....

העלמער. וואָס פאַר אַן אויסדרוק וועגען אונזער הייראַטה?!

נ אָ ר אַ. (אונגעשטערט) איך מיין איך בין איבערגעגאַנגען פון דעם פּאַטערס הענד אין דיינע. דו האָסט אַלעס געאָרדנעט נאָך דיין געשמאַק; איך האָב צוגעשטימט אָדער האָב זיך גע־מאַכט, אַז איך שטים צו, — איינס פון די ביידע, אַ מאָל אי דאָס, אי יענעם; איך ווייס אליין ניט. ווען איך בערעכען דאָס אַלעס איצטער, שיינט מיר, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געלעבט ווי אַ בעטלער פון האַנד — צום מויל. איך האָב געלעבט פון מאַכען קונ־צען — פאַר דיר, טאָרוואַלד. אָבער אַזוי האָסטו געוואָלט. דער פאַ־טער און דו — ביידע האָט איהר מיר פיעל אונרעכט געטאָן. דו ביסט שולדיג אין דעם וואָס מיין לעבען איז געווען אָהן אַ צוועק.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, ווי אונגערעכט, ווי אונדאַנקבאַר דו ביסט! ביזטו דען ניט געוועזען גליקליך?

נ אָ ר אַ. ניין, קיינמאָל ניט! איך האָב געמיינט, אַז איך בין, אָבער געוועזען גליקליך בין איך ניט.

ה ע ל מ ע ר. ניט.... ניט גליקליך?

נ אָ ר אַ. ניין, נור לוסטיג. און דו ביסט אימער געווען גוט צו מיר. אָבער אונזער הויז איז נור געווען אַ שפּיעל־צימער. היער בין איך געווען דיין לאַלקע־ווייב אַזוי ווי איך בין אין דער־היים געווען דעם פּאַטער'ס לאַלקע־טאָכטער. און די קינדער, ווידער, זיינע געווען מ י י נ ע לאַלקעס. איך האָב עס געהאַלטען פאַר אַ לוסטיגען שפּאַס ווען דו האָסט מיט מיר געשפּיעלט, גראַדע ווי די קינדער ווען איך האָב מיט זיי געשפּיעלט. דאָס איז געווען אונזער מאַן־און־ווייב־לעבען, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. אין דעם וואָס דו זאָגסט איז דאָ וואהרהייט, ווען אויך איבערטריעבענע וואהרהייט. אָבער פון היינט אָן מוז דאָס אַנדערס ווערען. די שפּיעל־צייט איז אַוועק, די צייט פון ערציעהונג קומט אָן.

נ אָ ר אַ. וועמעס ערציעהונג? מיינע אָדער די קינדער'ס?

ה ע ל מ ע ר. אַלעמענס, ליעבע נאָראַ.

נ אָ ר אַ. אָה, טאָרוואַלד, ניט דו קענסט מיך לערנען צו טויגען פאַר אַ ווייב פאַר דיר.

ה ע ל מ ע ר. און דאָס זאָגסטו דו?

נ אָ ר א. און איך — בין איך פעהיג צו ערציהען די קינדער?

ה ע ל מ ע ר. נאָרא!

נ אָ ר א. האָסטו ניט נאָר־וואָס אליין געזאָגט, אז דו וואגסט ניט זיי מיר אָנצופערטרויען?

ה ע ל מ ע ר. אין אַן אויגענבליקליכע אויפרעגונג. ווי קענסטו דאָס איבעררעדען?

נ אָ ר א. ניין, דו ביסט געווען גאַנץ גערעכט. דאָס איז אַן אויפגאבע ניט נאָך מיינע קרעפטען נאָך; דאַן מוז איך זיך נעהמען צו אַנאַנדער אויפגאבע. איך מוז זיך אליין אויסבילדען, ער־ציהען — מיר אין דעם צו העלפען ביזטו ניט דער מאַן. איך מוז זיך אליין דערצו נעהמען. דאָס איז דער גרונד ווארום איך געה איצט אַוועק פון דיר.

ה ע ל מ ע ר. (אויפשפרינגענדיג) וואָס? דו זאָגסט אז...?

נ אָ ר א. אז איך מוז שטעהן גאַנץ אליין צו קריגען אַ בע־גריף פון אַלץ וואָס ארום מיר איז. דערפאַר מוזען מיר זיך שיידען.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, נאָרא!

נ אָ ר א. איך געה גלייך, כריסטינע וועט מיך אריינעהמען איבער־נאַכט...

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט וואהנזיניג. איך וועל דאָס ניט ער־לויבען. איך פערבאָט דיר עס.

נ אָ ר א. דיין פערבאָטען וואָס־עס־איז וועט מעהר ניט העל־פען. איך וועל מיטנעהמען אַלץ וואָס מיר געהערט. פון דיר נעהם איך קיין זאַך ניט אָן. ניט איצט, ניט שפּעטער.

ה ע ל מ ע ר. וואָס פאַר וואַהנזין!

נ אָ ר א. מאָרגען געה איך אַהיים.

ה ע ל מ ע ר. אַהיים?

נ אָ ר א. איך מיין אַהין וואו מיין היים איז אַ מאָל געוועזען דאָרטען וועט מיר זיין לייכטער צו געפינען וואָס צו טהאָן.

ה ע ל מ ע ר. אָה, אין דיין בלינדע אונערפאהרענהייט...

נ אָ ר א. איך מוז זעהן צו קריעגען ערפאהרונג.

ה ע ל מ ע ר. פערלאָזען דיין היים, דיין מאַן און דיינע קינדער? דו בערעכענסט ניט וואָס די וועלט וועט זאָגען.

נ אָ ר א. דארויף קען איך ניט אכטען. איך וויים נור, אז איך מוז דאָס טהאָן.

ה ע ל מ ע ר. דאָס קען דעם אָטהעם אוועקנעהמען. איז ביי דיר רעכט צו פערלאכטען דיינע הייליגסטע פליכטען?

נ אָ ר א. וואָס רופסטו מיינע הייליגסטע פליכטען?

ה ע ל מ ע ר. פרעגסטו דאָס? דיינע פליכטען צו דיין מאַן און קינדער.

נ אָ ר א. איך האָב פליכטען, וועלכע זיינען ניט ווייניגער הייליג.

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך, וואָס קענסטו מיינען?

נ אָ ר א. מיינע פליכטען געגען זיך אליין.

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט פריהער ווי אלץ א ווייב און א מוטער.

נ אָ ר א. דאָס גלויב איך ניט מעהר. איך מיין, אז פריהער ווי אלץ בין איך א מ ע נ ש,—אזוי גוט ווי אנאנדערער, אָדער וועז ניט, וועל איך זעהן עס צו ווערען. איך וויים, אז די מייסטע מענ־שען האַלטען מיט דיר און דאָס שטעהט אויך אזוי אין די ביכער. אָבער פון איצטער־אָן הער איך אויף צו זיין צופריעדען נור דער־מיט וואָס מ'זאָגט און וואָס שטעהט געשריעבען: איך מוז דאָס אליין גוט בעקלערען, אליין פערשטעהן.

ה ע ל מ ע ר. איז ביי דיר ניט קלאָר וואָס דיין ראָלע איז אין דיין אייגענע הויז? האָסטו ניט אַן אונפעהלבארען פיהרער אין אזעלכע זאכען? האָסטו קיין רעליגיאָן ניט?

נ אָ ר א. אָה, טאָרוואלד, גוט בעטראכט, וויים איך ניט וואָס רעליגיאָן איז.

ה ע ל מ ע ר. וואָס מיינסטו?

נ אָ ר א. איך וויים נור וואָס איך האָב געהערט פון דעם פאסטאָר. ער האָט ערקלעהרט, אז רעליגיאָן הייסט דאָס און יענס.

ווען איך וועל אוועקגעהן פון דאַנען, און וועל זיין זעלבסטשטענדיג, וועל איך אין דעם טיעפער אריינבליקען. איך וועל זעהן צו דאָס וואָס מען האָט מיר געלערנט איז וואהר, וועניגסטענס צו פאַר מיר איז דאָס וואהר.

ה ע ל מ ע ר. אַ, דאָס איז אונערהערט! אָבער אויב רעליגיאָן קען דיר ניט צוריקהאַלטען אויפ'ן געראַדען וועג, לאָמיך אויפוועקען דיין געוויסען אין דיר — דו האָסט דאָך וואהרשיינליך א זיטליכען געפיהל... אָדער — ענטפער מיר! — פיעליייפט האָסטו דאָס אויך ניט?

נ אָ ר אַ. נו, טאָרוואַלד, עס איז שווער צו זאָגען. איך ווייס ווירקליך ניט... איך בין אזוי ווי אין א טומאַן וועגען די אַלע זאַכען. אלץ וואָס איך ווייס איז נור, אז מיר דענקען דאַריבער ניט ביידע גלייך. אָט הער איך אויך, אז די געזעצע זיינען אַנדערש ווי איך האָב געמיינט; דאָס בעווייזט מיר אָבער ניט, אז די געזעצע זיינען גערעכט. עס שטעלט זיך ארויס, אז א טאָכטער האָט ניט קיין רעכט צו שאַנעווען א פאָטער, וועלכער האַלט ביים שטאַרבען און א ווייב — צו ראַטעווען איהר מאַן'ס לעבען. איך גלויב דאָס ניט.

ה ע ל מ ע ר. דו רעדסט ווי א קינד. דו פערשטעהסט ניט די געזעלשאַפט, אין וועלכע דו לעבסט.

נ אָ ר אַ. ניין, איך פערשטעה ניט. איך וועל זעהן צו פערשטעהן. איך מוז קומען צו א בעשלוס: ווער איז גערעכט — די געזעלשאַפט אָדער איך.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, דו ביזט קראַנק, דו ביזט פיבעריש. מיר דאַכט זיך ביינאַהע, אז דו ביזט ניט ביים קלאָרען זינען.

נ אָ ר אַ. איך האָב אין זיך קיינמאָל ניט געפיהלט אזוי פיעל קלאָרהייט און זיכערהייט ווי איצט.

ה ע ל מ ע ר. איז ביי דיר קלאָר און זיכער, אז דו מעגסט פערלאָזען דיין מאַן און דיינע קינדער?

נ אָ ר אַ. יאָ.

ה ע ל מ ע ר. דאַן קען זיך דיין האַנדלונג נור ערקלעהרען אויף איין אַרט.

נאַרא. אויף וועלכע?

העלמער. אז דו ליעבסט מיך ניט מעהר.

נאַרא. דו האָסט ריכטיג געטראָפפען.

העלמער. נאַרא, קענסטו דאָס זאָגען?

נאַרא. עס טוט מיר זעהר לייד, טאַרוואלד, דען דו ביזט צו מיר אימער גוט געוועזען. אָבער וואָס העלפט דאָס? איך ליעב דיך ניט מעהר.

העלמער. (זיך מיט שוועריגקייט צוריקהאַלטענדיג.) איז דער פונקט אויך ביי דיר קלאָר און זיכער?

נאַרא. יא, פאָלקאָמען. דארום קען איך לענגער דאָ ניט בלייבען.

העלמער. און קענסטו מיר אויך ערקלערען ווי אזוי איך האָב פערלאָרען דיין ליעבע?

נאַרא. אָ, יא! איך קען. דאָס איז געוועזען היינט אבענד ווען דער נס איז ניט געשעהן; ווייל דאַן האָב איך מיך איבער־ציינגט, אז איך האָב מיך אין דיר שטארק געאירט.

העלמער. רייד קלאָרער, איך פערשטעה ניט.

נאַרא. אויף דעם וואונדער האָב איך געדולדיג געווארט אכט יאָהר; האָב נאַטירליך געוואוסט, אז נסים געשעהן ניט יעדען טאָג. ווען דיעזער פערניכטענדער קלאפּ איז געהאנגען איבער מיין קאָפּ, האָב איך געזאָגט צו זיך מיט בעשטימטהייט: „איצט וועט געשעהן דער נס!“ ווען קראָגסטאַד׳ס בריעף איז געלעגען אין קעסטעל, האָב איך גערעכענט, אז דו וועסט זיין צו שטאָלץ זיך אונטערצוגעבען אויף גנאַדע. האָב גערעכענט, אז דו וועסט זאָגען. „געה און מאַך עס בעקאַנט פאר די גאַנצע וועלט!“ און אז דאַן...

העלמער. נו? און ווען איך האָב שוין איבערגעגעבען מיין אייגענע ווייב׳ס נאָמען צו שאַנדע — וואָס דאַן?

נאַרא. דאַן האָב איך פעסט געגלויבט, אז דו וועסט ארויס־קומען און נעהמען אַלץ אויף זיך און זאָגען: „דער שולדיגער בין איך!“ —

העלמער. נאַרא!

נ אָ ר אַ! דו מיינסט איך וואָלט אזא׳ן אָפּפער ניט אָנגענומען? נאַטירליך ניט! אָבער געגלויבט וואָלט מען דיר, ניט מיר און אזא ליעבע צו בעווייזען — האָב איך פון דיר ערוואַרטעט. דאָס איז געווען דער נס, וועלכער איז מיר געווען אזוי ליעב און שרעקליך. און דאָס ניט צוצולאָזען בין איך געווען ענטשלאָסען צו שטאַרבען.

ה ע ל מ ע ר. גערן וואָלט איך פאַר דיר אַרבייטען טאָג און נאַכט, נאָרא, ליידען נויט און שמערצען פון דיינטוועגען, אָבער קיין מאַן אָפּפערט ניט אויף זיין עהרע פאַר די פערזאָן, וועלכע ער ליעבט.

נ אָ ר אַ. מילליאָנען פרויען האָבען דאָס געטאָן.

ה ע ל מ ע ר. אָ, דו דענקסט און רעדסט ווי אַ קינד.

נ אָ ר אַ. זעהר מעגליך. אָבער דו דענקסט און רעדסט ניט ווי דער מאַן, מיט וועלכען איך קען טהיילען מיין לעבען. ווען דיין שרעק איז געווען פערגאַנגען, — דיין שרעק פאַר זיך, ניט פאַר מיר, — ווען דו האָסט שוין פאַר די אויגען קיין פורכט ניט געהאַט, דאַן איז ביי דיר אַלעס געווען ווי גאָר ניט געשעהן. איך בין ווידער געווען דיין זינג־פייגעלע, דיין לאַלקע, וועלכע דו וועסט צוויי מאָל אזוי פיעל בעשיצען אין צוקונפט, ווייל זי איז, נעבאַך, אזוי שוואַך. (זי שטעהט אויף) טאָרוואַלד, אין יענעם אויגענבליק איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז איך האָב אַכט יאָהר געלעבט מיט אַ פרעמדען מאַן און האָב איהם געבאָרען דריי קינדער. — אָה, איך קען דעם גע־דאַנקען ניט אַריבערטראָגען. איך וואָלט זיך זעלבסט צורייסען אויף שטיקער.

ה ע ל מ ע ר. (טרויעריג) איך זעה, איך זעה עס איין. אַן אָבגרונד האָט זיך געעפענט צווישען אונז. אָבער, נאָרא, קען ער קיינמאָל ניט פערמאַכט ווערען?

נ אָ ר אַ. ווי איך בין איצט, טויג איך ניט צו זיין אַ ווייב צו דיר.

ה ע ל מ ע ר. איך האָב קראַפט צו ווערען אַנאַנדער מאַן.

נ אָ ר אַ. פיעלייכט, ווען דו מעגליערסט דיין לאַלקע.

ה ע ל מ ע ר. זיך שיידען — פון דיר שיידען! ניין, נאָרא, ניין! איך קען דאָס ניט בעגרייפען.

נ אָ ר א. (ארײנגעהענדיג אין צימער נאָך רעכטס) אַלץ מעהר גרונד איז דאָ פאַר אונזער שיידונג. (זי קומט צוריק מיט קלײדער צום אויסגעהן, מיט אַ פּאָרט־מאַנטאָ אין דער האַנד, ווע‏לכען זי לעגט אַנידער אויף אַ שטוהל.)

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, נאָרא, ניט איצט! ווארט ביז מאָרגען!

נ אָ ר א. (אָנטהוענדיג דעם מאַנטעל) איך קען ניט צובריינגען די נאכט אין אַ פרעמדען מאַן׳ס הויז.

ה ע ל מ ע ר. אָבער קענען מיר דען ניט וואוינען היער ווי ברודער און שוועסטער?

נ אָ ר א. (אויפזעצענדיג דעם הוט) דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָלט לאַנג ניט אנהאַלטען. זיי געזונד, טאָרוואַלד. ניין, איך וועל צו די קינדער ניט געהן. זיי זיינען אין בעסערע הענד ווי מיינע, דאָס ווייס איך. ווי איך בין איצט, קען איך צו זיי גאָר נישט זיין.

ה ע ל מ ע ר. אָבער אַ מאָל, נאָרא, שפּעטער־אַמאָל....

נ אָ ר א. ווי קען איך דאָס וויסען? ווער ווייס וואָס פון מיר וועט ווערען?

ה ע ל מ ע ר. אָבער דו ביזט מיין ווייב, איצט און אויף אימער?

נ אָ ר א. הער, טאָרוואַלד! איך האָב געהערט, אַז ווען אַ ווייב געהט אַוועק פון איהר מאַן — ווי איך פון דיר — איז ער אין די אויגען פון דעם געזעץ פריי פון אַלע פליכטען צו איהר. צו דאָס איז אַזוי, צו ניט — איך בעפריי דיך פון זיי. פיהל זיך ניט מעהר געבונדען, ווי איך וועל זיך אליין ניט פיהלען. עס מוז זיין פאָל־קאָמענע פרייהייט פוןביידע זייטען. היער איז דיין רינג, גיב מיר מיינעם.

ה ע ל מ ע ר. דאָס אויך?

נ אָ ר א. דאָס אויך. זעהר גוט. איצט איז אַלעס צו־ענד. היער, נעהם די שליסלען! די דיענסטלייט ווייסען מעהר ווי איך

אַלעס דאָ אין הויז. מאָרגען, נאָך מיין פערדרייזען, וועט כריסטינע קומען און וועט איינפּאַקען מיינע זאכען, מען וועט זיי מיר נאָכשיקען.

ה ע ל מ ע ר. אַלעס, אַלעס אויס! נאָרא, וועסטו מיך אין גאַנצען פערגעסען?

נ אָ ר אַ. אָה, איך וועל אָפט דענקען וועגען דיר, וועגען די קינדער און דאָס הויז.

ה ע ל מ ע ר. מעג איך דיר שרייבען, נאָרא?

נ אָ ר אַ. ניין. קיינמאָל ניט, דאָס זאָלסטו ניט טהאָן.

ה ע ל מ ע ר. אָבער איך מעג דיר דאָך שיקען...

נ אָ ר אַ. קיין שום זאך ניט.

ה ע ל מ ע ר. איך מעג דיר העלפען אין אַ נויט.

נ אָ ר אַ. פון פרעמדע נעהם איך גאָר נישט.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, קען איך קיינמאָל ניט זיין פאַר דיר מעהר ווי אַ פרעמדער?

נ אָ ר אַ. (נעהמענדיג דעם פּאָרט־מאַנטאָ) אָ, טאָרוואַלד, דאַן וואָלט האָבען צו פּאַסירען דער וואונדער פון אַלע וואונדער.

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז דאָס?

נ אָ ר אַ. מיר וואָלטען זיך ביידע מוזען אזוי פערענדערן, אַז... אָבער, טאָרוואַלד, איך גלויב ניט מעהר אין נסים.

ה ע ל מ ע ר. אָ, איך וועל גלויבען. מיר מוזען זיך אזוי פערענדערן, אַז...

נ אָ ר אַ. אונזער צוזאַמענלעבען זאָל זיין אַ וואהרע הייראַטה. אַדיע! (זי געהט ארויס.)

ה ע ל מ ע ר. (אָניעדערפאַלענדיג אין לעהנשטול, דאָס געזיכט אין די הענד) נאָרא, נאָרא! (ער זעהט זיך אַרום) ליידיג, זי איז מעהר ניטאָ! (פּויזע. ער שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי:) אַה! דער גרעסטער וואונדער!

(אונטען הערט זיך דער צומאַכען פון די גאַס־טיר.)

(פּ אָ ר ה אַ נ ג.)

די ווילדע ענטע.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

פערזאָנען:

ווערלע, גרויסהענדלער, פאבריקאַנט א. א. וו.
גרעגערס, זיין זוהן.
דער אַלטער עקדאַל.
יאַלמאַר עקדאַל, זיין זוהן, אַ פאָטאָגראַף.
גינא, יאַלמאַר׳ס פרוי.
העדוויג, זייער טאָכטער, 14 יאָהר אַלט.
פרוי סערבי, הויזפיהרערין ביי ווערלע׳ן.
רעללינג, אַ דאָקטאָר.
מאָלוויק, געוועזענער טהעאָלאָג.
גראָבערג, בוכהאַלטער.
פעטערסען, ווערלע׳ס דיענער.
יענסען, לוין-דיענער.
א דיקער העררי.
א העדר מיט א פּליך.
א קורצזיכטיגער העררי.
זעקס אנדערע העררען, ווערלע׳ס געסט.
עטליכע משרתים.

דער ערשטער אַקט קומט פאָר ביי ווערלע׳ן אין הויז, די פיער אַנדערע אַקטען ביי יאַלמאַר עקדאַל.

ערשטער אַקט.

ביי ווערלע'ן אין הויז. אַ רייך און בעקוועם איינגעאָרדענט אַרבייטס־צימער; ביכער־שאַפעס און טאַפעצירטע מעבעל; אין מיטען צימער אַ שרייב־טיש מיט דאָקומענטען און פראָטאָקאָלען; ברענענדע לאָמפען מיט גרינע אַבאַזשורען, אַזוי אַז אין צימער הערשט אַ מאַטעס ליכט. ביי דער הינטערשטער וואַנד אַן אָפענע פליגעל־טיר מיט פערוואָרפענע פאָרהאַנגען. דורך די דאָזיגע טיר זעהט מען א גרויס, עלעגאַנט צימער. וואָס איז העל בעלויכטען פון לאָמפען און לייכטער. פאָרענט רעכטס אין אַרבייטס־צימער פיהרט אַ קליינע טאַפעטען־טיר אין קאַנטאָר. פאָרענט לינקס אַ קאַמין מיט אַ גליהענדען פייער פון קויהלען; ווייטער הינטען אַ דאָפעל־טיר, וועלכע פיהרט ארין אין עסס־זאַאל.

פעטערסען, אין אַ ליווריע, און **יענסען**, אין א פראַק, מאַכען אָרדנונג אין אַרבייטס־צימער. אין דעם גרעסערן צימער געהען ארום אַ צוויי, דריי אַנדערע משרתים, ראַמען אויף און צינדען אָן מעהר ליכט. פון עסס־זאַאל הערט זיך א גערויש פון א געשפרעך און אַ געלעכטער פון אַ סך שטימען; מען גיט אַ קלאַפ מיט אַ מעסער אָן אַ גלאַז; ס'ווערט רוהיג; אַ טאָאסט ווערט געהאַלטען; בראַוואָ־געשרייען, דערנאָך ווידער אַ גערויש פון געשפרעך.

פעטערסען (צינדט אָן אַ לאָמפ אויף'ן קאַמין און זעצט ארויף אַן אַבאַזשור דערויף): איהר, יענסען, הערט זיך צו; איצט שטעהט דער אַלטער ביים טיש און האַלט א לאַנגען טאָאסט וועגען פרוי סערבי.

יענסען (רוקט אַרויס א לעהן־שטוהל אין פראָנט): זאָל דאָס אמת זיין, וואָס לייט זאָגען, אַז צווישען זיי ביידען איז עפעס פאַרהאַן?

פעטערסען: ווייס דער טייוועל.

י ע נ ס ע ן: ער איז דאך אמאל געווען א לעבעדיגער חברה־מאן, זאגט מען.

פ ע ט ע ר ס ע ן: ס'קען מעגליך זיין.

י ע נ ס ע ן: און די היינטיגע מאהלצייט, דאס מאכט ער לכבוד דעם זוהן, הייסט עס.

פ ע ט ע ר ס ע ן: יא. דער זוהן איז נעכטען געקומען אהיים.

י ע נ ס ע ן: כ'האב גאר ביז אהער ניט געוואוסט, אז הערר ווערלע האט א זוהן.

פ ע ט ע ר ס ע ן: יא, — ער האט א זוהן. אבער ער ליעגט שטענדיג דארט אויבען אין דער האידאל־פאבריק. אין די אלע יאה־רען, וואס איך דיען דא, איז ער קיינמאל ניט געווען אין דערהיים.

א מ ש ר ת (אין דער טיר צום אנדערן צימער): הערט איהר, פעטערסען, דא איז עפעס דא אן אלטער חברה־מאן, וואס —

פ ע ט ע ר ס ע ן (מורמעלט): צום טייוועל, וואס פאר א גאסט קומט איצט אהער?

דער אלטער עקדאל בעוויזט זיך אין צימער רעכטס. ער געהט אין א אבגעטראגענעם מאנטעל מיט א הויכען קאלנער; וואלענע פויסט־האנד־שוה; אין דער האנד האלט ער א שטעקען און א פעלצען היטעלע; אונ־טער'ן ארם א פאקעט אין פאק־פאפיר. ער האט א רויט־ברוינעם, שמוצי־גען פאריק און א פאר קליינע גראע וואנציעס.

פ ע ט ע ר ס ע ן (געהט איהם אנטקעגען): הערר גאט! — וואס טהוט א י ה ר דא?

ע ק ד א ל (אין דער טיר): כ'מוז נעטהיג אריינגעהן אין קאנ־טאר, פעטערסען.

פ ע ט ע ר ס ע ן: דער קאנטאר איז שוין צוגעמאכט פון א שטונדע, און —

ע ק ד א ל: כ'האב עס שוין געהערט אונטען, פריינדעל! אבער גראבערג איז נאך אינעווייניג. זייט אזוי גוט, פעטערסען, און לאזט מיך אריין דורך די טיר דא. (ווייזט אן אויף א טאפעטען־טיר.) כ'בין שוין אמאל געגאנגען מיט דעם וועג.

פ ע ט ע ר ס ע ן: נא, פון מיינעטוועגען! (עפענט איהם די

טיר.) אבער פערגעסט אקארשט ניט אויך ארויסצוקומען מיט דעם ריכטיגען וועג. מיר האבען געסט.

עקדאל: כ'ווייס, כ'ווייס — הם! א דאנק, ליעבער פעטער־סען! אלטער, גוטער פריינד. א שעהנעם דאנק. (מורמעלט שטי־לערהייט) עזעלקאפ! (ער געהט אוועק אין קאנטאר, פעטערסען פער־שליסט די טיר הינטער איהם).

יענסען: איז ער אויך איינער פון די קאנטאר־לייט?

פעטערסען: ניין, דאס איז אזוי איינער, וואס שרייבט אויסער'ן הויז, ווען זיי דארפען האבען, מען זאל זיי ארויסהעלפען. אבער ער איז אמאל געווען א גאנץ וואזשנער קערל, דער אלטער עקדאל.

יענסען: יא, מען קען עס אנזעהן אויף איהם.

פעטערסען: נו יא; ער איז געווען א לייטענאנט, פער־שטעהט איהר מיך!

יענסען: צום טייוועל — אט דער א לייטענאנט!

פעטערסען: יא, יא. אבער דאן האט ער זיך גענומען צום האלץ־האנדעל אדער עטוואס עהנליכעס. מען זאגט, ער האט ווערלע'ן אמאל אזוי גוט ארייגעלייגט. ווארים דאמאלס האבען זיי ביידע בשותפות געהאלטען די האדיאל־פאבריק, פערשטעהט איהר מיך. אה, איך קען איהם גאנץ גוט, דעם אלטען עקדאל. מיר טרינ־קען אפטמאל א ביטערען און אויך א פלאש בייעריש צוזאמען — ביי מאדאם עריקסען.

יענסען: דער קען דאך ניט האבען קיין סך אויף צו ספענ־דען.

פעטערסען: הערט איהר, יענסען, איהר זאלט עס זא־גען! איהר קענט זיך דאך פארשטעלען, אז איך בין דאס דער כפענדער. כ'מיין, ס'איז גאר קיין עולה ניט זיך אביסעל אומצוקו־קען אויף אזעלכע לייט, וואס האבען אמאל געהאט בעסערע צייטען.

יענסען: ער האט, הייסט עס, געמאכט באנקראט?

פעטערסען: ניין, נאך ערגער ווי דאס. ער איז אריין אין געפענגניס.

י ע נ ס ע ן: אין געפענגנים?

פ ע ט ע ר ס ע ן: אדער פּילייכט אין צוכט־הויז. (הערט זיך צו) שטיל! זיי הויבן זיך שוין אויף פון טיש.

אַ פּאָר דיענער עפענען די טיר צום עסס־זאאַל פון אינוועניג. פ ר ו י ס ע ר ב י ריידענדיג מיט אַ פּאָר הערען, קומט אריין. נאָך איהר פאָלגט די גאנצע טיש־געזעלשאפט. צווישען זיי ו ו ע ר ל ע. צולעצט קומען י אַ ל מ אַ ר ע ק ד אַ ל און ג ר ע ג ע ר ס ו ו ע ר ל ע.

פ ר ו י ס ע ר ב י (פערבייגעהענדיג, צום דיענער): פּעטערסען, הייסט מען זאָל דערלאנגען דעם קאפע אין מוזיק־זאאַל.

פּ ע ט ע ר ס ע ן: זעהר גוט, פרוי סערבי.

זי און די צוויי הערען געהען אריין אין גרויסען צימער און פון דאָרט רעכטס אַב. פּעטערסען און יענסען געהען ארויס מיט דעם זעלבען וועג.

א ד י ק ע ר (צו אַ פּליכעוואַטען): איי־איי, — א דינער! — דאס איז געווען א רעכט שטיקעל ארבייט!

ד ע ר פּ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: אה, מיט אביסעל גוטען ווילען קען מען אין דריי שטונדען בערג איבערקעהרען.

ד ע ר ד י ק ע ר: יא, אבער נאכהער, נאכהער, מיין ליעבער קאמערהערר!

א ד ר י ט ע ר ה ע ר ר: איך הער, אז דער קאפע און דער מאַ־ראַסקינא וועלען סערווירט ווערען אין מוזיק־זאאַל.

ד ע ר ד י ק ע ר: בראווא! דאן וועט אונז פרוי סערבי פּי־לייכט גאר עפּעס פארשפּיעלען.

ד ע ר פּ ל י כ ע ו ו א ט ע ר (שטילערהייט): כ'האב בעסער מורא, פרוי סערבי זאָל אונז גאר אין גיכען ניט אבשפּיעלען עפּעס א שטיקעל.

ד ע ר ד י ק ע ר: אי, גאָט בעהיט. בערטהאַ וועט איהרע אלטע פריינד ניט לאָזען זיצען.

זיי לאַכען און געהען אריין אין הינטערשטען צימער.

ו ו ע ר ל ע (מיט אַ שטילען און אומעטיגען טאָן): איך מיין, קיינער האט עס ניט בעמערקט, גרעגערס.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אָן) : וואָס ?

וו ע ר ל ע: דו האָסט עס אויך ניט בעמערקט ?

ג ר ע ג ע ר ס: וואָס האָב איך דען געזאָלט בעמערקען ?

וו ע ר ל ע: מיר זיינען געוועזען דרייצעהן ביים טיש.

ג ר ע ג ע ר ס: אזוי ? דרייצעהן ?

וו ע ר ל ע (מיט אַ בליק אויף יאַלמאַר עקדאַל) : געוועהנליך זיינען מיר בלויז צוועלף. (צו די איבעריגע) ביטע, מיינע הערען !

ער און די איבערגעבליבענע, מיט אויסנאַהם פון יאַלמאַר און גרעגערס געהען דורך'ן הינטער־גרונד רעכטס אָב.

י אַ ל מ אַ ר (וועלכער האָט געהערט דעם געשפּרעך) : דו האָסט מיך ניט געדאַרפט איינלאַדען, גרעגערס.

ג ר ע ג ע ר ס: וואָס ! ס'הייסט דאָך, אז די מאַהלצייט ווערט געגעבען לכבוד מ י ר. און איך זאָל ניט קענען פערבעטען מיין איינציגען און בעסטען פריינד —

י אַ ל מ אַ ר: אָבער איך גלויב, אז דיין פאָטער איז ניט צופריעדען דערפון. איך קום דאָך אזוי קיינמאָל ניט אהער אין הויז.

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, דאָס הער איך. אָבער איך האָב דאָך דיך געמוזט זעהען און זיך דורכריידען מיט דיר; וואָרים איך וועל דאָך דאָ לאַנג ניט בלייבען, כ'פאָהר דאָך באַלד צוריק. — אַה, מיר צוויי אַלטע שוהל־קאַמעראַדען — מיר זיינען דאָך אזוי לאַנג געוועזען געשיעדען איינער פון אנדערן. שוין אודאי זעכצעהן, זיבצעהן יאָהר, אז מיר האָבען זיך ניט געזעהן !

י אַ ל מ אַ ר: איז דאָס שוין אזוי לאַנג ?

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, געוויס. נאָ, ווי געהט עס דיר ? דו זעהסט גאַנץ גוט אויס. דו ביסט געוואָרען זעהר שטאַרק.

י אַ ל מ אַ ר: הם, שטאַרק קען מען עס אייגענטליך ניט אָנרופען. אָבער נאַטירליך זעה איך אויס מעגליכער ווי דאַמאָלסט.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך. דיין אויסערליכעס האָט גאָרנישט געליטען.

י אַ ל מ אַ ר (מיט אַ אומעטיגען טאָן) : אָבער דאָס אינערליכע ! דאָס זעהט גאַנץ אנדערש אויס, מעגסט מיר גלויבען ! דו

ווייסט דאך, וואסערע שרעקליכע צרות עס זיינען געקומען איבער מיר און מיין פאמיליע, זינט מיר האבען זיך דאס לעצטע מאל גע־זעהן.

ג ר ע ג ע ר ס (שטילער): ווי געהט עס איצט דיין פאטער?

י א ל מ א ר: מיין ליעבער, לאמיר בעסער גארנישט רעדען דערפון. מיין ארעמער, אונגליקליכער פאטער לעבט נאטירליך ביי מיר. ער האט דאך אויף דער גאנצער וועלט קיין אנדערן ניט, צו וועמען זיך צו ווענדען. אבער ווייסט דו, ס'איז מיר שרעקליך שווער וועגען דעם צו רעדען. — זאג מיר בעסער, ווי איז דאס דיר געגאנגען אויבען אויף דער פאבריק?

ג ר ע ג ע ר ס: הימליש איינזאם האט זיך מיר געלעבט — כ'האב געהאט א סך ליידיגע צייט זיך צו גריבלען און נאכצודענקען איבער פערשיעדענע זאכען. — קום אהער, מיר קענען זיך דאך מאכען בעקוועם דא. (ער זעצט זיך אריין אין א לעהן־שטוהל ביים פייער און ציהט ארונטער יאלמאר'ן אין אן אנדער שטוהל ביי זיין זייט.)

י א ל מ א ר (ווייך): נאך אלעם דעם דאנק איך דיר, גרעג־גערס, וואס דו האסט מיך פערבעטען ביי דיין פאטער צום טיש; דען איצט ווייס איך ווייניגסטענס, אז דו האסט גארנישט געגען מיר.

ג ר ע ג ע ר ס (פערוואונדערט): ווי קומסטו גאר אויף'ן גע־דאנק, אז איך האב עפעס געקענט האבען געגען דיר?

י א ל מ א ר: אין די ערשטע יאהרען איז עס דאך אזוי געווען.

ג ר ע ג ע ר ס: אין וועלכע ערשטע יאהרען?

י א ל מ א ר: נאכדעם ווי דאס גרויסע אונגליק האט פאסירט. און עס איז דאך אויך געווען גאנץ נאטירליך. ס'האט דאך געהאנ־גען אויף א האר, און דיין פאטער וואלט אריינגעצויגען געווארען אין אט די — אה, אט די שרעקליכע געשיכטען!

ג ר ע ג ע ר ס: און דערפאר האב איך געזאלט האבען עפעס געגען דיר? ווער האט עס דיר איינגערעדט?

י א ל מ א ר: איך ווייס, אז דו האסט עפעס געהאט געגען מיר, גרעגערס; דיין פאטער אליין האט עס מיר געזאגט.

ג ר ע ג ע ר ס (ערשטוינט): מיין פאטער! יא ווירקליך.

הם. — און נור דערפאר, הייסט עס, האסטו זיך גאר ניט געלאזט הער־רען די גאנצע צייט? — קיין איין ווארט ניט?

יאלמאר: יא.

גרעגערס: אפילו ניט אין דער צייט, ווען דו האסט בע־שלאסען צו ווערען א פאטאגראף?

יאלמאר: דיין פאטער האט געזאגט, אז ס'איז בעסער, איך זאל דיר גאר ניט שרייבען; וועגען קיין זאך ניט.

גרעגערס: (קוקט גלייך פאר זיך): נייז, ניין — ס'קען זיין, אז ער איז גערעכט געווען. אבער זאג מיר אקארשט, יאלמאר — ביסט כאטש איינגערמאסען בעפרידיגט מיט דיין איצטיגער לאגע?

יאלמאר: (מיט א ליכטען זיפץ): אה, יא, פארוואס דען ניט; כ'קען זיך אייגענטליך ניט בעקלאגען. אין דער ערשטער צייט איז דאס מיר נאטירליך פארגעקומען אביסעל פרעמד, ווי דו קענסט זיך פארשטעלען. איך בין דאך אריינגעקומען אין גאנץ אנדערע פערהעלטניסען. אבער דערפאר האט זיך דאך אויך אלעס אנדערע, דאס גאנצע לעבען מיינס, פאלשטענדיג געענדערט. דאס גרויסע אונגליק, דער חורבן. וואס איז געקומען איבער מיין פאטער, — די שאנדע און דער סקאנדאל — גרעגערס —

גרעגערס (געריהרט): נו יא, יא.

יאלמאר: בלייבען ביים שטודירען, דערפון האב איך דאך ניט געקענט דענקען. פונ'ם גאנצען געלד איז ניט געבליבען קיין איין שילינג; אין געגענטהייל, מען איז געווען שולדיג געבליבען, — מייסטענס דיין פאטער, גלויב איך —

גרעגערס: הם —

יאלמאר: אלזא האב איך גערעכענט, אז דאס בעסטע וואס איך קען טהאן, איז זיך אזוי מיט איין מאל, ווייסטו, ארויסצורייסען פון אלע אלטע פערהעלטניסען און פערבינדונגען. בעזונדערס האט מיך דיין פאטער צוגערעדט דערצו; און אזוי ווי ער האט זיך אזוי שטארק אינטערעסירט מיט מיר און מיר געהאלפען —

גרעגערס: ווי, מיין פאטער האט עס געטהאן?

יאלמאר: נו יא, דו ווייסט עס דאך? וואו האב איך דאן

געזאָלט נעהמען דאָס געלד זיך צו לערנען פאָטאָגראַפירען, זיך איינ־צואָרדנען אַ סטודיאָ און זיך עטאַבלירען? דו פערשטעהסט דאָך, אַז דאָס קאָסט עפּעס!

גרעגערס: און די קאָסטען פאַר דעם אַלעם האָט מיין פאָ־טער בעצאָהלט?

יאַלמאַר: יאָ, מיין ליעבער; דו ווייסט עס דען ניט? איך האָב פערשטאַנען, אַז ער האָט דיר וועגען דעם געשריבען.

גרעגערס: קיין איין וואָרט ניט וועגען דעם. אַז ער האָט געגעבען דאָס געלד דערצו. ער האָט זיך אודאי געמוזט פערגעסען אַן דעם. מיר פלעגען זיך אימער שרייבען בלויז טרוקענע געשעפטס־בריעף. אַזוי — איז דאָס אַלזאָ געווען מיין פאָטער, וועלכער —

יאַלמאַר: יאָ, געוויס. ער האָט נור ניט געוואָלט, מען זאָל זיך דערוויסען דערפון; אָבער ער איז דאָס געווען. און ער איז דאָס אויך געווען, וואָס האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו הייראַטהען. אָדער פיליכט ווייסטו דאָס אויך ניט?

גרעגערס: ניין, געוויס האָב איך דאָס ניט געוואוסט. (ער כאַפּט איהם אָן בים אָרם.) אָבער, ליעבער יאַלמאַר, כ'קען דיר גאָר ניט זאָגען, ווי דאָס אַלעם פרעהט מיך — און טהוט מיר אויך לייד. פיי־ליכט האָב איך מיין פאָטער דאָך געטהאָן אַן אונרעכט — אין גע־וויסע פּרטים. וואָרים, דאָס אַלעם, זעהסטו, צייגט דאָך, אַז ער האָט אַ האַרץ. ס'איז דאָך ווי אַ מין געוויסען. —

יאַלמאַר: געוויסען —?

גרעגערס: יאָ, יאָ, אָדער רוף עס ווי דו ווילסט. ניין, איך געפין גאָר קיין ווערטער ניט פאַר מיין פרייד, אַזוי וואָס צו הערען וועגען מיין פאָטער. — דו ביסט אַלזאָ פערהייראַט, יאַלמאַר. אַזוי וויים וועל איך עס קיינמאָל ניט ברייננען. נאָ, איך האָף, אַז דו פיהלסט זיך גליקליך אַלס פערהייראַטער מאַן?

יאַלמאַר: אַ, נאַטירליך. זי איז אַזאַ טיכטיגע און בראַווע פרוי, ווי אַ מאַן קען זיך נור ווינשען. און אויסערדעם איז זי אויך ניט גאָר אונגעבילדעט.

גרעגערס (אַביסעל ערשטוינט): ניין — דאָס געוויס ניט.

יאלמאר: דאס לעבען, פערשטעהסט דו מיך, ערציהט. דער טעגליכער אומגאנג מיט מיר —; און דאן קומען דאך גאנץ אפט אריין א פאר בעקאנטע מענשען צו אונז אין הויז. כ׳פערזיכער דיר, דו וואלסט גינא׳ן גאר ניט דערקענט.

גרעגערס: גינא?

יאלמאר: יא, מיין ליעבער; דו האסט גאר פערגעסען, אז זי הייסט גינא?

גרעגערס: ווער הייסט גינא? כ׳ווייס דאך גארנישט —

יאלמאר: אבער געדיינקסט דו דען ניט, אז זי איז א צייט לאנג געווען אנגעשטעלט דא ביי אייך אין הויז?

גרעגערס (קוקט איהם אן): איז דאס ניט אקוראט גינא האנסען —?

יאלמאר: יא, נאטירליך — גינא האנסען.

גרעגערס: — וועלכע האט געפיהרט דאס הויז ביי אונז, א יאהר פאר דעם, איידער מיין מוטער איז קראנק געווען?

יאלמאר: יא, געוויס. אבער, ליעבער פריינד, איך ווייס דאך גאנץ בעשטימט, אז דיין פאטער האט דיר געשריבען, אז איך האב התונה געהאט.

גרעגערס (וועלכער איז אויפגעשטאנען): יא, ער האט עס מיר געשריבען; אבער ניט אז — (געהט ארום איבער׳ן צימער ארויף און אראב.)ווארט אקארשט; — פיללייכט האט ער עס דאך געטהאן — ווען איך דיינק גוט נאך וועגען דעם. מיין פאטער שרייבט מיר אימער אזעלכע קורצע בריעף. (זעצט זיך אוועק א העלפט אויף דעם ארם פון שטוהל) הער אויס, יאלמאר, זאג מיר אקארשט —; דאס איז דאך אינטערעסאנט —; ווי איז דאס צוגעגאנגען, וואס דו ביסט בעקאנט געווארען מיט גינא׳ן — מיט דיין פרוי?

יאלמאר: דאס איז געווען זעהר איינפאך. גינא איז דאך ניט לאנג געבליבען דא אין הויז; ס׳איז דא געווען אזא איבערקעהרעניש אין יענער צייט, צוליעב דיין מוטער׳ס קראנקהייט —; דאס אלעס האט גינא ניט געקענט אריבערטראגען און דערום האט זי גע־

קינדיגט און איז אוועק. דאס איז געווען א יאהר פאר דיין מוטער'ס טויט — אדער פיליכט איז דאס געווען דעם זעלבען יאהר.

ג ר ע ג ע ר ס: ס'איז געווען דעם זעלבען יאהר. און איך בין דאמאלסט געווען אויבען אין דער פאבריק. אבער דאן — ?

י א ל מ א ר: גינא האט געוואוינט אין דער היים ביי איהר מוטער, מאדאם האנסען, אן אויסגעצייכענטע און ארבייטסזאמע פרוי, וועלכע האט געהאלטען א קליינע רעסטאראציע. זי האט אויך געהאט א צימער צו פערדינגען; א זעהר שעהן און בעקוועם צימער.

ג ר ע ג ע ר ס: און דו ביסט וואהרשיינליך געווען אזוי גליק־ליך עס צו קריגען?

י א ל מ א ר: יא; אויך דערויף האט מיך דיין פאטער אויפ־מערקזאם געמאכט. און דארט, — זעהסטו, — ד א ר ט האב איך זיך אייגענטליך ריכטיג בעקענט מיט גינא'ן.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאן זייט איהר פערלאבט געווארען?

י א ל מ א ר: יא. יונגע לייט פערליעבען זיך דאך אזוי לייכט איינע אין די אנדערע —; הם —

ג ר ע ג ע ר ס (שטעהט אויף און געהט ארום אהין און אהער): זאג מיר: נאכדעם ווי דו האסט זיך פערלאבט, ערשט ד א ן האט דיך מיין פאטער —; כ'מיין, ד א ן ערשט האסטו זיך אנגעהויבען נעהמען צו פאטאגראפיע?

י א ל מ א ר: יא, פונקט דאן. איך האב געוואלט וואס גיכער צוקומען דערצו צו האבען א היים. און דיין פאטער און איך האבען געפונען, אז די פאטאגראפיע איז דער בעסטער און לייכסטער וועג דערצו. דאס איז אויך געווען גינא'ס מיינונג. יא, און אגב איז גע־ווען נאך א גרונד. גליקליכערוויינע האט זיך גראד געמאכט, אז גינא האט זיך אויסגעלערענט רעטושירען.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס האט זיך דאך אזוי וואונדערבאר צונויפ־געפאסט.

י א ל מ א ר (צופריעדען, שטעהט אויף): יא, ניט וואהר? דענקסטו ניט, אז דאס האט זיך אויף א וואונדערבארען אופן צו־נויפגעפאסט?

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, דאָס מוז איך צוגעבען. מיין פאָטער איז פאַר דיר געווען אַ מין פאַרזעהונג, אַ השגחה פון הימעל.

י אָ ל מ אַ ר (געריהרט): ער האָט ניט פערלאָזען זיין אַלטען פריינד'ס זוהן אין די טעג פון זיין נויט. וואָרים ער האָט אַ האַרץ, פערשטעהסטו מיך.

פ ר ו י ס ע ר ב י (קומט אריין, ארם און ארם מיט ווערלע'ן): קיינע איינווענדונגען, מיין ליעבער העררוערלע; איהר טאָרט ניט בלייבען לענגער דאָ אינעווייניג און קוקען אין די אַלע ליכט. עס טהוט אייך ניט גוט.

ו ו ע ר ל ע (לאָזט אָב איהר ארם און פיהרט אריבער די האַנד איבער די אויגען): ס'קען זיין, איהר זייט גערעכט.

פ ע ט ע ר ס ע ן און י ע נ ס ע ן טראָגען ארום טאַצען מיט געטרענקע.

פ ר ו י ס ע ר ב י (צו די געסט אין אנדערן צימער): זייט אַזוי גוט, מיינע העררען; ווער עס וויל אַ גלאָז פונש, מוז זיך בעמיהען און אריינקומען אהער.

ד ע ר ד י ק ע ר (קומט צו צו פרוי סערבי): מיין גאָט, איז דאָס ווירקליך וואהר, אַז איהר האָט צוגענומען ביי אונז די הערליכע פרייהייט צו רויכערן?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יאָ, העדר קאַמערהערר. דאָ איז הערר ווערלע'ס פריוואט-צימער איז פערבאָטען צו רויכערן.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: פון ווען אָן האָט איהר דאָס איינגעפיהרט אַזעלכע שאַרפע פונקטען אין דעם ציגאַר-געזעץ, פרוי סערבי?

פ ר ו י ס ע ר ב י: נאָך דעם לעצטען דינער, הערר קאַמערהערר; וואָרים דאַן האָבען זיך געוויסע פערזאָנען ערלויבט אריבערצוטרעטען די גרענעץ.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: און עס איז גאָר ניט ערלויבט אַ קליין ביסעלע אריבערצוטרעטען די גרענעץ, פרוי בערטהאַ? ווירקליך ניט?

פ ר ו י ס ע ר ב י: אין קיין בעציהונג ניט, הערר באַללע.

די מעהרצאָהל פון די געסט האָבען זיך פערזאמעלט אין דעם ארבייטס־צימער; די משרתים טראָגען ארום גלעזער מיט פונש.

וו ע ר ל ע (צו יאַלמאַר'ן, וועלכער שטעהט ביי א טיש): וואָס שטודירט איהר דאָרט אזוי, עקדאָל?

י אַ ל מ אַ ר: נור אן אלבום, הערר ווערלע.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר (ארומגעהענדיג איבער'ן צימער): אָה, פאָטאָגראַפיעס! יאָ, דאָס איז וואָס פאַר אייך, נאַטירליך.

ד ע ר ד י ק ע ר (אין א לעהן־שטוהל): האָט איהר ניט מיט־געבראַכט א פאָר פון אייערע אייגענע?

י אַ ל מ אַ ר: ניין, טהוט מיר לייד.

ד ע ר ד י ק ע ר: איהר האָט עס געדאַרפט טהאָן; ס'איז אזוי גוט פאַר די פערדייאונג צו זיצען און קוקען אויף בילדער.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: און דאָן טראָגט דאָך דאָס אביסעל ביי צו דער אונטערהאַלטונג, ניט וואָהר?

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: און יעדער בייטראַג ווערט מיט דאַנק אָנגענומען.

פ ר ו י ס ע ר ב י: די קאַמערהערען מיינען, אז ווען מען ווערט איינגעלאַדען צו א דינער, מוז מען וואָס טהאָן פאַר'ן עסען, וואָס מען קריגט, הערר עקדאָל.

ד ע ר ד י ק ע ר: אין א הויז, וואו מען עסט אזוי גוט, איז דאָס אַן אמת'ער פערגניגען.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: דו ליעבער גאָט, ווען עס האַנ־דעלט זיך וועגען דעם קאַמפּף אום'ס דאזיין, דאָן —

פ ר ו י ס ע ר ב י: יאָ, דאָס זייט איהר גערעכט. (זיי זעצען פאָרט דאָס געשפּרעך אונטער געלעכטער און שפּאַס.)

ג ר ע ג ע ר ס (שטילערהייט): דו מוזט אויך עפּעס ריידען, יאַלמאַר.

י אַ ל מ אַ ר (מיט א פערקרימטער מינע): פון וואָס זאָל איך דען ריידען?

ד ע ר ד י ק ע ר: דענקט איהר ניט, הערר ווערלע, אז דער

טאַקאַיער ווייז קעז בעטראַכט ווערעז אַלס אַ פּערהעלטניסמעסיג גע־זונדער געטראַנק פאַר׳ן מאַגעז?

ו ו ע ר ל ע (ביים פייער): פאַר דעם טאַקאַיער, וואָס איהר האָט היינט געטרונקעז, קעז איך ווייניגסטענס גאַראַנטירעז; דאָס איז איינער פוז די גאַר, גאַר פיינסטע יאָהרגענג. נו, דאָס האָט איהר דאָך געוויס אַליין בעמערקט.

ד ע ר ד י ק ע ר: יאָ, ער האָט געשמעקט מערקווירדיג דעלי־קאַט.

י אַ ל מ אַ ר (אונזיכער): איז דעז פאַרהאַז אַז אונטערשיעד צווישעז די יאָהרגענג?

ד ע ר ד י ק ע ר (לאַכט): נייז, — דאָס איז ניט שלעכט!

ו ו ע ר ל ע (שמייכעלט): ס׳לוינט זיך ווירקליך ניט אוועק־צושטעלעז פאַר אייך איידעלעז וויין.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו אַ ט ע ר: מיט דעם טאַקאַיער ווייז איז פונקט ווי מיט די פאָטאָגראַפיעס, הערר עקדאַל: זיי דאַרפעז בייר־דע האָבעז זונעז־שייז. אָדער איז עס פיליכט ניט אַזוי?

י אַ ל מ אַ ר: יאָ, ליכט איז אַהז צווייפעל וויכטיג דערביי.

פ ר ו י ס ע ר ב י: אָבער דאַז איז דאָס דאָך אַקוראַט ווי מיט די קאַמערהעררעז. אויך זיי נויטיגעז זיך שטאַרק איז זונעז־שייז, ווי מעז זאָגט.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו אַ ט ע ר: אַי, אַי, דאָס איז אַ צו אַלטער וויץ!

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: פרוי סערבי גיט זיך אַרוים —

ד ע ר ד י ק ע ר: — און דערצו נאָך אויף אונזערע קאָסטעז. (הויבט אויף דעם פינגער, סטראַשענדיג:) פרוי בערטהאַ! פרוי בער־טהאַ!

פ ר ו י ס ע ר ב י: יאָ, אָבער דאָס איז דאָך זיכער, אַז די יאָהרגענג קענעז זייז זעהר פערשיעדעז. די אַלטע יאָהרגענג זיינעז די פיינסטע.

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: רעכענט איהר מיך צו די אַלטע?

פ ר ו י ס ע ר ב י: אה, נאך לאנג ניט.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: אט האט איהר אייך! אבער מ י ך, ליעבע פרוי סערבי?

ד ע ר ד י ק ע ר: יא, און מיך, צו וועלכע יאהרגענג רעכענט איהר אונז צו?

פ ר ו י ס ע ר ב י: צו די זיסע יאהרגענג, מיינע העררען.

זי זופט פון א גלאז פונש. די קאמערהערען לאכען און שפאסען מיט איהר.

ו ו ע ר ל ע: פרוי סערבי געפינט אימער אז אויסוועג — ווען זי וויל. אבער איהר טרינקט דאך גארנישט, מיינע העררען! — פעטערסען, זעהט די גלעזער זאלען זיין פול! — גרעגערס, כ'מיין, מיר וועלען טרינקען א גלאז צוזאמען. (גרעגערס ריהרט זיך ניט.) ווילט איהר ניט מיטהאלטען, עקדאל? איך האב ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו טרינקען מיט אייך ביים טיש.

בוכהאלטער ג ר א ב ע ר ג קוקט ארין דורך די טאפעטען־טיר אין צימער.

ג ר א ב ע ר ג: פארדאן, הערר ווערלע, אבער איך קען ניט ארויסגעהן.

ו ו ע ר ל ע: מען האט אייך שוין ווידער איינגעשלאסען דא אינעווייניג?

ג ר א ב ע ר ג: יא, און פלאקסטאד האט מיטגענומען די שליסלען —

ו ו ע ר ל ע: נא, דאן געהט דורך דאנען.

ג ר א ב ע ר ג: אבער דא איז נאך אימיצער —

ו ו ע ר ל ע: נו, קומט נור, קומט נור, איהר ביידע; זשענירט זיך ניט.

ג ר א ב ע ר ג און דער א ל ט ע ר ע ק ד א ל קומען ארויס פון קאנטאר.

ו ו ע ר ל ע (ניט ווילענדיג): אוף!

דאס געלעכטער און דער געשפרעך צווישען די געסט הערט אויף.

יאַלמאַר ווערט פערציטערט, דערזעהענדיג זיין פאַטער, שטעלט אוועק זיין גלאַז און דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צום פייער.

ע ק ד א ל (הויבט ניט אויף די אויגען, נאַר פערנייגט זיך פער־בייגעהענדיג אויף ביידע זייטען און מורמעלט): כ'בעט פערציייהונג. ביז געקומען מיט א פאלשען וועג. די טיר איז געווען פערשלאָסען. כ'בעט פערצייהונג.

ער און גראַבערג געהען ארוים דורך'ן הינטערגרונד רעכטס.

ו ו ע ר ל ע (צווישען די צייהן): דער פערדאַמטער גראַבערג!

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט אויף יאַלמאַר'ן מיט אַן אָפענעם מויל): דאַס איז דאָך ניט געווען — !

ד ע ר ד י ק ע ר: וואָס איז דאַס? ווער איז דאַס געווען?

ג ר ע ג ע ר ס: אַ, קיינער ניט. נור דער בוכהאַלטער און נאָך אימיצער.

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר (צו יאַלמאַר'ן): קענט איהר דעם מאַן?

י א ל מ א ר: כ'ווייס ניט — ; כ'האָב זיך ניט צוגעקוקט —

ד ע ר ד י ק ע ר (שטעהט אויף): צום טייוועל, וואָס טהוט זיך דאַ? (ער געהט צו צו עטליכע אַנדערע, וועלכע ריידען שטיל צווי־שען זיך).

פ ר ו י ס ע ר ב י (מיט אַ שעפּטשענדען טאָן צו דעם דיענער): גיט איהם עפּעס מיט; עפּעס רעכטס.

פּ ע ט ע ר ס ע ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): זאָל געשעהן! (אָב.)

ג ר ע ג ע ר ס (שטיל און גערירט צו יאַלמאַר'ן): ס'איז אלזאָ ווירקליך געווען ער!

י א ל מ א ר: יאָ.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאָך ביסטו געשטאַנען דאַ און געלייקענט, אַז דו קענסט איהם!

י א ל מ א ר (מיט אַ שעפּטשענדיג, העפטיגען טאָן): אבער ווי אַזוי האָב איך ג ע ק ע נ ט — !

ג ר ע ג ע ר ס: — אַנערקענען דיין אייגענעם פאַטער?

י א ל מ א ר (שמערצליך): א, ווען דו וואלסט געוועז אויף מיין פלאץ —

דאס געשפרעך צווישען די געסט, וואס איז ביז אהער אנגעגאנגען שטילערהייט, געהט פלוצלונג איבער אין א געצוואונגענעם הויכען טאן.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר (געהט צו נאהענט צו יאלמאר און גרעגערס, מיט א פריינדשאפטליכען טאן): אהא! דא ווערן אבגע־פרישט אלטע עראינערונגען פון דער שטודיר־צייט? וואס? איהר רויכערט גאר ניט, הערר עקדאל? זאל איך אייך געבען פייער? א, כ'האב גאר פערגעסען, מיר טארען דאך ניט —

י א ל מ א ר: א דאנק, איך רויכער ניט —

ד ע ר ד י ק ע ר: האט איהר ניט א קליין, שעהן געדיכטעל צו דעקלאמירען, הערר עקדאל? איהר פלעגט דאך אמאל דעקלא־מירען אזוי פיין.

י א ל מ א ר: ליידער געדיינק איך איצט קיין זאך ניט.

ד ע ר ד י ק ע ר: אה, א שאד. וואס זשע טהוט מען פארט. באללע?

ביידע הערען געהען אוועק אין הינטערשטען צימער.

י א ל מ א ר (אומעטיג): גרעגערס, איך געה אוועק! ווען א מענש האט געפיהלט אויף זיין קאפ די צודריקענדע האנד פון דעם שיקזאל, זעהסטו — זאג דיין פאטער אדיע אין מיין נאמען.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, יא, דו געהסט גלייך אהיים?

י א ל מ א ר: יא. פארוואס פרעגסטו?

ג ר ע ג ע ר ס: ווייל איך וועל פיליכט שפעטער קומען צו דיר.

י א ל מ א ר: ניין, טהו עס ניט. ניט צו מיר אהיים. מיין וואוינונג איז אומעטיג און איינזאם, גרעגערס, — בעזונדערס נאך אזא גרוסארטיגען באנקעט ווי דער דא. מיר קענען זיך דאך טרעפען ערגעץ אנדערסוואו אין שטאדט.

פ ר ו י ס ע ר ב י (וועלכע איז צוגעקומען נאהענט צו זיי, שטילערהייט): איהר געהט שוין, עקדאל?

י א ל מ א ר: יא.

פ ר ו י ס ע ר ב י: גריסט גינא'ן.

יאלמאר: א דאנק.

פרוי סערבי: און זאגט איהר, אז איך וועל די טעג אריינקומען צו איהר.

יאלמאר: בעסטען דאנק. (צו גרעגערס): בלייב דא, איך וועל פערשווינדען אונבעמערקטערהייט.

ער געהט לאנגזאם אריין אין הינטערשטען צימער און פון דארט רעכטס ארויס.

פרוי סערבי (שטילערהייט צו דעם דיענער, וועלכער איז צוריקגעקומען): נו, האט איהר דעם אלטען עפעס מיטגעגעבען?

פעטערסען: יא, כ'האב איהם מיטגעגעבען א פלאש קאניאק.

פרוי סערבי: נא, איהר האט געקענט אויסזוכען עפעס בעסערעס פאר איהם.

פעטערסען: אה, ניין, פרוי סערבי. קיין בעסערס ווי קאניאק איז פאר איהם ניטא.

דער דיקער (אין דער טיר, מיט א נאטען-העפט אין דער האנד): זאלען מיר פיליכט שפיעלען א דועט, פרוי סערבי?

פרוי סערבי: יא! לאמיר עס טהאן.

די געסט: בראווא! בראווא!

זיי און אלע געסט געהען דורך דאס צימער רעכטס אב. גרעגערס בלייבט שטעהן ביים קאמין. ווערלע זוכט עפעס אויף'ן שרייב-טיש און עס זעהט אויס, אזוי ווי ער וואלט וועלען, גרעגערס זאל אוועקגעהן; אזוי ווי גרעגערס ריהרט זיך אבער ניט, לאזט זיך ווערלע געהן צו דער טיר.

גרעגערס: פאטער, ווילסטו ניט בלייבען א ווייל?

ווערלע (בלייבט שטעהן): וואס איז?

גרעגערס: איך מוז עפעס ריידען מיט דיר.

ווערלע: האט עס ניט צייט, ביז מיר וועלען זיין אליין?

גרעגערס: ניין; ווארים עס קען זיך מאכען, אז מיר זאלען גראד ניט בלייבען אליין.

ווערלע (קומט צו נעהענטער): וואס הייסט דאס?

אין דער צייט, וואָס דאָס ווייטערע געשפּרעך געהט אָן, הערט מען שוואַכע פּיאַנאָ־טענער פון דעם מוזיק־זאַאַל.

ג ר ע ג ע ר ס: ווי איז דאָס מעגליך געוועזן צו לאָזען די פאַמי־ליע אַזוי שרעקליך פעראַרימט ווערען?

וו ע ר ל ע: דו מיינסט דאָך וואַהרשיינליך די עקדאַלס.

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, איך מיין די עקדאַלס. לייטענאַנט עקדאַל איז דאָך אַמאָל געשטאַנען זעהר נאָהענט צו דיר.

וו ע ר ל ע: ליידער, צ ו נאָהענט. דאָס האָב איך יאָהרענ־לאַנג געמוזט פיהלען און ליידען דערפון. דאָס האָב איך דאָך א י ה ם צו פערדאַנקען, וואָס אויך מ י י ן גוטער נאָמען, מיין רעפּוטאַציע האָט געקריגען אַ סאָרט פלעק אויף זיך.

ג ר ע ג ע ר ס (שטילערהייט): איז ע ר ווירקליך געוועזן דער איינציגער שולדיגער?

וו ע ר ל ע: ווער נאָך דען?

ג ר ע ג ע ר ס: ער און דו, איהר האָט דאָך דאָן ביידע בשותפות געמאַכט דעם גרויסען וואַלד־מסחר.

וו ע ר ל ע: אָבער איז דאָס ניט געוועזן עקדאַל, וועלכער האָט אויפגעצייכענט די קאַרטע פון דער געגענד, יענע פאַלשע קאַרטע! דאָס האָט ע ר דאָס אויף אַן אונגעזעצליכען אופן אויסגעהאַקט דאָס גאַנצע האָלץ אויף דעם שטאַאַט'ס באָדען. ער אַליין האָט דאָך געפיהרט דאָס גאַנצע געשעפט דאָרט אויבען. איך האָב קיין אַה־נונג ניט געהאַט, וואָס לייטענאַנט עקדאַל האָט געטהאָן.

ג ר ע ג ע ר ס: לייטענאַנט עקדאַל האָט וואַהרשיינליך אַליין קיין אַהנונג ניט געהאַט, וואָס ער האָט געטהאָן.

וו ע ר ל ע: דאָס קען זיך זיין. אָבער עס איז דאָך אַ טהאַט־זאַך, אַז ע ר איז פעראורטהיילט און א י ך בין בעפרייט גע־וואָרען.

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס האָבען גע־פעהלט די בעווייזע דערצו.

וו ע ר ל ע: בעפרייט איז בעפרייט. נאָך וואָס ריהרסטו אויף אַט די אַלטע געשיכטען, וועלכע האָבען מיך גראָה געמאַכט פאַר דער

ציית? וועגען דעם האסטו דאס אט די אלע יאהרען דארט אויבען נאכגעגריבעלט? איך קען דיר פערזיכערן, גרעגערס, דא אין שטאדט זיינען די געשיכטען שוין לאנג פערגעסען — אזוי ווייט ווי דאס איז מ י ר נוגע.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער די אונגליקליכע פאמיליע עקדאל — !

ו ו ע ר ל ע: וואס האב איך אייגענטליך געזאלט טהאן פאר די לייט? אז עקדאל איז ארויס פון געפענגניס, איז ער געווען א גע־בראכענער, פערלארענער מאן, ניט מעהר צום רעטען. עס זיינען דא מענשען אויף דער וועלט, וועלכע געהען צו גרונד, ווען זיי קריגען בלויז א פאר שראט־קערנער אין לייב, און זיי הויבען זיך שוין מעהר קיינמאל ניט אויף. דו קענסט מיר גלויבען אויף'ן ווארט, גרעגערס, איך בין געגאנגען אזוי ווייט ווי איך האב נור געקענט, הגם איך האב עס ניט געטהאן אפען, כדי ניט צו געבען קיין גרונד פאר אלער־ליי פערדעכטיגונגען און פלאפלערייען —

ג ר ע ג ע ר ס: פערדעכטיגונגען —? נו יא, פערשטעהט זיך.

ו ו ע ר ל ע: איך האב געזעהן עקדאל זאל קריגען זאכען אי־בערצושרייבען פאר'ן קאנטאר, און איך בעצאהל איהם א כח, א סך מעהר ווי זיין ארבייט איז ווערטה —

ג ר ע ג ע ר ס (ניט קוקענדיג אויף איהם): הם; ד ע ר י י ן צווייפעל איך ניט.

ו ו ע ר ל ע: דו לאכסט? גלויבסט אפשר ניט, אז איך זאג דעם אמת? ביי מיר אין די ביכער שטעהט יעדענפאלס גארנישט וועגען דעם; ווארים אזעלכע אויסגאבען טראג איך קיינמאל ניט אריין אין בוך.

ג ר ע ג ע ר ס (מיט א קאלטען שמייכעל): ניין; פארהאן געוויסע אויסגאבען, וועלכע עס איז בעסער ניט אריינצוטראגען אין בוך.

ו ו ע ר ל ע (איבערראשט): וואס מיינסטו דערמיט?

ג ר ע ג ע ר ס (מיט ערקעמפפטען מוטה): האסטו איינגעשרי־בען אין די ביכער דאס, וואס עס האט דיך געקאסט צו מאכען יאל־מאר עקדאל פאר א פאטאגראף?

וועראַ: איך? וואס הייסט איינגעשריבען אין די ביכער?

גרעגערס: איך ווייס איצט, אז דו האסט דאס בע־צאהלט דערפאר. און איך ווייס אויך, אז דו האסט איהם געגעבען די מעגליכקייט זיך צו עטאבלירען.

וועראַ: נו, און דאך זאגסטו, אז איך האב גארנישט גע־טהאן פאר די עקדאלס! איך קען דיר פערזיכערן, אז אט די מענשען האבען מיר פערשאפט גענוג אויסגאבען.

גרעגערס: האסטו גאר קיינע פון אט די אויסגאבען ניט אריינגעטראגען אין די ביכער?

וועראַ: פארוואס פרעגסטו דאס?

גרעגערס: א, איך האב מיינע אורזאכען דערצו. זאג מיר, איך בעט דיך — ווען דו האסט זיך אזוי ווארם אנגענומען פאר דיין אלטען פריינד'ס זוהן — איז דאס ניט געווען גראד דאן, ווען ער האט געוואלט הייראטהען?

וועראַ: יא, צום טייוועל — ווי זאל איך נאך אזויפיעל יאהרען —?

גרעגערס: דו האסט מיר דאמאלסט געשריבען א בריעף — א געשעפטס־בריעף נאטירליך, און אין א נאכשריפט איז געשטא־נען גאנץ קורץ, אז יאלמאר עקדאל האט חתונה געהאט מיט א פריי־ליין האנסען.

וועראַ: יא, און דאס איז דאך אויך געווען גאנץ ריכטיג; אזוי האט זי געהייסען.

גרעגערס: אבער דו האסט קיין ווארט ניט דערמאנט דע־ריבער, אז דאס דאזיגע פריילין האנסען איז געווען גינא האנכען — אונזער געוועזענע הויז־פיהרערין.

וועראַ (מיט א שפּאטישען אָבער געצוואונגענעם געלעכטער): ניין, איך האב ווירקליך ניט געדיינקט, אז דו זאלסט זיך האבען אזוי שטארק אינטערעסירט מיט אונזער געוועזענער הויז־פיהרערין.

גרעגערס: דאס האב איך טאקע ניט געטהאן. אבער — (לאזט אראב די שטימע) עס זיינען געווען דא אין הויז אנדערע, וועל־בע זיינען געווען גאנץ שטארק פעראינטערעסירט אין איהר.

ווערלע: וואָס מיינסטו דערמיט? (צוקאַכט) דו מיינסט דאָך אָקאָרשט ניט מיך?

גרעגערס (שטיל, אָבער פעסט): יאָ, איך מיין דיך.

ווערלע: און דאָס וואָגסטו —! דאָס אונטערשטעהסט דו זיך! — ווי קען ער, אַט דער אונדאַנקבאַרער מענש — דער פאַטאָגראַף — ווי קען ער האָבען די העזה צו קומען מיט אַזעלכע אינסינואַציעס!

גרעגערס: יאַלמאַר האָט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט פון דעם אַלעם. איך גלויב, אַז ער האָט גאָר קיין אַהנונג ניט דערפון.

ווערלע: אָבער פון וואַנען דען האָסטו עס גענומען? ווער האָט דיר געקענט זאָגען אַזעלכע זאַכען?

גרעגערס: דאָס האָט מיר מיין אָרעמע אומגליקליכע מוטער געזאָגט. דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב זי געזעהן.

ווערלע: דיין מוטער! דאָס האָב איך זיך גלייך געקענט פאָרשטעלען. זי און דו — איהר האָט זיך אימער געהאַלטען צוזאַמען. דאָס האָט זי באַלד אין אָנפאַנג פערביטערט דיין האַרץ געגען מיר.

גרעגערס: ניין, ס'איז געקומען פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט דאָ געהאַט צו ליידען און צו דולדען, ביז זי איז צוזאַמענגעבראָכען און אַזוי יאָמערליך צו גרונד געגאַנגען.

ווערלע: אַ, זי האָט גאָרנישט געהאַט צו ליידען און צו דולדען, יעדענפאַלס ניט מעהר ווי פיעל אַנדערע. אָבער מיט קראַנקע, איבערשפּאַנטע מענשען איז דאָך ניט אויסצוקומען. דאָס האָב איך גענוג און איבער גענוג געהאַט צו פיהלען. — און איצט קומסטו נאָך מיט אַזאַ פערדאַכט — קומסט און ראַיעסט זיך אין אַלערליי קלאַנגען און פערליימדונגען געגען דיין אייגענעם פאָטער. ווייסטו, גרעגערס, איך מיין, אַז אין דיינע יאָהרען וואָלסטו זיך ווירקליך געקענט אָבגעבען מיט עטוואָס ניצליכערעם.

גרעגערס: יאָ, ס'איז די העכסטע צייט דערצו.

ווערלע: דאַן וואָלט דיר פיליכט אויך לייכטער געוואָרען אויף'ן האַרצען, ווי עס שיינט איצט צו זיין. וואָס קען ווערען דער־

פון, וואס דו זיצסט אזוי יאהר איין יאהר אוים דארט אויבען אין דער פאבריק און פלאגסט זיך ווי אן איינפאכער קאנטאר־שרייבער און ווילסט ניט אננעהמען קיין איין שילינג איבער דיין געוועהנלי־כען לוין? דאס איז דאך א ריינער שגעון.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, ווען איך וואלט נור געוועזן זיכער אין ד ע ם!

ו ו ע ר ל ע: איך פערשטעה דיך גאנץ גוט. דו ווילסט זיין אונאבהיינגיג, ווילסט מיר גארנישט שולדיג זיין. אבער איצט איז גראד דא א געלעגענהייט פאר דיר צו זיין אונאבהיינגיג, צו ווערען דיין אייגענער בעל הבית אין יעדער בעציהונג.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך? און אויף וואס פאר אן אופן?

ו ו ע ר ל ע: ווען איך האב דיר געשריבען, אז דו מוזט און־בעדינגט גלייך אריבערקומען אהער — הם —

ג ר ע ג ע ר ס: יא, וואס ווילסטו אייגענטליך פון מיר? איך האב געווארט דעם גאנצען טאג דערויף, דאס אויסצוגעפינען.

ו ו ע ר ל ע: איך וויל דיר פארשלאגען אריינצוטרעטען אלס שותף אין מיין פירמא.

ג ר ע ג ע ר ס: איך? אין דיין פירמא? אלס שותף?

ו ו ע ר ל ע: יא, דאס הייסט דאך ניט, אז מיר וועלען מוזען שטענדיג זיין צוזאמען. דו וואלכט געקענט איבערנעהמען די גע־שעפטען דא אין שטאדט, און איך וואלט זיך אריבערגעצויגען אויבען אויף דער פאבריק.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס האסטו געוואלט?

ו ו ע ר ל ע: יא, זעהסטו, איך בין שוין מעהר ניט אזוי פעהיג צו דער ארבייט, ווי פריהער, איך בין געצוואונגען צו שוינען מיינע אויגען, גרעגערס. זיי הויבען אן ווערען שוואך.

ג ר ע ג ע ר ס: שוואך זיינען זיי דאך אימער געווען.

ו ו ע ר ל ע: ניט אזוי ווי איצט — און דאן, אויסער דעם — די אומשטענדען קענען עם פיליכט מאכען ווינשענסווערטה פאר מיר צו וואוינען דארט אויבען — ווייניגסטענס פאר א שטיקעל צייט.

גרעגערס: דאס וואלט מיר קיינמאל ניט ארויף אויף׳ן זינען.

וורלע: הער מיך אויס, גרעגערס. עס זיינען דא געוויסע זאכען, וואס שיידען אונז פונאנדער — געוויס. אבער מיר זיינען דאך פארט פאטער און זוהן. איך מיין, מיר וואלטען דאך געדארפט קענען קומען צו וואסער עס איז פערשטענדיגונג.

גרעגערס: אויסערליך מיינסטו דאך געווים?

וורלע: נא, זאגאר דאס וואלט שוין געווען עפעס. דענק נאך וועגען דעם, גרעגערס. גלויבסטו ניט, אז עס וואלט זיך געלאזט מאכען? וואס?

גרעגערס (קוקט איהם אן מיט קאלטע בליקען): דא שטעקט עפעס הינטער דעם אלעם.

וורלע: וואס הייסט?

גרעגערס: דו דארפסט מיך געווים האבען צו וואס עס איז.

וורלע: אין אזעלכע נאהענטע פערהעלטניסען ווי אונזערע, דארף איינער אימער אנקומען צום אנדערן.

גרעגערס: יא, אזוי זאגט מען.

וורלע: איך וואלט דיך איצט גערן געוואלט האבען אויף א צייט לאנג ביי מיר אין הויז. איך בין אן איינזאמער מאן, גרעגערס, כ׳האב זיך אימער געפיהלט איינזאם—מיין גאנץ לעבען לאנג; אבער אם מייסטען איצט, ווען איך הויב אן ווערן אלט. איך מוז האבען וועמען עס איז ארום מיר.

גרעגערס: דו האסט דאך פרוי סערבי.

וורלע: יא, איך האב איהר; און זי איז מיר, אזוי צו זאגען, געווארען אונענטבעהרליך; כ׳קען כמעט ניט אויסקומען אהן איהר. זי איז מונטער, האט ניט קיין קאפריזען; זי ברייננגט אריין לעבען אין הויז; — און דאס דארף איך אזוי נייטיג האבען.

גרעגערס: נו, יא; דאן האסט דו דאך אלעס. וואס דייז הארץ גלוסט.

וורלע: יא. אבער איך האב מורא, אז דאס קען ניט בלייבען אזוי. א פרוי אין אזעלכע פערהעלטניסען קען לייכט אויס־

געפינען, אז די וועלט קוקט קרום אויף איהר. יא, איך מיין, אז פאר א מאן איז דאס אויך ניט קיין אנגענעהמע זאך.

ג ר ע ג ע ר ס: א, ווען א מאן גיט אזעלכע באנקעטען ווי דו, קען ער שוין פיעל ריזיקירען.

ו ו ע ר ל ע: יא, אבער ז י, גרעגערס? איך האב מורא, אז זי וועט לאנג ניט וועלען בלייבען אין דער לאגע. און זאגאר ווען זי זאל עס טהאן — ווען זי זאל זאגאר, אויס צוגעבונדענקייט צו מיר, ניט קוקען אויף דער פלאפלעריי און אויף די פערליימדונגען און אלע עהנליכע זאכען — דענקסטו ניט, גרעגערס, דו מיט דיין שטארקען געפיהל פאר גערעכטיגקייט —

ג ר ע ג ע ר ס (אונטערברעכט איהם): קורץ און גוט — זאג מיר איינס: דו דענקסט חתונה צו האבען מיט איהר?

ו ו ע ר ל ע: און ווען איך זאל דענקען פון אזוי וואס? וואס דאן?

ג ר ע ג ע ר ס: יא, דאס פרעג איך אויך. וואס דאן?

ו ו ע ר ל ע: וואלט עס דיר געווען שטארק דערווידער?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, גארנישט. אבסאלוט ניט.

ו ו ע ר ל ע: איך בין דאך ניט געווען זיכער, פיליכט צוליעב דער עראינערונג אן דיין פערשטארבענער מוטער —

ג ר ע ג ע ר ס: איך בין ניט איבערשפאנט.

ו ו ע ר ל ע: ווי עס זאל ניט זיין, — יעדענפאלס האסטו מיר אראבגענומען א שווערען שטיין פון הארצען. ס'איז מיר זעהר, זעהר ליעב, וואס איך קען אין אט דער זאך רעכענען אויף דיין צושטימונג.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אן מיט שפאנענדע בליקען): איצט ווייס איך צו וואס דו ווילסט מיך אויסנוצען.

ו ו ע ר ל ע: דיך אויסנוצען? וואס איז דאס פאר אן אויסדרוק?

ג ר ע ג ע ר ס: א, לאמיר ניט זיין אזוי אויסקלייבעריש מיט אונזערע ווערטער — ווענינגסטענס ניט אונטער פיער אויגען. (מיט א קורצען געלעכטער) נו יא! צום טייוועל! דערפאר האב איך

דאַס געמוזט אונבעדינגט אראַבקומען אהער אין אייגענער פּערזאָן.
דער פרוי סערבי'ן צוליעב ווערט דאַ געשטעלט אַ פאַמיליען־לעבען
אויף דער סצענע. אַלס דעקאָראַציע אַ בילד צווישען פאַטער און
זוהן! דאַס וועט ווירקליך זיין עטוואַס נייעס!

ו ו ע ר ל ע: ווי קענסטו ריידען צו מיר אין אַזאַ טאָן!

ג ר ע ג ע ר ס: ווען האָבען מיר דאַ געהאַט אַ פאַמיליען־לע־
בען? קיינמאָל ניט, אַזוי לאַנג ווי איך קען זיך ערָאינערן. אָבער
א י צ ט קען מען שוין דאַרפען אביסעל דערפון. וואָרים עס וועט
אהן צווייפעל האָבען אַן אויסגעצייכענטע ווירקונג, ווען מען וועט
קענען דערצעהלען, אַז דער זוהן איז אויף די פליגלען פון ליעבע און
רעספּעקט אַראָבגעקומען צום אַלטען פאַטער אויף דער חתונה. וואָס
וועט דאַן בלייבען פון די אַלע קלאַנגען וועגען דעם, וואָס די אָרעמע
פערשטאָרבענע האָט געמוזט ליידען און דולדען. קיין שפּור. איהר
זוהן אַליין פערניכטעט זיי דאָך.

ו ו ע ר ל ע: גרעגערס, — איך גלויב, קיין מענש אויף דער
וועלט איז דיר ניט אַזוי דערווידער ווי איך.

ג ר ע ג ע ר ס (שטילערהייט): איך האָב דיך צו גוט געזעהן
פון דער נאָהענט.

ו ו ע ר ל ע: דו האָסט מיך געזעהן מיט די אויגען פון דיין
מוטער. (לאָזט אַראָב אביסעל די שטימע.) אָבער דו דאַרפסט ניט
פערגעסען, אַז איהרע אויגען זיינען צייטענווייז געווען ארומגענו־
מען מיט אַ נעבעל.

ג ר ע ג ע ר ס (ציטערענדיג): איך וויים, וואָס דו מיינסט
דערמיט. אָבער ווער איז שולדיג אין מיין מוטער'ס אונגליקליכער
שוואַכקייט? ווער, אויב ניט דו און אַלע די —! די לעצטע פון
זיי איז געווען יענעם פרויענצימער, מיט וועמען יאַלמאַר עקדאַל
איז צונויפגעפּאָרט געוואָרען, ווען דו האָסט שוין ניט מעהר — אַ!

ו ו ע ר ל ע (ציהט מיט די אַקסלען): וואָרט פאַר וואָרט, —
אַקוראַט ווי דיין מוטער וואָלט דאַס גערעדט.

ג ר ע ג ע ר ס (זיך ניט אומקוקענדיג אויף זיינע רייד): —
און דאַ זיצט ער אַלזאָ, מיט זיין גרויסער, צוטרויליכער קינדער־זעע־

לע אין רעכטען מיטען פון דעם בעטרוג, — לעבט אונטער איין דאך מיט אזא פערזאן און ווייסט ניט, אז דאך, וואס ער רופט זיין היים, איז געבויט אויף א ליגען! (געהט צו א טריט נעהענטער) אז איך בליק צוריק אויף דיין גאנצער פערגאנגענהייט, דוכט זיך מיר אב. אזוי ווי איך וואלט געזעהן א שלאכט־פעלד, פול מיט ערמארדעטע מענשען־שיקזאלען.

וועררלע: איך הויב אן צו גלויבען, אז דער שפאלט צווישען אונז ביידען איז צו ברייט.

גרעגערס (פערנייגט זיך, מיט זעלבסט־בעהערשונג): דאס האב איך אויך בעמערקט. און דערום נעהם איך מיין הוט און געה.

וועררלע: דו געהסט? — אוועק פון הויז?

גרעגערס: יא. ווארים איצט זעה איך ענדליך אן אויפ־גאבע, פאר וועלכע איך קען לעבען.

וועררלע: וואס איז דאס פאר אן אויפגאבע?

גרעגערס: דו וואלסט נור געלאכט, ווען דו הערסט עס.

וועררלע: אן איינזאמער מאן לאכט ניט אזוי לייכט, גרע־גערס.

גרעגערס (ווייזט אן אויף דעם הינטערגרונד): זעה, פא־טער — דארט שפיעלען די קאמערהערען „בלינדע קוה" מיט דער פרוי סערבי — גוטע נאכט! — אדיע! (געהט ארויס דורך'ן הינטער־גרונד רעכטס. מען הערט דעם פרעהליכען געשפרעך און דעם געלעכטער פון דער געזעלשאפט, וועלכע בעווייזט זיך אין דעם אויסערליכען צימער)

וועררלע (מורמעלט מיט א שפאטישען טאן הינטער גרעגערס): העע —! דער שוטה! — און ער זאגט נאך, אז ער איז ניט אי־בערשפאנט!

צווייטער אַקט.

יאַלמאַר עקדאַל׳ס סטודיאָ. אַ צימליך גרויסע שטוב. מען דערקענט גלייך, אז דאָס איז אַ דאַך־צימער. רעכטס געפינט זיך אַ משופּע׳דיגער דאַך מיט גרויסע גלעזערנע שויבען, האַלב פערדעקט דורך א בלויען פאַרהאַנג. הינטען אין עק רעכטס איז די ארויסגאנגס־טיר, פאָרנט אויף דער זעלבער זייט אַ טיר, וואָס פיהרט צו דער וואוין־שטוב. אין דער וואַנד לינקס זיינען אויך דאָ צוויי טירען און צווישען זיי אַן אייזערנער אויווען. אין דער הינטערשטער וואַנד א ברייטע דאָפּעל־טיר, וועלכע קען אָבגערוקט ווערען אָן א זייט. די סטודיאָ איז איינפאַך אָבער געמיטהליך איינגעאָרדענט און מעבלירט. צווישען די טירען רעכטס, אַביסעל אָבגערוקט פון דער וואַנד, שטעהט אַ זאָפאַ מיט אַ טיש און עטליכע שטוהלען; אויף׳ן טיש אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור; ביים אויווען אַן אַלטער לעהן־שטוהל. פערשיעדענע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען זיינען אויפגעשטעלט דאָ און דאָרט אין צימער. ביי דער הינטערשטער וואנד לינקס פון דער דאָפּעל־טיר אַ שאַפע, וואו עס געפינען זיך עטליכע ביכער, שאַכטלען און פלעשער מיט כעמישע שטאָפען, אינסטרומענטען, געצייג און אנדערע זאַכען. פאָטאָגראַפיעס און קליינינקייטען, ווי פּינזלען, פּאַפּירען, א. א. וו. ליעגען אויף׳ן טיש.

ג י נ אַ זיצט אויף א שטוהל ביים טיש און נעהט. ה ע ד וו י ג זיצט אויף דער זאָפא, די הענד פאר די אויגען און די גראָבע פינגער אין די אויערן; זי לייענט א בוך.

ג י נ אַ (קוקט אָן העדוויג׳ן אַ פּאָר מאָל, ווי אין געהיימער זאָרג, דאן זאָגט זי): העדוויג! (העדוויג הערט זי ניט און גינא זאָגט העכער): העדוויג!

ה ע ד וו י ג (נעהמט אוועק די הענד און הויבט אויף די אויגען פון בוך): יאָ, מוטער?

ג י נ א: ליעבע העדוויג, גענוג דיר שוין זיצען און לעזען.

ה ע ד ו ו י ג: אך, מוטער, לאז מיר נאך אביסעלע! נור א קליין ביסעלע!

ג י נ א: ניין, ניין, דו מוזט איצט אוועקלעגען דאס בוך. דיין פאטער קען דאס ניט ליידען; ער אליין לייענט קיינמאל ניט ביי־נאכט.

ה ע ד ו ו י ג (מאכט צו דאס בוך): ניין, פאפא גיט זיך ווינציג וואס אב מיט לעזען.

ג י נ א (לעגט אוועק דאס גענעה און נעהמט א בליי־פעדער און א קליינעם העפט פון טיש): קענסט זיך פיליכט דערמאנען, וויפיעל מיר האבען היינט אויסגעגעבען אויף פוטער?

ה ע ד ו ו י ג: א קראנע און פינף און זעכציג ערע.

ג י נ א: ריכטיג. (פערשרייבט.) ס'איז שרעקליך, וויפיעל פוטער דא געהט אוועק אין הויז. — דאן אויף געראויכערטע ווארשט און קעז — לאמיך זעהן — (פערשרייבט.) און דאן אויף שינקען — הם (ציהט צונויף.) יא, דאס מאכט פונקט —

ה ע ד ו ו י ג: און דערצו דאס ביער.

ג י נ א: יא, פערשטעהט זיך. (פערשרייבט.) ווי דאס לויפט אויף! אבער דאס אלעס מ ו ז מען דאך האבען.

ה ע ד ו ו י ג: דערפאר האבען מיר ביידע דאך ניט געדארפט קייןווארעמען מיטאג, ווייל פאפא איז ניט געוועזען אין דערהיים.

ג י נ א: יא, דאס איז זעהר גוט געוועזן. נא, און דאן האב איך דאך אויך איינגענומען אכט קראנען פופציג פאר די פאטאגראפיעס.

ה ע ד ו ו י ג: ווירקליך — אזוי פיעל האט דאס אויסגע־מאכט?

ג י נ א: אקוראט אכט קראנען פופציג.

פויזע. ג י נ א נעהמט זיך ווידער צום נעהען. ה ע ד ו ו י ג נעהמט פאפיר און א בלייפעדער און הויבט אן צייכענען, זיך פערשטע־לענדיג מיט דער לינקער האנד.

ה ע ד ו ו י ג: איז עס ניט וואונדער־שעהן זיך פארצושטעלען,

אז פּאפּא איז ביי דעם רייכען הערר ווערלע אויף א גרויסארטיגען מיטאג?

ג י נ א: דו קענסט דאך ניט זאגען, אז ער איז ביי דעם רייכען הערר ווערלע. אייגענטליך האט דאך איהם דער זוהן איינגעלאדען. (נאך א קורצער פּויזע): מיט דעם אלטען ווערלע האבען מיר דאך גארנישט וואס צו טהאן.

ה ע ד ו ו י ג: איך וואלט אזוי וועלען, דער פּאפּא זאל שוין קומען אהיים. ער האט מיר פערשפּראָכען, אז ער וועט בעטען ביי פרוי כערבי עפּעס א גוטע זאך פאר מיר.

ג י נ א: יא, אין ד ע ם הויז איז דאס פון אלעם גוטען, דאס איז שוין איינמאל זיכער.

ה ע ד ו ו י ג (ציזכענט וויטער): אביסעלע הונגעריג בין איך דאך אויך.

דער אַ ל ט ע ר ע ק ד אַ ל, מיט אַ פּאַק פּאַפּירען אונטער'ן ארם און אן אנדער פּאַקעט אין דער ראָק־טאַש, קומט אריין דורך די קאָרידאָר־טיר.

ג י נ א: ווי שפּעט איהר קומט עס היינט אהיים, זיידע!

ע ק ד א ל: זיי האבען פערשלאסען דעם קאנטאר. (כ'האב געמוזט ווארטען ביי גראבערג'ען. און דאן האבען זיי מיך דורכגע־לאזט — ה'ם.

ה ע ד ו ו י ג: האבען זיי דיר ווידער געגעבען עפּעס צום איבערשרייבען, זיידע?

ע ק ד א ל: דעם גאנצען פּאק, זעה נאר.

ג י נ א: דאס איז דאך גרויסארטיג.

ה ע ד ו ו י ג: און אין טאש האסטו נאך א פּאקעט.

ע ק ד א ל: אזוי? ווייס איך וואס! דאס איז גארנישט. (שטעלט אַוועק דעם שטעקען אין א ווינקעל.) דא האב איך ארבייט אויף א לאנגע צייט, גינא. (רוקט אוועק איין האלבע טיר אין הינטער־גרונד אַביסעל אַן א זייט.) פּסט! (קוקט אַ ווײַלע אריין אינעוויי־ניג אין צימער און רוקט פאַרזיכטיג צוריק צו די טיר.) העַ—הע! זיי

שלאָפּען שויז, אַלע צוזאַמען, און ז י האָט זיך אַריינגעלייגט אין קאַרב. הע—הע!

ה ע ד ו ו י ג: ביסטו זיכער, זיידע, אַז עס איז איהר ניט קאַלט אין דעם קאַרב?

ע ק ד א ל: וואָס פאַלט דיר איין! קאַלט? אין דער מאַכע שטרוי? (לאָזט זיך געהן צו דער אויבערשטער טיר לינקס.) די שוועלבעלאַך זיינען דאָך וואהרשיינליך אינעווייניג?

ג י נ א: די שוועלבעלאַך שטעהען אויף'ן קאַמאָד.

עקדאַל געהט אַריין צו זיך אין צימער.

ה ע ד ו ו י ג: ס'איז ווירקליך גוט, וואָס דער זיידע האָט וויעדער געקריגען אַזוי פיעל צו שרייבען.

ג י נ א: יאָ, דער אָרעמער, אַלטער פאָטער! אַזוי וועט ער זיך וויינינגסטענס פערדיענען אביסעל טאַשען־געלד.

ה ע ד ו ו י ג: און דאַן וועט ער ניט קענען זיצען דעם גאַנצען פאָרמיטאַג אין דעם עקעלדיגען שיינק, ביי מאַדאַם ערִיקסען.

ג י נ א: יאָ, דאָס אויך. (קורצע פויזע.)

ה ע ד ו ו י ג: ווי מיינסטו, זיי זיצען נאָך ביים טיש?

ג י נ א: גאָט ווייס. מעגליך אַז יאָ.

ה ע ד ו ו י ג: אַך, די אַלע גוטע זאַכען, וואָס דער פּאַפּאַ קריגט דאָרט צו עסען. ער וועט געווים זיין צופריעדען און פרעהליך, ווען ער וועט קומען אַהיים. דענקסטו ניט אַזוי, מוטער?

ג י נ א: יאָ; אַבער דו, ווען מיר וואָלטען איהם נאָך געקענט זאָגען, אַז מיר האָבען פערדונגען דאָס צימער.

ה ע ד ו ו י ג: אַבער ד אָ ס איז דאָך ניט נייטיג היינט אָבענד.

ג י נ א: נאָ, עס וואָלט אונז גאַנץ גוט צוניץ געקומען, ווייסט און דאַן שטעהט דאָך דאָס צימער סיי ווי סיי ליידיג.

ה ע ד ו ו י ג: ניט דאָס, איך מיין, ס'איז ניט נייטיג, ווייל פּאַפּאַ וועט שוין היינט אָבענד אָהן דעם אויך זיין גוט אויפגעלייגט. ס'איז דאָך בעסער איבערצולאָזען די מעשה מיט דעם צימער אויף אַן אַנדערסמאָל.

ג י נ א (קוקט אריבער צו איהר): ביסטו צופריעדען, ווען דו האסט עפּעס גוטעס צו דערצעהלען דעם פּאפּא, בשעת ער קומט אהיים אין אבענד?

הערדוויג: יא; ער ווערט דאך דאן פרעהליכער.

ג י נ א (נאכדענקענדיג פאר זיך): יא, יא, ס'איז אויך וואהר.

דער אלטער עקדאל קומט ווידער אריין און וויל ארויסגעהן דורך די פאַרדעשטע טיר לינקס.

ג י נ א (דרעהט זיך האלב אום אויף'ן שטוהל): זיידע, איהר דארפט עפּעס האבען אין קיך?

ע ק ד א ל: כ'וויל וואס, יא; בלייב נור זיצען. (געהט ארויס)

ג י נ א: ער פּאַרעט זיך דאך ניט דארט ארום די גליהענדע קויהלען. (ווארט א רגע.) הערדוויג, גיב א קוק, וואס ער טהוט.

עקדאל קומט אריין צוריק מיט א קריגעל פול מיט הייסען וואסער.

הערדוויג: האסט גענומען הייס וואסער, זיידע?

ע ק ד א ל: יא, כ'דארף עס האבען. איך מוז שרייבען, און די טינט איז געווארען געדיכט ווי קאשע.

ג י נ א: אבער, זיידע, עסט אפריהער אב נאכטמאהל. עס שטעהט דארט ווארם פאר אייך.

ע ק ד א ל: כ'קען זיך ניט פערנעהמען מיט קיין נאכטמאהל, גינא. כ'בין זעהר בעשעפטיגט, זאג איך דיר; קיינער דארף ניט אריינקומען צו מיר אין צימער — קיינער — הם!

ער געהט אריין צו זיך אין צימער. גינא און הערדוויג ווארפען זיך דורך מיט בליקען.

ג י נ א (שטילערהייט): האסטו א הנונג, וואו ער האט גע־נומען דאס געלד דערצו?

הערדוויג: ער האט געמוזט קריגען עפּעס ביי גראבערג'ן.

ג י נ א: ס'הויבט זיך ניט אן! גראבערג שיקט דאך אימער דאס געלד צו מיר.

הערדוויג: דאן האט ער אודאי געמוזט קריגען ערגעץ וואו א פלאש אויף בארג.

ג י נ א: ארעמער זיידע; איהם בארגט קיינער גארנישט.

יאלמאר עקדאל, אין אויבער־ראק מיט א גראען פילצהוט, קומט אריין פון רעכטס.

ג י נ א (טהוט א ווארף דאס גענעה און שטעהט אויף): וואס עקדאל, ביסט שוין דא צוריק?

ה ע ד ו ו י ג (גלייכצייטיג, שפרינגט אויף): ביסט שוין אזוי גיך צוריקגעקומען אהיים, פאטער?

י א ל מ א ר (טהוט אוים דעם הוט): יא, די מעהרסטע געסט זיינען שוין אוועק.

ה ע ד ו ו י ג: אזוי פריה?

י א ל מ א ר: ס'איז דאך נור געווען א מיטאג. (וויל זיך אויסטהאן דעם אויבערראק.)

ג י נ א: לאז, איך וועל דיר העלפען.

ה ע ד ו ו י ג: איך אויך. (זיי טהוען איהם אוים דעם ראק; גינא הענגט איהם אויף אויף דער הינטערשטער וואנד.)

ה ע ד ו ו י ג: זיינען דארט געווען א סך מענשען, פאטער?

י א ל מ א ר: א ניין, ניט קיין סך. מיר זיינען געווען אזוי א צוועלף ביז פערצעהן פערזאן ביים טיש.

ג י נ א: און מיט די אלע האכטו גערעדט?

י א ל מ א ר: א יא, אביסעל; נאר גרעגערס האט מייסטענס פערבראכט מיט מיר.

ג י נ א: איז גרעגערס נאך אלץ אזוי העסליך?

י א ל מ א ר: נא, שעהן זעהט ער נאך אלץ ניט אוים. — איז דער אלטער נאך ניט געקומען אהיים?

ה ע ד ו ו י ג: יא, דער זיידע זיצט אינעווייניג און שרייבט.

י א ל מ א ר: האט ער עפעס געזאגט?

ג י נ א: ניין, וואס האט ער דען געזאלט זאגען?

י א ל מ א ר: האט ער גארנישט דערמאנט וועגען —? כ'מיין איך האב געהערט, אז ער איז געווען ביי גראבערג'ען. איך וועל אריינגעהן א ווײלע צו איהם.

ג י נ א: ניין, ניין, בעסער ניט.

י א ל מ א ר: פארוואס ניט? האט ער געזאגט, אז ער וויל ניט, איך זאל אריינקומען?

ג י נ א: ער וויל היינט אבענד ק י י נ ע ם ניט האבען ביי זיך —

ה ע ד ו ו י ג (מאכט צייכענס): הם — הם!

ג י נ א (בעמערקט עס ניט): — ער איז געוועזן דא און האט זיך אריינגענומען היים וואסער —

י א ל מ א ר: אהא, ער זיצט און —

ג י נ א: יא, אזוי מוז עס זיין.

י א ל מ א ר: אך גאט! מיין ארעמער, אלטער, גרייז־גראער פאטער —! יא, לאזט איהם נור זיצען און זיך אמאל ווי געהעריג לאזען וואוילגעהן.

דער אלטער עקדאל, אין א הויז־ראק און מיט אן אנגעצונדענער פיפ־קע, קומט ארויס פון זיין צימער.

ע ק ד א ל: שוין דא צוריק? מיר האט זיך טאקע אבגערוכט, אז איך הער דיך ריידען.

י א ל מ א ר: איך בין נאר וואס געקומען.

ע ק ד א ל: דו האכט מיך, הייסט עס, ניט געזעהן?

י א ל מ א ר: ניין, נאר זיי האבען געזאגט, אז דו ביסט דורכ־געגאנגען — בין איך גלייך ארויס נאך דיר.

ע ק ד א ל: הם — פיין פון דיר, יאלמאר. — ווער זיינען זיי דאס געווען, אט די אלע העררן דארט?

י א ל מ א ר: א, פערשיעדענע לייט; דארט איז געווען דער קאמערהערר פלאר און קאמערהערר באללע און קאמערהערר קאס־פערסען און קאמערהערר דער און דער, וואס וויים איך —

ע ק ד א ל (שאקעלט מיט'ן קאפ): דו הערסט, גינא! ער האט פערבראכט מיט לייטער קאמערהערען.

ג י נ א: יא, איצט זאגט מען, געהט עס צו גאר גרויסארטיג אין דעם הויז.

ה ע ד ו ו י ג: האבען די קאמערהערען געזונגען, פאטער? אדער עפעס דעקלאמירט?

י א ל מ א ר: ניין, זיי האבען נור געפלוידערט איבער אלער־ליי נארישקייטען. דאן האבען זיי געוואלט, א י ך זאל זיי וואס עס איז דעקלאמירען, נאר דאס האבען זיי ביי מיר ניט געקענט פועל'ן.

ע ק ד א ל: זיי האבען עס ביי דיר ניט געקענט פועל'ן?

ג י נ א: אבער דאס האטטו דאך זיי געקענט צוליעב טאן.

י א ל מ א ר: ניין, מען דארף דאך ניט גלייך יעדען איינעם צוליעב טהאן. (שפאצירט ארום איבער'ן צימער.) א י ך וועניג־סטענס טהו עס ניט.

ע ק ד א ל: ניין, ניין; יאלמאר'ן קען מען אזוי לייכט ניט קריגען.

י א ל מ א ר: איך וויים ניט, פארוואס מוז א י ך דאס גראד זארגען פאר די אונטערהאלטונג, ווען איך קום אמאל אין א נאוועגע צווישען מענשען. זאלען זיך די אנדערע אביסעל אנשטרייגגען! אט די חברה־לייט געהען ארום פון איין הויז אין אנדערן. טאג אוים, טאג איין, און פרעסען און זויפען. זיי מעגען זיך אלזא בעדאנקען און ניצליך מאכען פאר דאס גאנצע גוטע עסען, וואס זיי קריגען.

ג י נ א: אבער דאס האסטו דאך געוויס ניט געזאגט?

י א ל מ א ר (זינגענדיג): הא — הא — הא —; זיי האבען געקריגען אלערליי זאכען צו הערען.

ע ק ד א ל: די קאמערהערערען זאגאר?

י א ל מ א ר: נו, וואס דען? (מיט א לייכטען טאן.) און דאן האבען מיר געהאט א קליינעם וכוח איבער דעם טאקאיער.

ע ק ד א ל: טאקאיער? הערסטו, דאס איז א פיינער וויין!

י א ל מ א ר (בלייבט שטעהן): ער ק ע ן זיך זיין פיין. אבער איך וויל דיר וואס זאגען: ניט אלע יאהרגענג זיינען גלייך; עס ווענדט זיך אן דעם, וויפיעל זונענשיין די וויינטרויבען האבען געהאט.

ג י נ א: זעה נאר, דו ווייסט דאך אלעס, עקדאל.

ע ק ד א ל: און ווענען דעם האבען זיי דיסקוטירט?

י א ל מ א ר: זיי האבען עס פרובירט טאן; אבער דא האָ־

בען זיי געקראָגען צו וויסען, אז מיט די קאַמערהערען איז פּונקט דאַסזעלבע. פון זיי זיינען אויך ניט אַלע יאָהרגעננ גלייך, — האָט מען געזאָגט.

גינא: נאַ, וואָס דיר קען אַלעס איינפאַלען!

עקדאל: האַ — האַ! און דאָס האָבען זיי געקריגען גאָר אהן צערעמאָניעס?

יאלמאר: גלייך אין געזיכט אריין.

עקדאל: דו הערסט, גינאַ, ער האָט עס די קאַמערהערען אריינגעזאָגט גלייך אין געזיכט אריין.

גינא: יאָ, מערקווירדיג, — גלייך אין געזיכט!

יאלמאר: יאָ, אָבער איך וויל ניט, אז מען זאָל וועגען דעם ריידען. אַזעלכע זאַכען דערצעהלט מען ניט. די גאַנצע געשיכטע איז דאָך נאַטירליך צוגעגאַנגען אויף אַ פריינדשאַפטליכען אופן. עס זיינען דאָך געווען פיינע, געמיטהליכע לייט; נאָך וואָס זיי פערוואונדען? ניין!

עקדאל: אָבער גלייך אין געזיכט —!

העדוויג (מיט אַ לאַסטשענדען טאָן): ווי גרויסאַרטיג דו זעהסט אויס אין אַ פראַק! ער פּאַסט דיר אַזוי גוט, פּאַטער!

יאלמאר: יאָ, ניט וואָהר? און אַט דער פּאַסט מיר ווירקליך אויסגעצייכענט גוט. ער ליעגט ווי אויסגעגאָסען; — פיללייכט אַביסעלע צו ענג אונטער די אָרעמס; — העלף מיר, העדוויג. (טהוט זיך אויס דעם פראַק.) כ'מיין, איך וועל בעסער אַנטאָן מיין יאַק. וואו איז ערגעץ מיין יאַק, גינאַ?

גינא: דאָ איז זי. (ברינגט די יאַק און העלפט איהם אָנטהאָן.)

יאלמאר: נאַ! פערגעס אָקאָרשט ניט גלייך מאָרגען אין דער פריה אָראָבשיקען דעם פראַק צו מאָלוויק'ן.

גינא (לעגט אוועק דעם פראַק): וועט בעזאָרגט ווערן.

יאלמאר (גלייכט זיך אויס די בייגער): אַה, דאָס איז דאָך פיעל בעקוועמער. אזא לויזער און פרייער הויז־ראָק פּאַסט זיך אויך בעסער פאַר מיין גאַנצער פיגור. ניט וואָהר, העדוויג?

העדוויג: יאָ, פּאַטער.

יאלמאר: ווען איך פערשלייף נאך דערצו דעם האלזטוך אזוי אין צוויי פלאטערענדע עקען — זעה נור! וואס?

העדוויג: יא, דאס פאסט זיך זעהר גוט צו דיינע וואנציעס און צו דיינע געדיכטע, געגרייזעלטע האר.

יאלמאר: געגרייזעלט וואלט איך עס ניט גערופען, איך וואלט גיכער געזאגט לאקען.

העדוויג: יא, ווייל די קרייזעלאך זיינען צו גרויס.

יאלמאר: דאס הייסט לאקען.

העדוויג (נאך א קורצער פויזע, צופט איהם ביי דער יאק): פאטער!

יאלמאר: נו, וואס איז?

העדוויג: א, דו ווייסט גאנץ גוט.

יאלמאר: ניין, כ'ווייס ווירקליך ניט.

העדוויג (צווישען לאכען און וויינען): א יא, פאטער, דו דארפסט זיך מעהר ניט רייצען מיט מיר.

יאלמאר: אבער וואס איז דיר דען?

העדוויג (טרייסעלט איהם): אונזין! גיב עס מיר שוין, פאטער! דו ווייסט דאך — די גוטע זאכען, וואס דו האסט מיר פערשפראכען.

יאלמאר: אך! מיין גאט — אז איך האב דאס גע־קענט פערגעסען!

העדוויג: ניין, דו ווילסט זיך נור רייצען מיט מיר, פא־טער! דאס איז ניט שעהן פון דיר! וואו האסטו עס אהינגעטהאן?

יאלמאר: איך האב עס ווירקליך פערגעסען. אבער ווארט אקארשט! איך האב עפעס אנדערש פאר דיר, העדוויג. (געהט און זוכט אין די טאשען פון פראק.)

העדוויג (שפרינגט ארום און פאטשט מיט די הענד): א, מוטער, מוטער!

גינא: זעהסטו, ווען דו האסט נור אביסעל גערולד, דאן —

יאלמאר (מיט א פאפיר): זעה — דא איז ער.

הערוויג: דאָס דאָ? דאָס איז דאָך בלויז אַ שטיקעל פּאַפּיר.

יאַלמאַר: דאָס איז דער שפּייז־צעטעל. דער גאַנצער שפּייז־צעטעל. דאָ שטעהט „מענו"; דאָס הייסט שפּייז־צעטעל.

הערוויג: וויטער האָסטו גאַרנישט?

יאַלמאַר: דו הערסט דאָך, די אַנדערע זאַכען האָב איך פערגעסען. אַבער דו קענסט מיר גלויבען אויף'ן וואָרט: אַט די נאַשערייען זיינען ניט מעהר ווי אַ נאַרישעס פערגניגען. זעץ זיך אַקאָרשט אַנידער דאָרט ביים טיש און לייען דעם שפּייז־צעטעל, וועל איך דיר דערנאָך בעשרייבען, וואָס פאַר אַ טעם די געריכטען האָבען. נאַ, — הערוויג.

הערוויג (שלינגט אַרונטער די טרעהרען): אַ דאַנק! (זי זעצט זיך אַנידער, אָבער לייענט ניט; גינאַ מאַכט צו איהר מיט די הענד; יאַלמאַר בעמערקט עס.)

יאַלמאַר (געהט איבער'ן צימער אַרויף און אַראָב): אַ פאַמיליען־פאָטער מוז נאַטירליך אין זינען האָבען די לעבערליכסטע, די אונגלויבליכסטע זאַכען; און טאָמער פערגעסט ער די מינדעסטע קלייניגקייט — גלייך קריגט ער צו זעהן זויערע געזיכטער! נאַ, מען ווערט צו אַלצדינג צוגעוואוינט. (בלייבט שטעהן ביים אויוועז לעבען דעם אַלטען.) האָסטו שוין היינט אַבענד אַריינגעקוקט אַהין, פאָטער?

עקדאַל: יאָ, געוויס האָב איך אַריינגעקוקט אַהין. זי איז אַריין אין קאָרב.

יאַלמאַר: ווירקליך? אין קאָרב? זי הויבט אַלזאָ דאָך אָן זיך צוגעוועהנען דערצו.

עקדאַל: יאָ, דאָס האָב איך דאָך פאָראויסגעזאָגט. אַבער, ווייסטו, עס זיינען נאָך דאָ עטליכע קליינע זאַכען —

יאַלמאַר: עטליכע פערבעסערונגען, יאָ.

עקדאַל: אַבער זיי מוזען געמאַכט ווערן.

יאַלמאַר: יאָ, לאָמיר ריידען אַביסעל וועגען די פערבע־

סערונגען, פּאַטער. קום אהער, לאָמיר זיך אנידערזעצען אויף דער זאָפאַ.

ע ק ד א ל: יאָ. הם! — כ'וויל אָבער אפריהער אָנשטאָפּען מיין פּיפּקע; — כ'מוז זי אויך אויסרייניגען. הם.

ער געהט אריין צו זיך אין צימער.

ג י נ א (מיט אַ שמייכעל צו יאַלמאַר'ן): די פּיפּקע אויסריי־ניגען, די —

י א ל מ א ר: אַך, יאָ, יאָ, גינאַ, לאָז איהם צורוה — דעם אָרע־מען, געבראָכענעם אַלטען. — יאָ, די פערבעכערונגען, — דאָס בעס־טע וועט זיין זיי צו מאַכען גלייך מאָרגען.

ג י נ א: מאָרגען וועסטו דאָך ניט האָבען קיין צייט דערצו, עקדאַל.

ה ע ד ו ו י ג (פּאַלט איהר אַריין אין די רייד): אַ יאָ, גע־ווים, מוטער.

ג י נ א: — וואָרים דו דאַרפסט ניט פערגעסען די קאָפּיעס, וועלכע מוזען רעטושירט ווערן. זיי האָבען שוין אַזויפיעל מאָל גע־שיקט נאָך דעם.

י א ל מ א ר: נאַ! אַלזאָ ווידער די קאָפּיעס! זיי וועלען שוין פאַרטיג ווערן. זיינען פיללייכט אריינגעקומען נייע בעשטע־לונגען?

ג י נ א: ליידער ניין; מאָרגען האָב איך בלויז די צוויי פּאָר־טרעטען, ווי דו ווייסט.

י א ל מ א ר: ווייטער גאָרנישט? נאַטירליך, אַז מען סטאַ־רעט זיך ניט, דאַן —

ג י נ א: אָבער וואָס קען איך דען מעהר טהאָן? איך אָנאָנ־סיר דאָך אין די צייטונגען אַזוי ווייט ווי איך קען נור.

י א ל מ א ר: אַך, אין די צייטונגען, אין די צייטונגען! דו זעהסט דאָך, צו וואָס דאָס נוצט. און דאָס צימער איז אודאי אויך קיינער ניט געקומען אָנקוקען?

ג י נ א: ניין, נאָך ניט.

י א ל מ א ר: דאָס איז דאָך געווען צו ערוואַרטען. ווען מען

וועט זיך ניט אומקוקען, דאן —. מען מוז זיך ווירקליך א נעהם טהאן, גינא!

העדוויג (לאזט זיך געהן צו איהם): זאל איך דיר ברייננען די פליט, פאטער?

יאלמאר: ניין, קיין פליט; איך דארף ניט קיין פרייד אויף דער וועלט. (געהט ארום איבער'ן צימער.) יא, מארגען וועל איך זיך ווירקליך נעהמען צו דער ארבייט. אין דעם זאל קיין מאנגעל ניט זיין. איך וועל ארבייטען, אזוי לאנג ווי מיינע קרעפ־טען וועלען מיר דיענען —

גינא: אבער ליעבער, גוטער עקדאל, דאס האב איך דאך איבערהויפט ניט געמיינט.

העדוויג: פאטער, זאל איך פיליכט אריינברייננען א פלאש ביער?

יאלמאר: ניין, גארנישט. איך דארף גארנישט פאר מיר — (בלייבט שטעהן.) ביער? — האסטו גערעדט פון ביער?

העדוויג: יא, פאטער; שעהן, פריש ביער.

יאלמאר: נא, — ווען דו ווילסט ניט אנדערש, קענסטו יעדענפאלס אריינברייננען א פלאש.

גינא: יא, טהו עס; וועלען מיר זיך מאכען היימליך אבי־סעל.

העדוויג לויפט צו דער טיר פון קיך.

יאלמאר (ביים אויווען, האלט זי אויף, קוקט זי אן, נעהמט ארום איהר קאפ און דריקט זי צו צו זיך): העדוויג! העדוויג!

העדוויג (פרעהליך, מיט טרעהרען אין די אויגען): א ליע־בער, ליעבער פאטער!

יאלמאר: ניין, רוף מיך ניט אזוי! אט בין איך געזעסען ביי דעם רייכען מאן'ס טיש און געהאט נור זיך אין זינען, — גע־זעסען און זיך געלאזט וואוילגעהן ביי דעם פולען רייכען טיש! — און איך האב זאגאר ניט געקענט — !

גינא (ביים טיש זיצענדיג): אה, אונזינן, אונזינן, עקדאל!

יאלמאר: ס'איז ניט קיין אונזינן! נאר איהר דארפט ניט

קיין פּאַראיבעל האָבען אויף מיר. איהר ווייסט דאָה, אַז איך האָב אייך זעהר ליעב.

העדוויג (אומאַרמט איהם): און מיר האָבען דיך אַזוי ליעב, אַזוי אונענדליך ליעב, פּאַטער!

יאַלמאַר: און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, איך בין אויפגע־רעגט — גאָט, — פערגעסט ניט, אַז איך בין אַ מאַן, וואָס ווערט פערפלייצט פון אַ ים פון זאָרגען. נאַ! (ווישט זיך אויס די אויגען.) קיין ביער אין אַזאַ מאָמענט. גיב מיר די פלייט.

העדוויג לויפט צו צו דער שאַפע און ברייננגט זי.

יאַלמאַר: אַ דאַנק! דאָס איז גוט. מיט דער פלייט אין דער האַנד און איהר ביידע לעבען מיר — אַה —!

העדוויג זעצט זיך אנידער ביים טיש לעבען גינאַ'ן; יאַלמאַר שפּאַנט אַרויף און אַראָב, טהוט אַ שטאַרקען פייף און שפּיעלט אַ בעהמי־שען פאָלקס־טאַנץ, אָבער אין אַ לאַנגזאַמען, טרויעריגען טעמפּאָ און מיט אַ געפיהלפולען אויסדרוק.

יאַלמאַר (האַקט אָב אין מיטען שפּיעלען, שטרעקט אויס די לינקע האַנד צו גינאַ'ן און זאָגט מיט אַ ריהרענדען טאָן): ווי ענג און אָרים עס איז אונטער אונזער דאַך, גינאַ — ס'איז אָבער דאָך אַ היים. און איך זאָג אייך: דאָ איז מיר גוט!

ער הויבט ווידער אָן שפּיעלען; גלייך נאָכדעם הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער קאָרידאָר־טיר.

גינאַ (שטעהט אויף): שטיל, עקדאַל, — כ'מיין, אימיצער קומט.

יאַלמאַר (לעגט אַוועק די פלייט אויף דער ביכער־שאַפע): וואָס איז שוין ווידער!

גינאַ געהט און עפענט די טיר.

גרעגערס ווערלע (אין קאָרידאָר): ביטע אום פער־צייהונג —

גינאַ (טהוט אַ טראָט צוריק): אַ!

גרעגערס: — וואוינט דאָ ניט דער הערר פאָטאָגראַף עקדאַל?

גינא: יא.

יאלמאר (געהט צו צו דער טיר): גרעגערס? דו ביסט דא? נו, קום נור אריין!

גרעגערס (קומט אריין): איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך וועל אריינקומען צו דיר.

יאלמאר: אבער היינט אבענד —? דו האסט פערלאזען די געזעלשאפט?

גרעגערס: די געזעלשאפט און מיין פאטער'ס הויז. — גוטען אבענד, פרוי עקדאל. איך ווייס ניט, אויב איהר דערקענט מיך?

גינא: א יא; דעם יונגען הערר ווערלע איז נים אזוי שווער צו דערקענען.

גרעגערס: נייז, איך בין עהנליך צו מיין מוטער; און איהר געדענקט איהר דאך נאך געוויס.

יאלמאר: דו ביסט אוועק פון הויז, זאגסטו?

גרעגערס: יא, כ'האב זיך אריינגעצויגען אין א האטעל.

יאלמאר: ווירקליך. נא, אז דו ביסט שוין דא, טהו זשע אויס דעם ראק און זעץ זיך אנידער.

גרעגערס: א דאנק!

טהוט אוים דעם אויבער־ראק. ער איז איבערגעטהאן און טראגט איצט אן איינפאכען גראען אנצוג פון דארפישען שניט.

יאלמאר: קום אהער אויף דער זאפא. מאך זיך בעקוועם.

גרעגערס זעצט זיך אויף דער זאפא, יאלמאר אויף א שטוהל ביים טיש.

גרעגערס (קוקט זיך ארום אין צימער): דא האלטסטו זיך אלזא אויף, יאלמאר. דא וואוינסטו, הייסט עס.

יאלמאר: דאס דא איז די סטודיא, ווי דו זעהסט —

גינא: דא איז געראמער, און דערום זיצען מיר געוועהנ־ליך דא.

יאלמאר: מיר האבען פריהער געהאט א בעסערע וואוי־

נונג; אבער די דא האט איין גרויסע פארטהייל: דא זיינע פאר־האז אויסגעצייכענטע נעבען־פלעצער —

ג י נ א: און דאן האבען מיר אויף דער אנדער זייט קארידאר נאך א צימער, וואס מיר קענען פערדינגען.

ג ר ע ג ע ר ס (צו יאלמאר'ן): אה,—קווארטיראנטען האסטו אויך?

י א ל מ א ר: נייז, נאך ניט. דאס געהט ניט אזוי שנעל. ווייסטו; מען מוז זיי אויפזוכען. (צו העדוויג'ן): וואס הערט זיך וועגען דעם ביער, העדוויג?

העדוויג טהוט א שאקעל מיט'ן קאפ און געהט אריין אין קיך.

ג ר ע ג ע ר ס: ד א ס איז אלזא דיין טאכטער?

י א ל מ א ר: יא, דאס איז העדוויג.

ג ר ע ג ע ר ס: און זי איז אייער איינציג קינד?

י א ל מ א ר: יא, דאס איינציגע. זי איז אונזער העכסטע פרייד אויף דער וועלט, און — (לאזט אראב די שטימע.) אויך אונזער טיעפסטער קומער, גרעגערס.

ג ר ע ג ע ר ס: וואס רעדסטו!

י א ל מ א ר: יא, גרעגערס; ווארים זי איז אין אן ערנסטער געפאהר צו פערלירען איהר אויגענליכט.

ג ר ע ג ע ר ס: בלינד ווערן!

י א ל מ א ר: יא. ביז איצט האבען זיך נור געוויזען די ער־שטע סימפטאמען; און עס קען נאך אוועקגעהן א לאנגע צייט. אבער דער דאקטאר האט עס אונז פאראויסגעזאגט. עס איז ניט צו העלפען.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס איז דאך א שרעקליכעס אונגליק. ווי האט זי דאס געקריגען?

י א ל מ א ר (זיפצט): וואהרשיינליך דורך פערערבונג.

ג ר ע ג ע ר ס (איבערראשט): פערערבונג?

ג י נ א: עקדאל'ס מוטער האט אויך געהאט שוואכע אויגען.

י א ל מ א ר: יא, אזוי זאגט מיין פאטער; איך געדענק דאך איהר שוין ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: ארים קינד! און וואס זאגט זי דערצו?

י א ל מ א ר: אה, דו קענסט זיך דאך פארשטעלען, אז מיר האבען קיין הארץ ניט איהר אזוי וואס צו זאגען. זי האט קיין אה־נונג ניט פון דער געפאהר. פרעהליך און זארגלאז ווי א קליין פוי־געלע פלאטערט זי אריין אין דעם לעבען׳ס אייביגע נאכט. (איבער־ווע־לטיגט.) אה, דאס איז אזוי שרעקליך שווער פאר מיר, גרעגערס.

העדוויג ברייננט אריין א טאץ מיט ביער און גלעזער און שטעלט עס אוועק אויף׳ן טיש.

י א ל מ א ר (גלעט איהר איבער די האר): א דאנק, א דאנק, העדוויג.

העדוויג לעגט איהר ארם ארום זיין האלז און שושקעט איהם עפעס ארין אין אויער.

י א ל מ א ר: ניין, איצט דארף מען ניט קיין ברויט מיט פו־טער. (טהוט א קוק אויף גרעגערס) אדער פיליכט וויל גרעגערס א ביס טהאן?

ג ר ע ג ע ר ס (גיט א מאך מיט דער האנד): ניין, ניין, א דאנק.

י א ל מ א ר (נאך אלץ אומעטיג): נא, קענסט יעדענפאלס אריינברייננען עטליכע שטיקלאך. ווען דו האסט אן אקרייטשיק איז נאך בעסער. און זשאלעווע אקארשט ניט קיין פוטער.

העדוויג שאקעלט צופריעדען מיט׳ן קאפ און געהט ווידער ארויס אין קיך.

ג ר ע ג ע ר ס (וועלכער האט אויף איהר געקוקט): אזוי זעהט זי, דוכט זיך, אויס גאנץ פריש און געזונד.

ג י נ א: אזוי פעהלט איהר, גאט צו דאנקען, גארנישט.

ג ר ע ג ע ר ס: זי וועט מיט דער צייט געווים ווערן עהנליך צו אייך, פרוי עקדאל. ווי אלט איז זי דען איצט?

ג י נ א: העדוויג איז געווי פערצעהן יאהר אלט; איבער־מארגען איז איהר געבורטסטאג.

ג ר ע ג ע ר ס: דאן איז זי צימליך גרויס פאר איהר עלטער.

גינא: יא, לעצטעס יאהר האט זי א שטארקען וואקס גע־טהאן.

גרעגערס: קוקענדיג אויף די, וועלכע וואקסען אויף, זעהט מען אם בעסטען ווי אלט מען ווערט אליין. — ווי לאנג איז שוין, אז איהר זייט פערהייראט?

גינא: מיר זיינען שוין פערהייראט — יא, שוין באלד פופ־צעהן יאהר.

גרעגערס: זעהט נור, שוין אזוי לאנג!

גינא (ווערט אויפמערקזאם, קוקט איהם אן): יא, ווירקליך, אזוי איז עס.

יאלמאר: יא, געוויס. עס פעהלען א פאר מאנאטען צו פופצעהן יאהר. (ביים דעם טאן.) דיר האט די צייט געמוזט אויסזעהן זעהר לאנג דארט אויבען אויף דער פאבריק, גרעגערס.

גרעגערס: יא, זי האט מיר אויסגעזעהן לאנג, כל זמן איך האב זי דורכגעלעבט; איצט ווייס איך קוים, וואו די צייט איז אהינגעקומען.

דער אלטער עקדאל קומט ארויין פון זיין צימער אהן זיין פיפקע, אבער מיט זיין אלטער מיליטער־מיץ אויף'ן קאפ; זיין גאנג איז אביסעל אונזיכער.

עקדאל: נא, יאלמאר, איצט קענען מיר זיך אנידערזעצען און ריידען וועגען — הם — וואס איז שוין דא ווידער?

יאלמאר (געהט איהם אנטקעגען): פאטער, אימיצער איז דא. גרעגערס ווערלע.— כ'ווייס ניט, אויב דו געדיינקסט איהם נאך.

עקדאל (קוקט אן גרעגערס'ן, וועלכער איז אויפגעשטאנען): ווערלע? איז דאס דער זוהן? וואס וויל ער פון מיר?

יאלמאר: גארנישט. ער קומט צו מיר אויף בעזוך.

עקדאל: נא, דאן איז אלזא קיין בעזונדערעס ניט געשעהן?

יאלמאר: ניין, ניין, גארנישט ניט.

עקדאל (טהוט א מאך מיט די ארעמס): ניט דערפאר ווייל איך האב מורא, ווייסטו, נאר —

ג ר ע ג ע ר ס (געהט צו צו איהם): כ'האב אייך נור געוואָלט אבגעבען א גרוס פון די אַלטע יאַגד־פּלעצער, הערר לייטענאַנט.

ע ק ד א ל: יאַגד־פּלעצער?

ג ר ע ג ע ר ס: יאַ, דאָרט אויבען אין האַידאַל, אַרום דער פאַבריק.

ע ק ד א ל: אַה, דאָרט אויבען. יאַ, דאָרט בין איך אַמאָל געווען גוט בעקאַנט.

ג ר ע ג ע ר ס: דאַמאָלסט זייט איהר געווען אַ געוואַלטיגער יעגער.

ע ק ד א ל: כ'בין עס געווען. יאַ. ס'קען שוין זיין, יאַ. איהר קוקט אויף מיין מיליטער־מיץ. איך פרעג ביי קיינעם ניט, אויב איך מעג זי טראָגען דאַ אין הויז. אַזוי לאַנג איך געה ניט אַרוים דערמיט אין די גאַסען —

העדוויג ברייננט אַריין אַ טעלער פּוטער־ברויט און שטעלט עס אוועק אויף'ן טיש.

י א ל מ א ר: נו, זעץ זיך, פאָטער, און טרינק אַ גלאָז ביער. זיי אַזוי גוט, גרעגערס.

עקדאל מורמעלט עפּעס און געהט מיט וואַקעלדיגע טריט אַריבער צו דער זאָפא. גרעגערס זעצט זיך אויף'ן שטוהל לעבען איהם. יאַלמאַר אויף דער אַנדער זייט פון גרעגערס. גינאַ זיצט אַביסעל אַבגערוקט פון טיש און נעהט; העדוויג שטעהט לעבען איהר פאָטער.

ג ר ע ג ע ר ס: געדיינקט איהר נאָך, הערר לייטענאַנט, ווי יאַלמאַר און איך פלעגען אַרויפקומען אויבען צו אייך אויף בעזוך אין זומער און צו ווייהנאַכטען?

ע ק ד א ל: איהר זייט דאָס געווען? ניין, ניין, ניין, — כ'הויב ניט אָן צו געדיינקען. אַבער דאָס מעג איך זאָגען, כ'בין געווען אַ שאַרפער יעגער. כ'האָב אויך בערען געשאָסען. גאַנצע ניין שטיק האָב איך געשאָסען.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אָן מיט מיטגעפיהל): און איצט געהט איהר גאָר קיינמאָל ניט אויף די יאַגד?

ע ק ד א ל: אַ, דאָס קען איך ניט זאָגען, מיין ליעבער. ווען

ניט ווען געה איך שוין אויף די יאגד. פערשטעהט זיך, ניט ווי אמאל. ווארים דער וואלד, זעהט איהר, — דער וואלד, דער וואלד — ! (טרינקט) וואס מאכט דער וואלד? איז ער שעהן?

ג ר ע נ ג ע ר ס: ניט אזוי פיין ווי אין אייער צייט. ער איז זעהר שיטער געווארען.

ע ק ד א ל: שיטער? (שטילער, און אזוי ווי ער וואלט זיך געשראָקען.) דאס איז א געפעהרליכע זאך. דערפון קומט קיין גוטס ניט ארויס. דער וואלד איז זיך נוקם.

י א ל מ א ר (פילט אָן זיין גלאָז): ביטע שעהן — נאך אבי־סעל, פאטער.

ג ר ע נ ג ע ר ס: ווי קען א מאן ווי איהר — אזא מאן פון דער פרייער לופט — לעבען אין א פערראויכערטער שטאדט, צווישען פיער ווענד?

ע ק ד א ל (לאַכט שנעל און קוקט אריבער צו יאַלמאר'ן): אה, דאָ איז ניט אזוי שלעכט, גאר ניט אזוי שלעכט.

ג ר ע נ ג ע ר ס: אבער וואו קענט איהר דאָ געפינען דאס אלעס, מיט וואס אייער הארץ איז אזוי צוזאמענגעוואקסען? די פרישע, דערקוויקענדע לופט, דאס פרייע לעבען אין וואלד און אויף די בערג, צווישען טהיערען און פויגלען — ?

ע ק ד א ל (שמייכעלט): יאלמאר, זאלען מיר עס איהם ווייזען?

י א ל מ א ר (שנעל און אביסעל אין פערלעגענהייט): אַ, ניין פאטער; ניט היינט אבענד.

ג ר ע נ ג ע ר ס: וואס וויל ער מיר ווייזען?

י א ל מ א ר: אה, ס'איז נור אזוי עפעס — דו קענסט עס אן אנדערס מאל זעהן.

ג ר ע נ ג ע ר ס (זעצט פאָרט, זיך ווענדענדיג צום אלטען): זעהט איהר, הערר לייטענאנט, איך האב געדיינקט, אז איהר וואלט איצט געדארפט מיטקומען מיט מיר ארויף אין דער פאבריק, ווארים איך פאהר דאך באלד צוריק. איהר קענט דארט אויך קריגען וואס צו טהאָן, אביסעל שרייב־ארבייט. דאָ האט איהר דאך אבכאָלוט גאר־

נישט אויף דער וועלט, וואס זאל אייך דערפרעהען און דערקוויקען.

ע ק ד א ל (קוקט איהם אן ערשטוינט): א י ך האב גארנישט אויף דער וועלט, וואס — ?

ג ר ע ג ע ר ס: נו יא, איהר האט יאלמאר'ן; אבער דער האט דאך ווידער זיין פאמיליע. און א מאן ווי איהר, וואס האט זיך שטענדיג געפיהלט צוגעצווינגען צו דעם, וואס איז פריי און ווילד —

ע ק ד א ל (טהוט א קלאפ אויף'ן טיש): יאלמאר, ער מ ו ז עס זעהן!

י א ל מ א ר: פאטער, לאז געמאך — צו וואס טויג עס איצט? ס'איז דאך פינסטער.

ע ק ד א ל: אונזינן! די לבנה שיינט דאך. (שטעהט אויף.) ער מ ו ז זעהן, זאג איך. לאז מיך דורך. קום און העלף מיר, יאלמאר.

ה ע ד ו ו י ג: א יא, טהו עס, פאטער!

י א ל מ א ר (הויבט זיך אויף): נא, פון מיינעטוועגען.

ג ר ע ג ע ר ס (צו גינא'ן): וואס האט ער דארט?

ג י נ א: א, מיינט נור ניט, אז דאס איז עפעס בעזונדערס.

עקדאל און יאלמאר זיינען צוגעגאנגען צו דער הינטערשטער וואנד און יעדער פון זיי רוקט אוועק אן א זייט איין העלפט פון דער טיר; העדוויג העלפט דעם אלטען; גרעגערס בלייבט שטעהן ביי דער זאפא; גינא זיצט אויף אן ארט און נעהט. דורך די אפענע טיר זעהט מען א גרויסען, לאנג־געשטרעקטען בוידים פון אונרעגעלמעסיגער געשטאלט מיט ווינקלען און א פאר קוימענס, וואס קומען ארויף פון אונטען. דורך עטליכע דאך־פענסטער פאלט דאס קלארע ליכט פון דער לבנה אויף איינצעלנע טיילען פונ'ם גרויסען בוידים; אנדערע ליגען אין טיעפען שאטען.

ע ק ד א ל (צו גרעגערס): איהר קענט צוקומען נעהענטער, אויב איהר ווילט.

ג ר ע ג ע ר ס (געהט צו צו זיי): וואס איז דאס דען אויי געגנטליך?

ע ק ד א ל: איהר קענט דאך א קוק טהאן. הם.

י א ל מ א ר (אביסעל אין פערלעגענהייט): דאס געהערט דעם פאטער, פערשטעהסטו מיך.

ג ר ע ג ע ר ס (ביי דער טיר, קוקט אריין אין בוידים): איהר האלט דאך היהנער, הערר לייטענאנט.

ע ק ד א ל: כ׳מיין עפעס, אז מיר האלטען היהנער. זיי זיינען איצט ארויפגעפליגען אויף דער שטאנג. אבער איהר זאלט אקארשט אנקוקען די היהנער בייטאג!

ה ע ד ו ו י ג: און דאן איז אויך דא —

ע ק ד א ל: ש—ש! זאג עס נאך ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: און טויבען האט איהר אויך, ווי איך זעה.

ע ק ד א ל: א יא, עס ווייזט אויס, אז מיר האבען אויך טויבען. זיי האבען זייערע נעסט-קעסטלאך דארט אויבען אונטער׳ן דאך-ווינקעל; ווארים די טויבען, פערשטעהט איהר מיך, האבען ליעב צו זיצען אין דער הויך.

י א ל מ א ר: דאס זיינען ניט אזוי געוועהנליכע טויבען.

ע ק ד א ל: געוועהנליכע! נו, כ׳מיין עפעס אז ניט! מיר האבען טולמער; און א פאר קראפפ-טויבען האבען מיר אויך. אבער קומט אקארשט אהער! זעהט איהר דעם קאסטען דארט הינטען ביי דער וואנד?

ג ר ע ג ע ר ס: יא; צו וואס נוצט איהר דאס?

ע ק ד א ל: דא ליעגען די קראליקעס ביינאכט, מיין ליעבער.

ג ר ע ג ע ר ס: זעה נאר! קראליקעס האט איהר אויך?

ע ק ד א ל: יא, צום טייוועל! איהר קענט דאך אליין אויך פערשטעהן, אז מיר האבען קראליקעס! דו, יאלמאר, ער פרעגט, צי מיר האבען קראליקעס! הם! אבער איצט קומט דער עיקר, דאס ריכטיגע, מוז איך אייך זאגען. א י צ ט קומט עס! געה אוועק, העדוויג. שטעלט זיך דא; אט אזוי, — און איצט קוקט דארט ארונטער. — זעהט איהר דארט ניט א קארב מיט שטרוי?

ג ר ע ג ע ר ס: יא. און איך זעה, א פויגעל ליעגט אין קארב.

ע ק ד א ל: הם! — „א פויגעל“ —

ג ר ע ג ע ר ס: איז דאס ניט אן ענטע?

עקדאל (פערלעצט): נאטירליך אז ענטע.

יאלמאר: אבער וואס פאר אן ענטע, דיינקסטו?

העדוויג: ס'איז ניט קיין געוועהנליכע ענטע.

עקדאל: שש!

גרעגערס: און קיין טערקישע ענטע איז עס אויך ניט.

עקדאל: נייז, הערר — ווערלע, ס'איז ניט קיין טערקישע ענטע; ווארים דאס איז א ווילד־ענטע.

גרעגערס: ווירקליך? א ווילד־ענטע?

עקדאל: יא, יא, דאס איז עס. דער „פויגעל", ווי איהר האט געזאגט, — דאס איז די ווילד־ענטע. אונזער ווילדע ענטע, מיין ליעבער.

העדוויג: מיין ווילד־ענטע. ווארים זי געהערט מיר.

גרעגערס: און זי קען לעבען דא אויבען אויף'ן בוידים? און דא געדייהען?

עקדאל: נאטירליך האט זי א קארטע מיט וואסער, וואו זי קען זיך ארומפליושקען.

יאלמאר: זי קריגט פריש וואסער א טאג איבער א טאג.

גינא (זיך ווענדענדיג צו יאלמאר'ן): אבער ליעבער עקדאל, עס ווערט דאך דא אייז־קאלט.

עקדאל: הם — ווילען מיר בעסער צומאכען. ס'טויג טאקע ניט, זיי צו שטערען אין זייער נאכט־רוה. נעהם אז, העדוויג.

יאלמאר און העדוויג רוקען צו די טיר פון בוידים.

עקדאל: אז אנדערס מאל וועט איהר זי קענען זעהן ווי געהעריג איז, (זעצט זיך אין לעהן־שטוהל ביים אויוון.) א, די ווילר־ענטען זיינען זעהר מערקווירדיג, קען איך אייך זאגען.

גרעגערס: אבער ווי אזוי האט איהר זי געפאנגען, הערר ליטענאנט?

עקדאל: כ'האב ניט געפאנגען. דא איז שטאדט איז פאר־האן א געוויסער מאן, וועמען מיר האבען זי צו פערדאנקען.

גרעגערס (אביסעל איבערראשט): דער מאן איז דאך נישט אקארשט מיין פאטער?

עקדאל: יא, כ׳לעבן. אייער פאטער און ניט קיין אנדערער. הם.

יאלמאר: ס׳איז דאך קאמיש, גרעגערס, ווי דו האסט דאס געטראפען.

גרעגערס: דו האסט דאך מיר פריהער דערצעהלט, אז דו האסט מיין פאטער אלעם מעגליכע צו פערדאנקען; האב איך גערעכענט, פיללייכט —

גינא: אבער מיר האבען דאך די ענטע ניט געקריגען פון הערר ווערלע אליין —

עקדאל: דאך האבען מיר זי האקען ווערלע צו פערדאנקען, גינא. (צו גרעגערס.) ער איז ארויסגעפאהרען אויף זיין שיפעל, און דארט האט ער געשאסען אויף איהר. אבער אייער פאטער האט דאך אזעלכע שוואכע אויגען. הם — איז זי נור פערוואונדעט געווארען.

גרעגערס: נו יא; האט געמוזט קריגען א פאר שראטשטיקלאך אין לייב.

יאלמאר: יא, פיללייכט צוויי אדער דריי שטיקלאך.

העדוויג: זי האט זיי געקריגען פונקט אונטער׳ן פליגעל און דערפאר האט זי ניט געקענט פליהען.

גרעגערס: איז זי, הייסט עס, אריינגעפאלען אין וואסער?

עקדאל (שלעפעריג מיט א שווערער צונג): נו נאטירליך. טהוען אימער אזוי — די ווילד־ענטען. לאזען זיך אראב אויף׳ן גרונד, — אזוי טיעף ווי זיי קענען נור דערלאנגען, מיין ליעבער; בייסען זיך פעסט איין אין ים־גראז און אין דעם גאנצען טייוועלסצייג, וואס געפינט זיך דארט אונטען. און זיי קומען קיינמאל צוריק ניט ארויף.

גרעגערס: אבער אייער ווילד־ענטע איז דאך יא ארויפגעקומען צוריק, הער לייטענאנט.

עקדאל: ער האט געהאט אזא וואונדערבאר שארפען הונד,

דער פאטער אייערער. — און אט דער הונד — ער האט זיך אונטער־געטונקט און צוריק ארויפגעבראכט די ענטע.

גרעגערס (צו יאלמאר'ן): און דאן האט מען זי אייך צו־געשיקט אהער?

יאלמאר: ניט גלייך; צוערשט האט מען זי געבראכט צו דיין פאטער אין הויז; אבער דארט האט זי ניט געקענט געדייהען; און פעטערסען האט געקריגען א בעפעהל צו מאכען א סוף מיט איהר.

עקדאל (האלב אין שלאף): הם — יא, פעטערסען — דער עזעלקאפ —

יאלמאר (רעדט שטילער): אזוי, זעהסטו, האבען מיר זי בעקומען; דער פאטער איז אביסעל בעקאנט מיט פעטערסען; און הערענדיג די געשיכטע מיט דער ווילד־ענטע, האט ער אויס־געווירקט, אז מען זאל זי איהם איבערגעבען.

גרעגערס: און אט דא אויף'ן בוידים, הייסט עס, געדייהט זי גרויסארטיג?

יאלמאר: יא, נאך ווי גוט! זי איז פעט געווארען. נו, זי איז דאך שוין אזוי לאנג דא אינעווייניג, אז זי האט שוין פערגע־סען דאס אלטע נאטירליכע ווילדע לעבען איהרס. און דאס איז דאך די הויפט־זאך.

גרעגערס: דאס ביסטו געוויס גערעכט, יאלמאר. גיב אקארשט גוט אכטונג, זי זאל קיינמאל ניט קריגען צו זעהן קיין ים און קיין הימעל —. אבער כ'מיין, ס'איז צייט, איך זאל געהן; דיין פאטער שלאפט שוין.

יאלמאר: א, צוליעב דעם —

גרעגערס: יא, ריכטיג — דו האסט געזאגט, אז דו האסט א צימער צו פערדינגען, — א ליידיג צימער?

יאלמאר: יא; וואס איז דען? דו ווייסט פיליכט אי־מיצען —?

גרעגערס: קען איך קריגען דאס צימער?

יאלמאר: דו?

ג י נ א: א נייז, הערר װערלע, א י ה ר —

ג ר ע ג ע ר ס: קען איך האבען דאס צימער? דאן צית איך גלייך מארגען אריין.

י א ל מ א ר: מיט'ן גרעסטען פערגניגען —

ג י נ א: אבער הער װערלע, דאס איז אבסאלוט ניט קיין צי־מער פאר א י י ך.

י א ל מ א ר: אבער גינא, װי קענסטו דאס זאגען?

ג י נ א: נו, װייל דאס צימער איז ניט גרוים גענוג און ניט ליכטיג גענוג, און —

ג ר ע ג ע ר ס: דאס מאכט גאר ניט אוים, פרוי עקדאל.

י א ל מ א ר: איך מיין, עס איז א גאנץ שעהן צימער, און גאר ניט אזוי שלעכט מעמבלירט.

ג י נ א: אבער דו פערגעסט די צװיי װאס װאוינען אונטען.

ג ר ע ג ע ר ס: װאס זיינען זיי דען פאר'ע מענשען?

ג י נ א: אך, איינער איז געװען א הויז־לעהרער —

י א ל מ א ר: א געװיסער קאנדידאט מאלװיק.

ג י נ א: — און דאן א דאקטאר, מיט'ן נאמען רעללינג.

ג ר ע ג ע ר ס: רעללינג? דעם קען איך אביסעל; ער האט א צייט לאנג פראקטיצירט אויבען אין האידאל.

ג י נ א: דאס זיינען א פאר ריכטיגע לעבע־יונגען. אין אבענד געהען זיי אפט ארוים בומלען, און קומען זעהר שפעט ביי־נאכט אהיים, און דאן זיינען זיי ניט אימער אזוי —

ג ר ע ג ע ר ס: צו אזעלכע זאכען געװאוינט מען זיך באלד צו. איך האף, עס װעט מיר געהן, װי דער װילד־ענטע —

ג י נ א: הם, איך מיין, עס װאלט ניט געשאדט, איהר זאלט זיך איבער נאכט בעדיינקען.

ג ר ע ג ע ר ס: איהר זייט, װייזט אוים, ניט זעהר גערן מיך צו האבען ביי אייך אין הויז, פרוי עקדאל?

ג י נ א: אך גאט, װי פאלט אייך איין אזוי װאס?

י א ל מ א ר: יא, כ'איז װירקליך זאנדערבאר פון דיר, גינא.

(צו גרעגערס:) אבער זאג מיר, דו רעכענסט אלזא דערווייל בלייבען אין שטאדט?

ג ר ע ג ע ר ס (טהוט זיך אן דעם אויבער־ראק): יא, איצט דענק איך צו בלייבען דא.

י א ל מ א ר: אבער ניט ביי דיין פאטער אין הויז? וואס דיינקסטו איצט צו טהאן?

ג ר ע ג ע ר ס: יא, הערסטו, ווען איך וואלט ד א ס געוואוסט — דאן וואלט מיר גאר ניט געווען אזוי שלעכט. אבער אז מען האט דעם שלים־מזל צו הייסען גרעגערס —! „גרעגערס" — און נאך „ווערלע" אויך דערצו; האסטו ווען געהערט אזוי וואס העסליכעם?

י א ל מ א ר: אך, איך זעה ניט איין פארוואס.

ג ר ע ג ע ר ס: עה! פוי! איך פיהל, אז איך וואלט געקענט דעם קערל, וואס הייסט אזוי, איינפאך א שפיי טהאן אין געזיכט. אבער אז מען האט פארט דאס אונגליק צו זיין גרעגערס — ווערלע דא אויף דער וועלט, ווי איך —

י א ל מ א ר (לאכט): הא הא! ווען דו וואלסט ניט געווען גרעגערס ווערלע, וואס וואלסטו א שטייגער געוואלט זיין?

ג ר ע ג ע ר ס: ווען עס ווענדט זיך אין מיר, וואלט איך אם ליעבסטען געוואלט זיין א פלינקער הונד.

ג י נ א: א הונד!

ה ע ד ו ו י ג (ניט ווילענדיג): אך ניין!

ג ר ע ג ע ר ס: יא, א זעלטען פלינקער הונד; אזא, וואס לאזט זיך אראב אויף'ן גרונד נאך ווילד־ענטען, ווען זיי טונקען זיך אונטער און בייסען זיך פעסט איין אין די ים־גראזען דארט אונטען אין שליים.

י א ל מ א ר: ווייסטו וואס, גרעגערס, — איך הויב ניט אן פערשטעהן, וואס דו ווילסט זאגען דערמיט.

ג ר ע ג ע ר ס: אך, עס ליעגט גאר ניט קיין בעזונדערעס דעריין. אלזא מארגען אין דער פריה — ציה איך אריין. (צו גינא'ן): קיין פיעל ארבייט וועט איהר מיט מיר ניט האבען; איך

טהו אַלעם אַליין. (צו יאַלמאַר'ן): וועגען דאָס איבעריגע וועלען מיר ריידען מאָרגען. — גוטע נאַכט, פרוי עקדאַל. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו העדוויג'ן.) גוטע נאַכט.

גינאַ: גוטע נאַכט, הערר ווערלע!

העדוויג: גוטע נאַכט!

יאַלמאַר (ווערלעער האָט אָנגעצונדען א ליכט): ווארט א ווײַלע, איך וועל דיר צולייכטען; ס'איז געוויס פינסטער אויף די טרעפּ.

גרעגערס און יאַלמאַר געהען ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.

גינאַ (קוקט אזוי פאר זיך, דאָס נעה־צייג אין שויס): וואָס פאר א מאָדנע רייד, אז ער וואָלט גערן געוואָלט זיין א הונד!

העדוויג: כ'וויל דיר וואָס זאָגען, מוטער — איך גלויב, אז ער האָט געמיינט עפּעס אנדערש דערמיט.

גינאַ: וואָס האָט ער דען געקענט מיינען?

העדוויג: דאָס וויים איך ניט; נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער האָט איבערהויפּט געמיינט עפּעס אנדערש איידער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט — די גאַנצע צייט.

גינאַ: מיינסטו אזוי? יאָ, ס'איז געווען מאָדנע.

יאַלמאַר (קומט צוריק): דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט. (לעשט אויס דאָס ליכט און שטעלט עס אוועק.) נאָ, ענדליך קען מען עפּעס נעהמען אין מויל. (הויבט אָן עסען ברויט מיט פּוטער.) נאָ, זעהסטו, גינאָ, אז מען האַלט נור אָפּען די אויגען, דאַן —

גינאַ: וואָס הייסט, מען האַלט אָפּען די אויגען — ?

יאַלמאַר: יאָ, איז עס דען ניט א גליק, וואָס מיר האָבען ענדליך פערדונגען דאָס צימער? און בערעכען נור, — צו א מענשען ווי גרעגערס — אַן אַלטען, גוטען פריינד.

גינאַ: יאָ, איך — איך וויים ניט, וואָס איך זאָל זאָגען דערצו.

העדוויג: אך מוטער, דו וועסט זעהן; ס'וועט זיין אזוי פרעהליך!

יאַלמאַר: דו ביסט אויך מאָדנע. אפריהער איז דיר איינ־

פאר געגאנגענע איז לעבען צו פערדינגען דאס צימער; און איצט ווילסטו עס ניט.

גינא: יא, עקדאל, — ווען עס וואלט נור געווען אן אנדער — אבער וואס, מיינסטו, וועט דער אלטער ווערלע זאגען דערצו?

יאלמאר: דער אלטער ווערלע? וואס געהט דאס איהם אן?

גינא: אבער דו קענסט זיך דאך פארשטעלען, אז עפעס האט דאך ווידער געמוזט פארקומען צווישען זיי; זאנסט וואלט דאך דער יונגער ניט אוועק פון הויז. דו ווייסט דאך, ווי די ביידע פערהאלטען זיך איינער צום אנדערן.

יאלמאר: יא, ס'קען זיין, אבער —

גינא: נו, קען נאך דער אלטער דיינקען, אז דאס שטעקט דיין קאפ דערביי —

יאלמאר: זאל ער דיינקען, וואס ער וויל! דער אלטער ווערלע האט זעהר פיעל געטהאן פאר מיר. מיין גאט, — דאס לייקען איך גאר ניט. אבער דערפאר קען איך זיך דאך ניט אויף אייביג מאכען אבהענגיג פון איהם.

גינא: אבער, ליעבער עקדאל, עס קען זיך מאכען, אז דער אלטער זיידע זאל ליידען דערפון; פיליכט וועט ער נאך דורך דעם פערלירען דאס קליינע ביסעלע פערדיענסט, וואס ער האט ביי גראבערג'ן.

יאלמאר: עס ווילט זיך מיר כמעט זאגען: ווען עס האלט שוין דערביי! איז עס ניט ערנידריגענד פאר א מאן ווי איך צו זעהן, ווי זיין גרייז־גראער פאטער ווערט בעהאנדעלט אזוי ווי אן ארויסגעשטויסענער? אבער איך מיין, די צייט איז באלד דערביי. (נעהמט נאך א שטיק ברויט מיט פוטער.) האב איך אן אויפגאבע אין לעבען, דאן וועל איך זי אויך דורכפיהרען!

העדוויג: אך יא, פאטער! טהו עס!

גינא: שש! וועק איהם ניט אויף!

יאלמאר (שטילער): איך וועל זי דורכפיהרען, זאג

איך. עס וועט אמאל קומען דער טאג, ווען — און דערפאר איז גוט, וואס מיר האבען פערדונגען דאס צימער; ווארים דאס מאכט מיך אונאבהענגיגער. און דאס מ ו ז דער מאן, וואס האט אז אויפגאבע אין לעבען. (צום לעהן־שטוהל, מיט א ריהרענדע שטימע): ארעמער, אלטער, גרייז־גראער פאטער! — פערלאז זיך נור אויף דיין יאלמאר.—ער האט ברייטע פלייצעס;—שטארקע פלייצעס יע־דענפאלס. — אין א שעהנעם טאג וועסטו זיך אויפכאפען און — (צו גינא'ן): דו גלויבסט עס פיליכט ניט?

ג י נ א (הויבט זיך אויף): יא, געווים; אבער דערוויילע לאמיר זעהן, ווי מיר זאלען איהם אריינברייגגען אין בעט.

י א ל מ א ר: יא, לאמיר עס טהאן.

זיי נעהמען פארזיכטיג אן דעם אלטען.

דריטער אקט.

יאַלמאַר עקדאַל'ס סטודיאָ. אין דער פריה; דאָס טאָג־ליכט קומט אַריין דורכ'ן גרויסען פענסטער פון דעם משופּע'דיגען דאַך; דער פאָהר־האַנג איז פערצויגען אַן אַ זייט.

יאַלמאַר זיצט ביים טיש און רעטושירט אַ פאָטאָגראַפּיע; מעהרערע אַנדערע בילדער ליעגען פאר זיינע אויגען. גלייך נאָכדעם קומט אַריין גינאַ אין הוט און מאַנטעל דורך די קאָרידאָר־טיר; זי טראָגט אויף'ן אָרם אַ פערדעקטען קאָרב.

יאַלמאַר: ביסט שוין דאָ צוריק, גינאַ?

גינאַ: אַ יאָ, מען מוז זיך צואיילען. (שטעלט אַוועק דעם קאָרב אויף אַ שטוהל און טוט זיך אויס).

יאַלמאַר: ביסטו געווען אינעווייניג ביי גרעגערס?

גינאַ: יאָ, כ'בין געווען. עס זעהט דאָרט אויס גרויסאַרטיג. קען איך דיר זאָגען. ווי ער איז נור געקומען האָט ער שוין געמאַכט אַ גאַנצע קאַשע ביי זיך אין צימער.

יאַלמאַר: וואָס הייסט?

גינאַ: ער האָט דאָך געוואָלט אַליין טאָן אַלצדינג, אַזוי האָט ער געזאָגט. נו, האָט ער אויך געוואָלט אַליין איינהייצען און האָט צוגעמאַכט די קלאַפּע פון אויווען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע צימער איז פול מיט רויך. אוף! דאָס איז אַביסעל געווען אַ געשטאַנק, צום —

יאַלמאַר: ניט מעגליך!

גינאַ: אָבער דאָס שענסטע קומט נאָך. נו, ווילט זיך איהם פערלעשען דאָס פייער, און ער גיסט אַריין דאָס גאַנצע וואַש־וואַסער אין אויווען, אַזוי אַז די גאַנצע פּאָדלאָגע שווימט אין בלאָטע.

יאַלמאַר: דאָס איז דאָך אַ פערדרוס.

גינא: כ'האב גלייך ארויסגערופען דעם הויז־דיענער'ס פרוי און איהר געהייסען רייז מאכען ביי דעם חזיר'ל; אבער ביז נאכ־מיטאג וועט מען היינט דארט ניט קענען אריינגעהן.

יאלמאר: וואס זשע טוט ער דערווייל?

גינא: ער האט געזאגט, אז ער געהט ארויס אביסעל אין גאס.

יאלמאר: איך בין אויך אויף א ווײַלע אריין צו איהם, — נאכדעם ווי דו ביסט אוועק.

גינא: כ'האב געהערט. דו האסט דאך איהם איינגעלאדען צום פריהשטיק.

יאלמאר: נור אזוי, א גאנץ קליינער אנבייסען, פער־שטעהסטו. ס'איז דאך דער ערשטער טאג — ; מיר קענען זיך דאך ניט העלפען. דו האסט דאך געוויס וואס עס איז אין הויז.

גינא: איך וועל שוין מוזען זעהן געפינען עפעס.

יאלמאר: אבער עס זאל נור ניט זיין צו ווייניג, ווייל איך מיין, רעללינג און מאלוויק קומען אויך ארויף. כ'האב גראד אנגע־טראפען רעללינג'ן אויף די טרעפ, פערשטעהסטו מיר, און איך האב דאך געמוזט — —

גינא: וואס? זיי ביידען אויך?

יאלמאר: מיין גאט — א פאר מעהר אדער ווייניגער, דאס מאכט דאך גארנישט אוים.

דער אלטער עקדאל (עפענט זיין טיר און קוקט אריין): הער אקארשט, דו, יאלמאר — (דערזעהט גינא'ן) א!

גינא: איהר ווילט וואס, זיידע?

עקדאל: אך ניין; שוין גוט. הם! (געהט אריין צוריק).

גינא (נעהמט דעם קארב): גיב אקארשט גוט אכטונג אויף איהם, ער זאל ניט ארויסגעהן.

יאלמאר: יא, יא, כ'וועל עס טאן. — דו, גינא, אביסעלע הערינג־סאלאד וואלט געווען אויסגעצייכענט גוט; רעללינג און מאלוויק האבען די נאכט שוין ווידער ארומגעבומעלט.

גינא: ווען זיי זאלען מיר נור ניט אנקומען, איידער איך בין פארטיג —

יאלמאר: נייז, געווים ניט; נעהם זיך נור צייט.

גינא: אך יא; און דערווייל קענסטו דאך נאך ארבייטען אביסעל.

יאלמאר: איך זיץ דאך און ארבייט! איך ארבייט דאך אזוי שווער, ווי איך קען נאר!

גינא: דאן וועסטו דאך זיין פריי דערפון. (זי געהט ארויס מיט'ן קארב אין קיך).

יאלמאר זיצט א ווײלע און פענזעלט אויף די פאטאגראפיע, נאר אבגעלאזען און אהן חשק.

עקדאל (שטעקט אריין דעם קאפ דורך די טיר, קוקט זיך אום אין סטודיא און זאגט שטילערהייט): דו, האכט וואס צו טאן?

יאלמאר: יא, איך זיץ און פלאג זיך ביי די בילדער דא —

עקדאל: יא, יא, נאטירליך, — אז דו האסט אזוי פיעל צו טהאן, דאן — הם! (געהט ארויס, די טיר בלייבט אפען).

יאלמאר (ארבייט א רגע ווייטער, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט; דאן לייגט ער אוועק דעם פענזעל און געהט צו צו דער טיר): האסט דו צו טאן, פאטער?

עקדאל (ברומט פון אינעווייניג): אז דו האסט צו טאן, האב איך אויך צו טאן! הם!

יאלמאר: נו יא, יא. (געהט צוריק צו זיין ארבייט).

עקדאל (קומט גלייך נאכדעם ווידער צו צו דער טיר): הם; ווייסטו, יאלמאר, אזוי שטארק צו טאן האב איך גראד ניט.

יאלמאר: כ'האב געמיינט, דו זיצט און שרייבסט.

עקדאל: צום טייוועל! קען גראבערג ניט ווארטען א טאג אדער צוויי? ס'געהט דאך ניט אין לעבען, אזוי ווייט ווי איך ווייס.

יאלמאר: נייז, און דו ביסט דאך ניט קיין שקלאף.

עקדאל: און דאן די אנדער געשיכטע דארט אינעווייניג —

יאלמאר: נאטירליך, יא. דו ווילסט פילייכט אריינגעהן? זאל איך דיר אויפמאכען?

עקדאל: דאס וואלט גאר ניט שלעכט געווען.

יאלמאר (הויבט זיך אויף): דאן וואלטען מיר דערפון לויז געווארען.

עקדאל: יא, ריכטיג. ס'מוז דאך זיין פארטיג ביז מארגען אין דער פריה. עס איז דאך מארגען? הם?

יאלמאר: יא, געווים איז עס מארגען.

יאלמאר און עקדאל רוקען אב יעדער איינער זיין העלפט פון דער פליגעל־טיר אן א זייט. די מארגען־זונען שיינט אריין דורך די דאך־פענסטער; עטליכע טויבען פליהען ארום הין און הער; אנדערע זיצען און גירען אויף די שטאנגען; וויימער אריין אויף'ן בוידים הערט מען ווען גיט ווען, ווי די היהנער קוואקטשען.

יאלמאר: נו, געה דאך אריין, פאטער.

עקדאל (געהט אריין): און דו? קומסט ניט מיט?

יאלמאר: יא, ווייסטו וואס, — איך מיין — (דערזעהט גינא'ן ביי דער טיר פון קיך) איך? ניין; איך האב קיין צייט ניט; איך מוז ארבייטען. — אבער דער מעכאניזם איז דאך —

ער טוט א ציה א שנירעל; פון אינעווייניג לאזט זיך אראב א פאר־האנג. דער אונטערשטער טייל זיינער בעשטעהט פון א פאס אלטען זעגעל־טוך; דער אויבערשטער טייל איז געמאכט פון א שטיק אנגעצויגענעם פישער־נעץ. די פאדלאגע פון'ם בוידים זעהט זיך איצט מעהר ניט ארוים.

יאלמאר (געהט צו צום טיש): נא; איצט קען איך פילייכט זיצען א ווײלע אונגעשטערט.

גינא: ער פארעט זיך שוין ווידער דארט אינעווייניג.

יאלמאר: וואלט עס פילייכט געווען בעסער, ווען ער געהט ארונטער צו מאדאם עריקסען? (זעצט זיך אנידער). דו ווילסט עפעס? דו האסט דאך געזאגט —

גינא: כ'האב נור געוואלט פרעגען, אויב מיר קענען דא גרייטען צום טיש פאר'ן פריהשטיק?

יאלמאר: יא; פאר אזוי פריה האט זיך דאך קיינער ניט געמעלדעט?

גינא: ניין, איך ערווארט קיינעם ניט, אויסער די חתן־כלה, וועלכע ווילען זיך פאטאגראפירען צוזאמען.

יאלמאר: צום טייוועל! זיי האבען שוין ניט געקענט אויס־קליבען קיין אנדערן טאג זיך צו פאטאגראפירען צוזאמען!

גינא: נייז, ליעבער עקדאל, איך האב זיי בעשטעלט אויף היינט נאכמיטאג, ווען דו שלאפסט.

יאלמאר: נו, איז דאך גוט! דאן עסען מיר דא.

גינא: נו יא, גוט, אבער ס'איז נאך צייט צו גרייטען צום טיש; דו קענסט איהם נאך בענוצען א היבשע ווייל.

יאלמאר: איך מיין, דו זעהסט דאך, אז איך זיץ דא און בענוץ דעם טיש אזוי פיעל ווי איך קען נור.

גינא: דאן וועסטו דערנאך קענען זיין פריי. (געהט ווידער ארויס אין קיך).

קורצע פויזע.

עקדאל (ביי דער טיר פון בוידים, הינטער'ן נעץ): יאלמאר!

יאלמאר: נו?

עקדאל: כ'האב מורא, מיר וועלען דאך מוזען אוועקרוקען די קארעטע מיט וואסער.

יאלמאר: דאס האב איך דאך אימער געזאגט.

עקדאל: הם — הם — הם. (געהט אוועק פון טיר).

יאלמאר ארבייט א ווייל, כאפט א קוק צום בוידים און הויבט זיך האלב אויף.

העדוויג קומט אריין פון קיך.

יאלמאר (זעצט זיך שנעל אוועק צוריק): וואס ווילסטו?

העדוויג: כ'האב בלויז געוואלט ארייננעהן צו דיר, פאטער.

יאלמאר (נאך א קורצע פויזע): עפעס געהסטו מיר דא ארום און שמעקסט. פיליכט האט מען דיר אנגעזאגט, דו זאלסט אכטונג געבען אויף מיר?

העדוויג: אך ניין, ס'הויבט זיך גאר ניט אן.

יאלמאר: וואס טוט די מאמא איצט אין קיך?

העדוויג: א, מאמא האלט גראד אין מיטען מאכען דעם הערינג־סאלאד. (געהט צו צום טיש). וואלט איך דיר ניט געקענט העלפען מיט וואס עס איז, פאטער?

יאלמאר: א ניין. איך וועל ליעבערשט אלעס טאָן אליין — אזוי לאנג ווי מיינע קרעפטען וועלען מיר דיענען. ס'איז ניט נייטיג, העדוויג; ווען דיין פאַטער זאָל נור זיין געזונד, —

העדוויג: א ניין, פאַטער! דו דארפסט ניט ריידען אזעלכע ווערטער. (זי געהט ארום איבער'ן צימער, בלייבט שטעהן ביי דער אָפּענער טיר און קוקט אַריין אין בוידים).

יאלמאר: דו, וואָס טוט ער איצט?

העדוויג: כ'מיין, ער מאכט א נייעם וועג צו דער קאַרעטע.

יאלמאר: דאָס וועט ער קיינמאָל אליין ניט קענען מאכען. און דאָ מוז איך זיין פעראורטיילט צו זיצען דאָ — !

העדוויג (געהט צו צו איהם): גיב מיר דעם פּענזעל, פאַטער. איך קען עס מאכען.

יאלמאר: אַה, אונזינן; דו וועסט זיך בלויז פערדארבען די אויגען דערמיט.

העדוויג: קיין האָר אויך ניט. גיב מיר דעם פּענזעל.

יאלמאר (שטעהט אויף): יאָ, עס וועט ניט נעהמען לאַנג, בלויז א מינוט אָדער צוויי.

העדוויג: נאָ, וואָס זשע קען עס שאַדען? (נעהמט דעם פּענזעל). אָט אזוי! (זעצט זיך אַנידער). און דאָ האָב איך איינס, אויף נאָכצוקוקען.

יאלמאר: אָבער גיב אכטונג, דו זאָלסט זיך ניט פערדאַרבען די אויגען! הערסט, וואָס איך זאָג? איך וויל ניט זיין פערַאנטוואָרטליך דערפאַר; דו נעהמסט אליין אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט — דאָס זאָג איך דיר.

העדוויג (רעטושירט): יאָ, יאָ, איך נעהם עס אויף זיך.

יאלמאר: דו ביסט זעהר פלינק, העדוויג. נור א פּאָר מינוטען, פערשטעהסט דו.

ער גליטשט זיך אריין צווישען דער טיר און דעם פאָרהאַנג אין בוידים. העדוויג זיצט ביי איהר אַרבייט. מען הערט, ווי יאַלמאַר און עקדאַל אַמפּערן זיך אינעווייניג.

יאלמאר (בעווייזט זיך הינטער'ן נעץ): העדוויג, גיב מיר

די צוואַנג, וואָס ליעגט דאָרט אויף דער פּאָליצע. און דעם האַמער אויך. (ווענדעט זיך נאָך אינעווייניג). נאַ, איצט ווערסטו באַלד זעהן, פּאַטער. לאָז מיך, איך וועל דיר נור ווייזען, וואָס איך מיין!

העדוויג האָט אַרונטערגענומען דאָס פערלאַנגטע װערקצייג פון דער שאַפע און האָט עס איהם דערלאַנגט.

יאַלמאַר: אַה, אַ דאַנק. אַ גליק, הערסטו, וואָס איך בין געקומען.

געהט אַוועק פון הינטער דעם פאָרהאַנג; זיי קלאַפּען און ריידען אינעווייניג.

העדוויג בלייבט שטעהן און קוקט זיך צו צו זיי. גלייך נאָכדעם הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער קאָרידאָר־טיר. זי בעמערקט עס ניט.

גרעגערס ווערלע (מיט אַ הוילען קאָפּ און אָהן אַן אויבעררעק קומט אריין און בלייבט שטעהן ביי דער טיר): הם — !

העדוויג (דרעהט זיך אום און געהט איהם אַנטקעגען): גוט מאָרגען. ביטע, קומט אריין.

גרעגערס: דאַנק אייך זעהר. (קוקט צום בוידים). איהר האָט, ווייזט אויס, ארבייטער דאָ אין הויז.

העדוויג: ניין, ס'איז נור דער פּאַפּאַ און דער זיידע. איך וועל זיי זאָגען, אַז —

גרעגערס: ניין, ניין, טוט עס ניט; איך וועל ליעבערשט וואַרטען אַ ווײַלע. (זעצט זיך אַנידער אויף דער זאָפאַ).

העדוויג: ס'איז אַזוי אַנגעוואָרפען דאָ. — (וויל אַוועקנעהמען די פאָטאָגראַפיעס).

גרעגערס: אַ, לאָזט זיי ליעגען. זיינען דאָס בילדער, וואָס דאַרפען אַרויסגעענדיגט ווערען?

העדוויג: יאָ, איך האָב עס געזאָלט דעם פּאַפּאַ צוהעלפען אַ ביסעל.

גרעגערס: אָבער איהר דאַרפט זיך נור ניט שטערען צו ליעב מיר.

העדוויג: אַ ניין!

זי רוקט צו די זאכען צו זיך און זעצט זיך צו דער ארבייט. גרעגערס קוקט אויף איהר, ניט רײדענדיג קיין װארט.

גרעגערס: האט די װילד־ענטע היינטיגע נאכט גוט געשלאפען?

העדוויג: א דאנק, איך מיין אז יא.

גרעגערס (דרעהט זיך אום צום בוידים): ביי טאג זעהט עס גאר אנדערש אויס װי נעכטען ביים שיין פון דער לבנה.

העדוויג: יא, ס'איז זעהר פערשיעדען. אין דער פריה זעהט עס אנדערש אויס װי נאכמיטאג, און װען עס רעגענט, װיעדער אנדערש, װי דאן, װען דאס װעטער איז שעהן.

גרעגערס: האט איהר דאס בעמערקט?

העדוויג: יא, דאס זעהט מען דאך.

גרעגערס: האט איהר אויך ליעב צו זיין דארט אינעװעניג ביי דער װילד־ענטע?

העדוויג: יא, װען איך קען עס נור אויספיהרען —

גרעגערס: אבער איהר האט דאך געװיס ניט אזוי פיעל פרייע צייט. איהר געהט דאך אין שולע.

העדוויג: ניין, איצט ניט מעהר. פאפא האט מורא, איך זאל זיך ניט פערדארבען די אויגען.

גרעגערס: א; דאן לערענט ער געװיס אליין מיט אייך?

העדוויג: פאפא האט פערשפראכען, עפעס צו לערנען מיט מיר; אבער ער האט נאך קיין צייט ניט געהאט דערצו.

גרעגערס: איז דען ניטא קיין אנדערער, װאס זאל אייך אביסעל צוהעלפען?

העדוויג: יא, קאנדידאט מאלװיק; אבער ער איז ניט אימער אזוי — אזוי גאנץ —

גרעגערס: ניכטער?

העדוויג: יא, ליידער!

גרעגערס: נו, דאן האט איהר דאך גענוג צייט פאר אלעס. און דארט אינעװעניג, דאס איז דאך א װעלט פאר זיך, ניט װאהר?

העדוויג: יאָ, גאַנץ פאַר זיך. און דאָן זיינען דאָרט דאָ אַזעלכע מערקווירדיגע זאַכען.

גרעגערס: ווירקליך?

העדוויג: יאָ, דאָרט זיינען פאַרהאַן גרויסע שאַפעס מיט ביכער, און אין פיעל ביכער זיינען דאָ בילדער.

גרעגערס: אַהאַ!

העדוויג: און דאַן איז דאָרט דאָ אַן אַלטער קאַמאָד מיט שופלאַדען און דעקלאַך, און אַ גרויסער זייגער מיט פיגורען, וואָס געהען אַריין און אַרויס. אָבער דער זייגער געהט ניט מעהר.

גרעגערס: די צייט איז אַלזאָ געבליבען שטעהן — דאָרט אינעווייניג ביי דער ווילד־ענטע.

העדוויג: יאָ. דאַן איז דאָרט פאַרהאַן אַן אַלטער פאַרבען־קאַסטען און נאָך אַזעלכע זאַכען. און די אַלע ביכער.

גרעגערס: און די ביכער לעזט איהר דאָך געוויס?

העדוויג: אַ יאָ, ווען איך קען נור. אָבער מייסטענס זיינען זיי ענגלישע ביכער, און דאָס פערשטעה איך ניט. אָבער דאַן קוק איך דורך די בילדער. — דאָרט איז דאָ אַ זעהר גרויס בוך, דאָס הייסט: „העררידסאָנ'ס היסטאָרי אָף לאָנדאָן". דאָס איז געוויס הונדערט יאָהר אַלט; און דאָרט איז פאַרהאַן אַזאַ מאַסע בילדער! אויף'ן פאָדער־בלאַט שטעהט דער טויט מיט אַ שטונדען־גלאָז, און אַ פרוי. דאָס, דיינק איך, איז העסליך. אָבער דאַן זיינען אין דעם בוך דאָ נאָך אַנדערע בילדער מיט קירכען און שלעסער און גאַסען און גרויסע שיפען, וואָס פאָהרען אויף'ן ים.

גרעגערס: אָבער זאָגט מיר, פון וואַנען האָט איהר אַט די אַלע זעלטענע זאַכען?

העדוויג: אָ, דאָ האָט אַמאָל געוואוינט אַן אַלטער שיפס־קאַפיטאַן, און ער האָט זיי מיטגעבראַכט מיט זיך. מען פלעגט איהם רופען „דער פליהענדער האָלענדער". און דאָס איז קאָמיש, ווייל ער איז גאָר ניט געווען קיין האָלענדער.

גרעגערס: ווירקליך ניט?

הערוויג: נייז. אבער מיט אמאל איז ער פערשוואונדען; און דאן זיינען די אלע זאכען איבערגעבליבען דא.

גרעגערס: אבער זאגט מיר אקארשט — ווען איהר זיצט דארט אינעווייניג און בעקוקט די בילדער, ווילט זיך אייך גאר ניט ארויספאהרען אביסעל אנקוקען די גרויסע, ווירקליכע וועלט?

הערוויג: א ניין! איך וויל אימער בלייבען אין דערהיים און העלפען דעם פאפא און דער מאמא.

גרעגערס: רעטושירען פאטאגראפיעס?

הערוויג: נייז, ניט דאס אליין. אם ליעבסטען וואלט איך געוואלט זיך אויסלערנען גראווירען אזעלכע בילדער ווי די, וואס שטעהען אין די ענגלישע ביכער.

גרעגערס: הם, — און וואס זאגט אייער פאטער דערצו?

הערוויג: מיר דוכט, אז דער פאפא וואלט עס ניט וועלען; אין אזעלכע זאכען איז ער אזוי מאדנע. שטעלט זיך פאר, ער רעדט דערפון, איך זאל זיך אויסלערנען מאכען קערב און פלעכטען שטרוי! אבער איך מיין, אז דאס טויג דאך צו גארנישט.

גרעגערס: איך מיין אויך אזוי.

הערוויג: אבער דאס איז דער פאפא גערעכט: ווען איך וואלט זיך געלערענט פלעכטען קערב, וואלט איך דאך איצט געקענט מאכען דעם נייעם קארב פאר דער ווילד־ענטע.

גרעגערס: דאס וואלט איהר ווירקליך געקענט, יא; און דאס וואלט דאך געדארפט זיין אייער זאך, עס צו טהאן, ניט וואהר?

הערוויג: יא; ווארים עס איז דאך מיין ווילד־ענטע.

גרעגערס: נו געוויס.

הערוויג: יא, יא, מיר געהערט זי. אבער פאפא און דער זיידע קריגען זי אויסגעבארגט אזוי אפט ווי זיי ווילען.

גרעגערס: ווירקליך? וואס טוען זיי דען מיט איהר?

הערוויג: א, זיי פלעגען זי און בויען אלערליי בעקוועמע פלעצער פאר איהר, און אזוי ווייטער.

גרעגערס: כ'קען זיך פארשטעלען; ווארים די ווילד־ענטע איז דאך געווים די אנגעזעהענסטע דארט איגעוועניג.

העדוויג: יא, דאס איז זי; ווארים זי איז דאך א ווירק־ליך ווילדער פויגעל. און דאן איז דאך אזא רחמנות אויף איהר. די ארעמע, זי האט קיינעם ניט, פאר ווענען צו זארגען.

גרעגערס: זי האט ניט קיין פאמיליע, ווי די קראליקעס —

העדוויג: ניין. די היהנער האבען דאך אויך אזוי פיעל, מיט וועמען זיי זיינען צוזאמען אלס היהנדעלאך געווען; אבער זי איז אין גאנצען אבגעריסען געווארען פון אלע איהריגע. און דאן איז דאך דאס אלעס וועגען איהר אזוי וואונדערליך. קיינער קען זי ניט, און קיינער ווייס ניט, פון וואנען זי שטאמט.

גרעגערס: און דאן איז זי דאך געוועזען אין דער טיעפע־ניש פון ים.

העדוויג (קוקט איהם אן מיט א שנעלען בליק, אונטערדריקט א שמייכעל און זאגט): פארוואס זאגט איהר אין דער טיעפעניש פון ים?

גרעגערס: ווי דען האב איך געזאלט זאגען?

העדוויג: איהר האט געקענט זאגען „אויף'ן גרונד פון ים".

גרעגערס: קען איך ניט פונקט אזוי גוט זאגען: אין דער טיעפעניש פון ים?

העדוויג: יא; אבער מיר קלינגט עס אזוי מאדנע, ווען אנדערע ריידען וועגען דער טיעפעניש פון ים.

גרעגערס: פארוואס עפעס? זאגט מיר, פארוואס?

העדוויג: ניין, איך וויל ניט; ס'איז צו דום.

גרעגערס: אה ניין, געווים ניט. זאגט מיר נור, פארוואס איהר האט געשמייכעלט.

העדוויג: ווייל אימער, ווען איך דערמאן זיך מיט אמאל— אזוי פלוצלונג — אז דער גאנצער געשיכטע דארט איגעוועניג, קומט מיר עפעס פאר, אז דער גאנצער בוידים און אלעס, וואס געפינט זיך אין איהם, וואלט געדארפט הייסען „די טיעפעניש פון ים". — אבער דאס איז דאך אזוי דום.

גרעגערס: אָ, זאָגט עס ניט.

העדוויג: אַ יאָ, וואָרים ס'איז דאָך ניט מעהר ווי אַ בוידים.

גרעגערס: זייט איהר אַזוי זיכער דערמיט?

העדוויג שווייגט און קוקט איהם אָן מיט אַן אָפּענעם מויל.

גינאַ קומט אַריין פון קיך מיט די טיש־זאַכען.

גרעגערס: איך בין געווים צו פריה געקומען?

גינאַ: אַך, ערגעץ־וואו מוזט איהר דאָך זיין; און אויסער דעם בין איך אויך באַלד פאַרטיג. — ראַם אַב דעם טיש, העדוויג.

העדוויג נעהמט אַוועק איהרע זאַכען; זי און גינאַ גרייטען צום טיש. גרעגערס זעצט זיך אַריין אין לעהן־שטוהל און בלעטערט אין אַן אַלבום.

גרעגערס: איך הער, אַז איהר קענט רעטושירען, פרוי עקדאַל.

גינאַ (מיט אַ זייטען־בליק): יאָ, איך קען.

גרעגערס: דאָס איזווירקליך געווען אַ גליקליכע צוזאַמענטרעפונג.

גינאַ: וואָס הייסט אַ גליקליכע?

גרעגערס: ווייל עקדאַל איז געוואָרען אַ פאָטאָגראַף, מיין איך.

העדוויג: מאַמא קען אויך פאָטאָגראַפירען.

גינאַ: אַ יאָ, די קונסט האָב איך זיך אויך אויסגעלערענט.

גרעגערס: דאַן פיהרט איהר, הייסט עס, דאָס געשעפט?

גינאַ: יאָ, ווען עקדאַל אַליין האָט קיין צייט ניט, דאַן —

גרעגערס: ער איז זעהר אָפט פערנומען מיט זיין אַלטען פאָטער, קען איך זיך פאָרשטעלען.

גינאַ: יאָ; און דאַן קענט איהר דאָך ניט ערוואַרטען, אַז אַ מאַן ווי עקדאַל זאָל מאַכען איינפאַכע פּאָרטרעטען פון אַבי וועמען.

גרעגערס: דאָס איז גאַנץ ריכטיג; אָבער קוים האָט ער זיך גענומען דערצו, דאַן —

גינא: איהר פערשטעהט דאך געוויס, הערר ווערלע, אז עק־דאל איז ניט איינער פון די געוועהנליכע פאטאגראפען.

גרעגערס: נו יא, אבער דאך —

פון בוידים הערט זיך א שאס.

גרעגערס (ווערט אויפגעטרייסעלט): וואס איז דאס?

גינא: אוף! זיי שיסען שוין ווידער דארט!

גרעגערס: וואס, זיי שיסען אויך?

העדוויג: זיי געהען אויף דער יאגד.

גרעגערס: וואס?! (ביי דער טיר פון בוידים). דו געהסט אויף דער יאגד, יאלמאר?

יאלמאר (הינטער'ן נעץ): דו ביסט דא? כ'האב גאר נישט געוואוכט דערפון; איך בין געווען אזוי פערנומען — (צו העדוויגען) און דו זאגסט אונז גארנישט! (קומט אריין אין סטודיא).

גרעגערס: דו געהסט ארום אויף'ן בוידים און שיסט?

יאלמאר (ווייזט א דאפעל־רעהריגען פיסטויל): אך, נור מיט דעם דא.

גינא: יא, דו און דער זיידע, איהר וועט נאך אמאל אנמאכען עפעס א צרה מיט אייער פיקסטויל.

יאלמאר (מיט א טאן פון פערדרוס): איך מיין, איך האב דיר שוין געזאגט, אז אזא מין שיס־געוועהר הייסט פיסטויל.

גינא: אך, דאס איז אויך ניט פיעל בעסער.

גרעגערס: ביסטו, הייסט עס, געווארען א יעגער אויך, יאלמאר?

יאלמאר: נור ווען ניט ווען א קליינע יאגד אויף קראליקעס. מייסטענס דעם פאטער צוליעב, פערשטעהסטו.

גינא: די מענער זיינען ווירקליך קאמיש. זיי מוזען אימער האבען עפעס, מיט וואס זיך צו פערשטרייען.

יאלמאר (אין כעס): יא, יא, מיר מוזען אימער האבען עפעס, מיט וואס זיך צו צערשטרייען.

גינא: נו יא, אט דאס זאג איך דאך טאקע.

יאלמאר: הם. (צו גרעגערס) דו פערשטעהסט, גליקליכער־

ווייזע ליעגט דער בוידים אזוי, אז קיינער קען אונז ניט הערען, ווען מיר שיסען. (לייגט אוועק דעם פּיסטויל אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון דער ביכער־שאַפע). טשעפּע ניט דעם פּיסטויל, העדוויג! איין רעהר איז געלאַדען; גיב אכטונג.

גרעגערס (קוקט אריין דורך'ן נעץ): א יאגד־געוועהר האַסטו אויך, ווי איך זעה.

יאלמאר: דאָס איז דעם פּאַטער'ס אלטער ביקס. שיסען קען מען שוין דערמיט ניט; עפּעס איז דאָרט קאַליע געוואָרען ביים שלאָס. אבער דאָך איז גאַנץ אינטערעסאַנט עס צו האָבען; מיר קענען עס צייטענווייז פונאנדערנעהמען און רייניגען און אויסשמי־רען מיט ביינער־פעטס און עס צוריק צונויפשטעלען — . פערשטעהט זיך, מייסטענס גיט זיך דער פּאַטער אָב מיט אזעלכע זאַכען.

העדוויג (לעבען גרעגערס): איצט קענט איהר זעהן די ווילד־ענטע ווי געהעריג איז.

גרעגערס: איך קוק דאָס גראָד אויף איהר. מיר דוכט, איין פליגעל הענגט איהר אביסעל אראָב.

יאלמאר: נאָ, דאָס איז דאָך קיין וואונדער ניט; זי איז דאָך געשאָסען געוואָרען אין דעם פליגעל.

גרעגערס: און דאָן שלעפּט זיך ביי איהר איין פוס אביסעל נאָך. אדער איז דאָס ניט אזוי?

יאלמאר: פיליייכט א קליין ביסעלע.

העדוויג: ביי דעם פוס האָט זי דער הונד אנגענומען מיט זיינע צייהן.

יאלמאר: אבער ווייטער האָט זי אבסאָלוט קיין פעהלער ניט. און דאָס איז ווירקליך א וואונדער, נאכדעם ווי זי האָט געקרי־גען א היבש ביסעל שראָט אין לייב און איז געוועזען ביים הונד צווי־שען די צייהן.

גרעגערס (מיט אַ בליק אויף העדוויג): — און געוועזען אין דער טיעפעניש פון ים — אזוי לאַנג.

העדוויג (שמייכעלט): יאַ.

גינא (מאכט אָרדנונג ביים טיש): די אייבינגע ווילד־ענטע! וואס פאר א וועזען מען מאכט דאס דא פון איהר!

יאלמאר: הם; — וועט באלד זיין געגרייט?

גינא: יא, גלייך. העדוויג, קום, וועסט מיר העלפען אביסעל.

גינא און העדוויג געהן ארויס אין קיך.

יאלמאר (מיט אַ נידעריגער שטימע): איך מיין, ס'איז בעסער דו זאָלסט ניט שטעהן דארט און קוקען אויף מיין פאטער; ער וויל דאס ניט ליידען.

גרעגערס געהט אַוועק פון דער בוידים־טיר.

יאלמאר: אויסערדעם דענק איך, עס וועט זיין אם בעס־טען צו צומאכען די טיר, איידער די אנדערע קומען אריין. (פּאַטשט מיט די הענד) הוש—הוש! אריין אינעווייניג! (ציהט ארויף דעם פּאַר־האַנג און רוקט צונויף די טירען). אט די אלע איינריכטונגען זיינען מיין אייגענע ערפינדונג. עס איז ווירקליך זעהר אמוזירענד צו האַ־בען אזעלכע זאכען, מיט וועלכע מען קען זיך פערנעהמען און וועל־כע מען קען פון צייט צו צייט ברייגען אין אָרדנונג, ווען זיי ווערען קאליע. און דאן איז דאס אבסאלוט נייטיג אויך, ווייל גינא וויל אויף קיין פאל ניט האבען קיין קראליקעס און היהנער אין סטודיא.

גרעגערס: געוויס; און דיין פרוי בעזארגט, הייסט עס, דא אלעס?

יאלמאר: אין אלגעמיין לאז איך איבער די אלטעגליכע קליינינקייטען פון דעם געשעפט אויף איהר; ווארים דאן קען איך זיך אריינכאפען אין דער וואוין־שטוב און נאכדיינקען איבער זאכען, וועלכע זיינען וויכטיגער.

גרעגערס: וואסערע זאכען זיינען דאס, יאלמאר?

יאלמאר: מיך וואונדערט נור, וואס דו האסט זיך ביז אהער ניט נאכגעפערעגט דערויף. אדער האסטו פיללייכט גאר ניט געהערט פון דער ערפינדונג?

גרעגערס: ערפינדונג? ניין.

יאלמאר: ווירקליך? נאך ניט? נו נאטירליך, דארט אויבען אין די וועלדער און די וויסטענישען —

גרעגערס: דו האסט אלזא געמאכט אן ערפינדונג?

יאלמאר: נאך ניט אין גאנצען געמאכט; אבער איך האלט שוין דערביי. דו קענסט זיך דאך פארשטעלען, אז ווען איך האב בע־שלאסען זיך צו אפפערען פאר די פאטאגראפיע, איז דאס ניט געווען מיט דער אבזיכט צו זיצען דא און אראבנעהמען בילדער פון אלער־ליי געוועהנליכע מענשען.

גרעגערס: ניין, דאס האט אויך דיין פרוי נור וואס גע־זאגט.

יאלמאר: איך האב געשווארען, אז אויב איך האב שוין יא אבגעגעבען מיינע קרעפטען אויף אזא האנדווערק, מוז איך עס אויפהויבען אזוי הויך, אז עס זאל ווערן ביידע זאכען, אי א קונסט אי א וויסענשאפט. און דערפאר האב איך בעשלאסען צו מאכען די ערפינדונג.

גרעגערס: און איז וואס בעשטעהט די ערפינדונג? וואס בעצוועקט זי?

יאלמאר: נאך אזעלכע איינצעלהייטען דארפסטו זיך נאך ניט נאכפרעגען. דערצו, פערשטעהסטו מיך, פאדערט זיך צייט. און דאן דארפסטו ניט דענקען, אז דאס טרייבט מיך די אייטעלקייט, דער פוסטער שטאלץ דערצו. א ניין, ס'איז די לעבענס־אויפגאבע, וועלכע שטעהט מיר טאג און נאכט פאר די אויגען.

גרעגערס: וואס פאר א לעבענס־אויפגאבע?

יאלמאר: דו פערגעסט דעם גרייז־גראען מאן מיט די זיל־בער־האר?

גרעגערס: דיין ארעמער פאטער? יא, אבער וואס קענ־סטו דען טהאן פאר איהם?

יאלמאר: איך קען דערוועקען זיין זעלבסט־געפיהל, מאכען עס פון טויט לעבעדיג, דערמיט וואס איך וועל דעם נאמען עקדאל צוריקברייגנען צו עהרע און אנזעהן.

גרעגערס: דאס איז אלזא דיין לעבענס־אויפגאבע?

יאלמאר: יא. איך וויל רעטען דעם שיפבריכיגען מאן. ווארים שיפבריכיג איז ער שוין געווען דאן, ווען דער סאמע ערשטער

שטורם האט איבער איהם אויסגעבראכען. אין דער שרעקליכער צייט פון דער אונטערזוכונג, איז ער שוין ניט געווען ער אליין. דער פיס־טויל דארט — וואס מיר בענוצען איצט צו אונזער יאגד אויף די קראליקעס — הערסטו, אט דער פיסטויל האט שוין געשפיעלט א ראלע אין דער טראגעדיע פון דעם הויז עקדאל.

גרעגערס: דער פיסטויל? ווירקליך?

יאלמאר: ווען דאס אורטהייל איז ארויסגעגעבען געווא־רען, און ער האט געדארפט געהן אין געפענגניס, — האט ער געהאט דעם פיסטויל אין דער האנד —

גרעגערס: ווירקליך — ?

יאלמאר: יא; אבער ער האט ניט געהאט קיין מוטה. ער איז געווען פייג. אזוי געבראכען, אזוי רואינירט איז ער שוין דאמאלס געווען אין זיין זעעלע. א, קענסטו דאס בעגרייפען? אז אפיציער — א מאן, וואס האט געשאסען ניין בערען, און וואס שטאמט אב פון צוויי אויבערסט־לייטענאנטס — נאטירליך פון דעם איינעם נאך'ן אנדערן — . קענסטו דאס בעגרייפען, גרעגערס?

גרעגערס: א, איך בעגרייף עס זעהר גוט.

יאלמאר: איך ניט. און צום צווייטען מאל האט דער פיס־טויל געשפיעלט א ראלע אין דער געשיכטע פון אונזער הויז. ווען מען האט איהם אנגעטאן אין די גראע קליידער און ער איז געזעסען הינטער שלאס און ריגעל, — א, מעגסט מיר גלויבען, דאס זיינען געווען שרעקליכע צייטען פאר מיר. איך האב דאן געהאלטען די פארהאנגען איבער מיינעביידע פענסטער ארונטערגעלאזען. ווען איך האב ארויסגעקוקט אויף דרויסען, האב איך געזעהן, אז די זונן שיינט ווי געוועהנליך. כ'האב עס ניט געקענט בעגרייפען. איך האב געזעהן, ווי מענשען געהען ארום אין די גאסען, לאכען און ריידען איבער גלייכגילטיגע זאכען. כ'האב עס ניט געקענט בעגרייפען. מיר האט זיך געדוכט, אז דאס גאנצע דאזיין, אלעס וואלט זיך געדארפט אבשטעלען, ווי ביי א זונען־פינסטערניש.

גרעגערס: פונקט דאסזעלבע האב איך געפיהלט, ווען מיין מוטער איז געשטארבען.

יאלמאר: אין אזא שטונדע האט יאלמאר עקדאל אנגע־שטעלט דעם פיסטויל געגען זיין אייגענער ברוסט.

גרעגערס: דו האסט אויך געוואלט — !

יאלמאר: יא.

גרעגערס: אבער דו האסט ניט אויסגעשאסען?

יאלמאר: ניין. אין דעם ענטשיידענדען מאמענט האב איך געוואונען דעם זיעג איבער זיך אליין. איך בין געבליבען לעבען. אבער גלויב מיר, מען מוז האבען מוטה, אונטער אזעלכע אומשטענדען אויסצוקלייבען דאס לעבען.

גרעגערס: נא, דאס הענגט אב, ווי מען קוקט דערויף.

יאלמאר: יא, ווירקליך, מען מוז האבען מוטה דערצו. אבער דאס איז געווען אם בעסטען אזוי; ווארים איצט וועל איך באלד מאכען מיין ערפינדונג; און דאן — דאס גלויבט דאקטאר רעללינג אזוי ווי איך — וועט דער פאטער קריגען די ערלויבניש, ווידער צו טראגען זיין מונדיר. איך וועל עס פאדערן אלס מיין איינציגען לוין.

גרעגערס: אלזא דאס האט ער עס געמיינט וועגען זיין מונדיר — ?

יאלמאר: יא, וועגען דעם טראכט ער און נאך דעם שטרעבט ער די גאנצע צייט. דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי מיין הארץ ווערט אין מיר צוריסען, קוקענדיג אויף איהם. יעדעס מאל, ווען מיר האבען א שטיקעל יום טוב ביי אונז אין שטוב, א קליינעם פאמיליען־פעסט — גינא׳ס און מיין חתונה־טאג אדער וואס עס זאל ניט זיין — דאן קומט דער אלטער מאן אריין, אנגעטאן אין זיין לייטענאנט־מונדיר פון די טעג פון גליק. אבער קוים הערט זיך נור א קלאפ אין דער קארידאר־טיר, — ווארים ער טאר זיך ניט ווייזען פאר פרעמדע — דאן לויפט ער אריין צוריק צו זיך אין צימער, אזוי שנעל ווי זיינע אלטע פיס טראגען איהם. אז א זוהן דארף דאס צוזעהן, — הערסטו, דאס הארץ קען איינפאך פלאצען פאר שמערץ.

ג ר ע ג ע ר ס: און ווען אונגעפעהר דענקסטו, וועט דיין ער־פינדונג פארטיג ווערן?

י א ל מ א ר: אבער מיין גאט, ווי קענסטו זיך ביי מיר נאכ־פרעגען נאך אזעלכע איינצעלהייטען? אן ערפינדונג, דאס איז א זאך, וואס מען האט גאר אליין ניט אין גאנצען ביי זיך אין די הענד. עס הענגט צום גרעסטען טייל אב פון אינספיראציאן, — פון איינ־געבונג, — און ס'איז אזוי גוט ווי אונמעגליך פאראויס צו בערעכע־נען, ווען די אינספיראציאן וועט קומען.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער עס געהט דאך פארווערטס?

י א ל מ א ר: נאטירליך געהט עס פארווערטס. איך גיב זיך יעדען טאג אב מיט דער ערפינדונג; איך בין פול מיט איהר. יע־דען נאכמיטאג, נאך'ן עסען, פערשפאר איך זיך אין דער וואוין־שטוב, וואו איך קען רוהיג און אונגעשטערט נאכדענקען. אבער מען מוז מיך נור ניט צוטרייבען, דאס ברייננגט קיין נוצען; אזוי זאגט רעלינג אויך.

ג ר ע ג ע ר ס: דענקסטו ניט, אז אט די אלע געשיכטען דארט אויף'ן בוידים רייסען דיך אוועק און צושטרייען דיך צופיעל?

י א ל מ א ר: נייז, נייז, אין געגענטייל. דאס דארפסטו ניט זאגען. איך קען דאך ניט אימער און אייביג ארומגעהן מיט דיזעל־בע אנשטרייננגענדע געדאנקען. איך מוז דערביי האבען נאך עפעס, אויסצופילען די צייט פוןווארטען. די אינספיראציאן, די איינגע־בונג, מוזטו וויסען, — אז זי ד א ר ף קומען, קומט זי.

ג ר ע ג ע ר ס: מיין ליעבער יאלמאר, מיר קומט כמעט פאר, אז דו האסט עטוואס פון דער ווילד־ענטע אין דיר.

י א ל מ א ר: פון דער ווילד־ענטע? וואס מיינסטו דערמיט?

ג ר ע ג ע ר ס: דו ביסט אונטערגעגאנגען און האסט זיך פעסט איינגעביסען אין דעם גראז דארט טיעף אונטען.

י א ל מ א ר: מיינסטו פיליכט דערמיט דעם שאס, וועלכער האט נאך א האר געקענט זיין טוידטליך, וואס האט געטראפען מיין פאטער אין פליגעל — און מיר אויך?

ג ר ע ג ע ר ס: ניט דאס גראד. איך וויל ניט זאגען, אז דו

האסט געקריגען א שאס, אבער דו ביסט ארייננעפאלען אין א גיפ־טיגען זומפ, יאלמאר; א קראנקהייט וואס גנב'ט זיך ארײַן שטי־לערהייט האסטו אין דײַן קערפער, און דאן ביכט פערזונקען געווא־רען צו שטארבען אין דער פינסטער.

יאלמאר: איך? שטארבען אין דער פינסטער! הער אוים, גרעגערס, דו האסט ווירקליך געמעגט אויפהערען ריידען אזעל־כע אונזיניגע רייד.

גרעגערס: זיי נור רוהיג; איך וועל דיר צוריק שטעלען אויף די פיס. איך האב איצט אויך אן אויפגאבע אין לעבען; פון נעכטען אן.

יאלמאר: זעהר שעהן, — אבער איך בעט דיך, מיך לאז צורוה. איך קען דיר פערזיכערן, אז אבגעזעהן פון מיין לייכט ערקלערליכע מעלאנכאליע, נאטירליך — בין איך אזוי צופריעדען, ווי א מענש קען זיך נור ווינשען צו זיין.

גרעגערס: אט דאס וואס דו ביסט צופריעדען, — דאס קומט אויך פון דעם גיפט.

יאלמאר: נא, נא, מיין ליעבער, גוטער גרעגערס, איך בעט דיך, הער אויף צו ריידען פון קראנקהייט און גיפט; צו אזעלכע געשפרעכען בין איך ניט געוואוינט. ביי מיר אין הויז רעדט מען קיינמאל ניט צו מיר פון אונאנגענעהמע זאכען.

גרעגערס: אה, דאס קען איך זיך לייכט פארשטעלען.

יאלמאר: יא, דען עס שאדעט מיר נור. און דא איז ניטא קיין זומפ־לופט, ווי דו דריקסט זיך אוים. דאס הויז פון דעם ארעמען פאטאגראף האט א נידעריגען דאך, — דאס ווייס איך גאנץ גוט — און מיינע מיטלען זיינען בעשרענקט. אבער איך בין אן ערפינדער, און איך בין אין דערזעלבער צייט א פאמיליען־פא־טער. דאס הויבט מיך אויף איבער די קלעגליכע פערהעלטניסען.

— אה, אט קומט שוין דאס פריהשטיק!

גינא און העדוויג ברינגען אריין פלעשער מיט ביער, א קא־ראפין מיט בראנפען, גלעזער און אנדערע כלים. אין דערזעלבער צייט קומען רעללינג און מאלוויק אריין פון דעם קארידאר; זיי

געהעןביידע אַהן הוט און אויבעררּאָק. מאַלוויק איז אַנגעטאַהן אין שוואַרצען.

ג י נ אַ (שטעלט אוועק די זאַכען אויף'ן טיש): נאַ, ד י ב יי־דע קומען ריכטיג צו דער צייט.

ר ע ל ל י נ ג: מאַלוויק האַט זיך איינגערעדט, אז ער הערט דעם ריח פון הערינג־סאַלאַד, און עס איז איהם שוין ניט געווען איינצוהאַלטען. — נאָך אַמאָל גוט מאָרגען, עקדאַל.

י אַ ל מ אַ ר: גרעגערס, לאָמיך דיר פאָרשטעלען דעם הערר קאַנדידאַט מאַלוויק; דאָקטאָר — אַך רעללינג, דעם קענסטו דאָך.

ג ר ע ג ע ר ס: יאַ, אַביסעל.

ר ע ל ל י נ ג: אַ, הערר ווערלע דער יונגער! יאַ, מיר ביידע פלעגען זיך אָפט ארומרייסען דאָרט אויבען אין דער האָידאָל־פאַב־ריק. איהר האָט זיך נור וואָס אריינגעצויגען אהער?

ג ר ע ג ע ר ס: היינט אין דערפריה.

ר ע ל ל י נ ג: און אונטער איך וואוינען מאַלוויק און איך; איהר האָט אלזאָ ניט וויט צו געהן צום דאָקטאָר און צום פאַסטאָר, אויב איהר וועט זיך נייטיגען אין דעם.

ג ר ע ג ע ר ס: אַ שעהנעם דאַנק. דאָס קען זיך גראָד מאַכען; וויל נעכטען זיינען מיר געווען דרייצעהן ביים טיש.

י אַ ל מ אַ ר: אַ, דו הויבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע אונ־היימליכע געשיכטען!

ר ע ל ל י נ ג: דו קענסט זיין גאַנץ רוהיג, עקדאַל; דיך וועט עס זיכער ניט טרעפען.

י אַ ל מ אַ ר: איך האָף אז ניט, צוליעב מיין פאַמיליע. אבער לאָמיר זיך איצט זעצען צום טיש און עסען און טרינקען און פרעה־ליך זיין.

ג ר ע ג ע ר ס: זאָלען מיר ניט וואַרטען אויף דיין פאָטער?

י אַ ל מ אַ ר: ניין, ער וויל, מען זאָל איהם זיין עסען אריינ־טראָגען שפּעטער צו איהם אין צימער. אלזאָ קומט!

די מענער זעצען זיך צום טיש, עסען און טרינקען. גינאַ און העד־וויג געהען אַריין און אַרויס און בעדיענען זיי.

ר ע ל ל י נ ג: איהר האט געדארפט זעהן מאלוויק'ן נעכטען, פרוי עקדאל; ער איז געווען אין א שעהנעם צושטאנד.

ג י נ א: ווירקליך? נעכטען וויעדער?

ר ע ל ל י נ ג: איהר האט איהם גאר ניט געהערט, ווען איך בין ביינאכט מיט איהם אהיים געקומען?

ג י נ א: ניין, כ'האב גארנישט געהערט.

ר ע ל ל י נ ג: זעהר גוט; ווארים מאלוויק איז געווען עקעל־האפט די נאכט.

ג י נ א: איז דאס אמת, מאלוויק?

מ א ל ו ו י ק: לאמיר מאכען א שטריך אונטער די פאסירונ־גען פון דער נאכט. אזוי וואס הענגט דאך ניט אב פון מיין בעסערן איך.

ר ע ל ל י נ ג (צו גרעגערס): עס קומט איבער איהם ווי א מין כשוף, און דאן מוז איך ארויסגעהן מיט איהם הוליען. ווארים אונזער מאלוויק איז דעמאניש, פערשטעהט איהר מיך.

ג ר ע ג ע ר ס: דעמאניש?

ר ע ל ל י נ ג: מאלוויק איז דעמאניש, יא.

ג ר ע ג ע ר ס: הם.

ר ע ל ל י נ ג: און דעמאנישע נאטורען זיינען ניט געשאפען דערצו, דורכצוגעהן די וועלט גראד אויף זייערע פיס; זיי מוזען ווען ניט ווען אראבגעהן אביסעל פון וועג. — נא, און איהר האלט עס נאך אלץ אוים דארט אויבען אין דער שרעקליכער, פעררויכערטער פאב־ריק?

ג ר ע ג ע ר ס: ביז איצט האב איך עס אויסגעהאלטען.

ר ע ל ל י נ ג: נו, און האט איהר אויך איינגעמאנט די פאַ־דערונג, מיט וועלכער איהר פלעגט זיך ארומטראגען?

ג ר ע ג ע ר ס: די פאדערונג? (פערשטעהט איהם.) אך יא —

י א ל מ א ר: דו האסט איינגעמאנט פאדערונגען, גרעגערס?

ג ר ע ג ע ר ס: אך, אונזינען.

ר ע ל ל י נ ג: יא, געווים האט ער דאס געטהאן; ער איז ארומגעגאנגען פון איין ארים הייזעל צום אנדערן און האט פארגע־

לעגט עטוואס, וואס ער האט אנגערופען „די אידעאלע פאדערונג".

גרעגערס: איך בין נאך דאמאלסט געוועזן יונג.

רעללינג: איהר זייט גערעכט; איהר זייט געוועזן זעהר יונג, און די אידעאלע פאדערונג, — די האט מען אייך קיינמאל ניט אויכגעצאהלט, אזוי לאנג ווי איך בין דארט געוועזן.

גרעגערס: שפעטער אויך ניט.

רעללינג: נא, מסתמא זייט איהר געווארען קליגער און איהר לאזט אראב עטוואס פון דער סומע.

גרעגערס: קיינמאל ניט, ווען איך האב צו טהאן מיט אן עכטען, ריכטיגען מענשען.

יאלמאר: נייז, דאס איז טאקע גאנץ פערנינפטיג. — אביסעל פוטער, גינא!

רעללינג: און א שטיקעל שפעק פאר מאלוויק'ן.

מאלוויק: אוה, ניט קיין שפעק!

עס הערט זיך א קלאפ אין דער בוידים-טיר.

יאלמאר: עפען די טיר, העדוויג; דער זיידע וויל ארויס-געהן.

העדוויג געהט צו און עפענט אביסעל די טיר. דער אלטער עק-דאל קומט אריין מיט א פרישען פעל פון א קראליק; זי פערמאכט די טיר הינטער איהם.

עקדאל: גוט מארגען, מיינע העררען! כ'האב היינט גע-האט א גוטע יאגד. כ'האב געשאסען איינם פון די גרויסע.

יאלמאר: און דו האסט עס אבגעשונדען, איידער איך בין געקומען —!

עקדאל: כ'האב עס אויך איינגעזאלצען. ס'איז גוט, ווייך פלייש, דאס פלייש פון קראליקעס; און דערצו אזוי זיס, ווי צו-קער. — גוטען אפעטיט, מיינע העררען. (געהט אריין צו זיך אין צי-מער.)

מאלוויק (הויבט זיך אויף): ענטשולדיגט —; איך קען ניט —; איך מוז שוין ארונטער געהן —

רעללינג: טרינק אביסעל סאדא-וואסער, מענש!

מאלוויק (געהט שנעל אוועק): אוף — אוף! (אב דורך די קארידאר־טיר.)

רעללינג (צו יאלמאר'ן): לאמיר טרינקען א שנעפסיל פאר דעם אלטען יעגער.

יאלמאר (קלאפט אן מיט איהם): פאר דעם אונערשראקענעם ספארטסמאן ביים ראנד פון קבר.

רעללינג: פאר דעם גרייז־גראען — (טרינקט.) יא, זאג מיר אקארשט, — האט ער גראע אדער ווייסע האר?

יאלמאר: ס'איז אזוי, מיטעלמעסיג; נאר סיי ווי סיי האט ער שוין קיין סך האר ניט אויף'ן קאפ.

רעללינג: נא, מיט פאלשע האר קומט מען אויך דורך די וועלט! הערסטו, עקדאל, אין גרונד גענומען ביסטו דאך א גליקליכער מענש; דו האסט דיין שעהנע לעבענס־אויפגאבע, פאר וועלכער דו קענסט שטרעבען —

יאלמאר: און איך שטרעב אויך — דאס קענסטו מיר גלויבען.

רעללינג: און דאן האסטו דיין פלינקע פרוי, וועלכע געהט ארום אין איהרע פילצשיך, אזוי שטיל, מיט איהר שאקלענדיגען גאנג אריין און ארויס, און היט דיך אב און מאכט דיר אלעס בעקוועם.

יאלמאר: יא, גינא. (שאקעלט איהר צו מיט'ן קאפ.) דו ביסט א גוטע חבר'טע אויף מיין לעבענס־וועג.

גינא: א, צו וואס טויג אייך זיצען דא און ריידען איבער מיר!

רעללינג: און דאן דיין העדוויג, עקדאל!

יאלמאר (געריהרט): דאס קינד, יא! דאס קינד פאר אלצדינג! העדוויג, קום אהער צו מיר. (גלעט איהר איבער די האר.) וואס פאר א טאג איז מארגען, הא?

העדוויג (צופט איהם ביים ראק): א ניין, זאלסט גארנישט זאגען, פאטער!

יאלמאר: ס'שניידט מיר ווי מיט א מעסער אין הארצען,

וועז איך דענק, אז עס וועט זיין אזוי ווענינ; בלויז א קליינער יום־טוב דארט אויף'ן בוידים —

הערוויג: אך, אבער דאס איז דאך גראד אזוי שעהן!

רעללינג: דו ווארט נור ביז די מערקווירדיגע ערפינדונג וועט ארויס אויף דער וועלט, הערוויג!

יאלמאר: יא, דאן — דאן וועסטו זעהן — ! הערוויג, איך ביז ענטשלאסען צו פערזיכערן דיין צוקונפט. עס וועט דיר גוט זיין, אזוי לאנג ווי דו וועסט לעבען. איך וועל פאדערן עטוואס פאר דיר— וואס עס זאל ניט זיין. דאס וועט זיין דעם ארעמען ערפינדער'ס איינציגער לוין.

הערוויג (לעגט ארום דעם ארם ארום זיין האלז און שעפּט־שעט): א דו ליעבער, ליעבער פאטער!

רעללינג (צו גרעגערס): נא, דענקט איהר ניט, אז עס איז גאנץ שעהן, אלס אבוועקסלונג אמאל צו זיצען ביי א גוט בעזעצטען טיש אין קרייז פון א גליקליכער פאמיליע?

יאלמאר: יא, אט די שטונדען ביים טיש וויים איך ווירקליך ווי צו שעצען.

גרעגערס: איך פאר מיין טייל פיהל זיך ניט גוט אין זומפּ־לופט.

רעללינג: זומפּ־לופט?

יאלמאר: א, דו פאנגסט שוין ווידער אן מיט דעם אונזינן!

גינא: דא איז, גאט וויים, ניטא קיין זומפּ־לופט, הערר ווערלע, ווארים דא ווערט יעדען ליעבען טאג געלופטערט.

גרעגערס: דעם געשטאנק, וואס איך מיין, לופטערט איהר געוויס ניט אויס.

יאלמאר: געשטאנק?

גינא: יא, וואס זאגסטו דערצו, עקדאל?

רעללינג: פארדאן, — זייט איהר עס ניט אקארשט אליין, דער וואס ברייננט ארונטער דעם געשטאנק פון די מינען דארט אויבען?

גרעגערס: פאַר אייך פּאַסט טאַקע צו רופֿן געשטאַנק דאָס, וואָס איך ברייננג אהער אין הויז.

רעללינג (געהט צו צו איהם): הערט אויס, הערר ווערלע דער יונגער, איך בין אייך שטאַרק חושד, אַז איהר טראַגט נאָך אַלץ אַרום אייער „אידעאַלע פאָדערונג" אונפערקירצט מיט זיך אין אייער הינטערשטער קעשענע.

גרעגערס: אין דער ברוסט טראָג איך זי אַרום!

רעללינג: נאַ צום טייוועל, פון מיינעטוועגען מעגט איהר זי טראָגען וואו איהר ווילט, — אָבער איך ראַטה אייך ניט צו שפּיעלען דאָ דעם איינמאַהנער, אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ.

גרעגערס: און אויב איך וועל עס דאָך טהאָן?

רעללינג: דאַן וועל איך אייך אַרונטערשליידערן פון אַלע טרעפּ, פערשטעהט איהר מיך!

יאַלמאַר (הויבט זיך אויף): אָבער רעללינג!

גרעגערס: יאָ, וואַרפט מיך נור אַרויס —

גינאַ (שטעלט זיך צווישען זיי): דאָס געהט ניט, רעללינג. אָבער איך מוז אייך זאָגען, הערר ווערלע, איהר האָט ניט געדאַרפט קומען ריידען פון געשטאַנק, נאָך דעם גאַנצען שמוץ, וואָס איהר האָט אַנגעמאַכט דאָרט אין אויוון.

עס הערט זיך אַ קלאַפּען אין דער קאָרידאָר־טיר.

העדוויג: מוטער, אימיצער קלאַפּט.

יאַלמאַר: אַט האָסטו דיר, מיר וועלען נאָך באַלד האָבען די גאַנצע גאַס דאָ!

גינאַ: לאָז מיך נור — (געהט צו און עפענט די טיר, ווערט אַ פערציטערטע און טרעט אַב צוריק.) אַ! גאָט!

דער אַלטער ווערלע, אין אַ פּעלץ, טהוט אַ טריט אַריין אין צימער.

ווערלע: ענטשולדיגט, אָבער מיר דוכט, מיין זוהן וואוינט דאָ אין הויז.

גינאַ (מיט אַ געדריקטער שטימע): יאָ.

יאַלמאַר (קומט צו נעהענטער): ווילט איהר ניט זיין אַזוי פריינדליך, הערר ווערלע — ?

װ ע ר ל ע: א דאנק, איך װיל בלױז רײדען מיט מײן זוהן.
ג ר ע ג ע ר ס: יא, װאס איז געשעהן? דא בין איך.
װ ע ר ל ע: איך האב צו רעדען עפּעס מיט דיר, אין דײן צימער.
ג ר ע ג ע ר ס: אין מײן צימער? נו — (װיל געהן).
ג י נ א: נײן, נײן, אײער צימער איז ניט אין א צושטאנד —
װ ע ר ל ע: נו, דאן זאל זײן אויף דרויסען אין קארידאר; איך מוז רײדען מיט דיר עטליכע װערטער אונטער פיער אויגען.
י א ל מ א ר: דאס קען אויך דא געשעהן, העדר װערלע. קום אריין אין דער װאויז־שטוב, רעללינג.
יאלמאר און רעללינג געהען ארויס רעכטס. גינא נעהמט מיט העד־װיג׳ן מיט זיך אין קיך.
ג ר ע ג ע ר ס (נאך א קורצער פּויזע): נא, איצט זײנען מיר אליין.
װ ע ר ל ע: דו האסט נעכטען אבענד געלאזט פאלען עטליכע װערטער— —. און אזוי װי דו האסט זיך ארײנגעצויגען צו די עקדאל׳ס, מוז איך דערפון דרינגען, אז דו האסט װאס עס איז אין זינען געגען מיר.
ג ר ע ג ע ר ס: איך װיל עפענען יאלמאר עקדאל׳ן די אויגען,— דאס האב איך אין זינען. ער זאל זעהן זײן לאגע, װי זי איז, — דאס איז אלעס.
װ ע ר ל ע: איז ד א ס די לעבענס־אויפגאבע, װעגען װעלכער דו האסט נעכטען גערעדט?
ג ר ע ג ע ר ס: יא. דו האסט מיר ניט איבערגעלאזט קײן אנדערע.
װ ע ר ל ע: דאס האב א י ך, הײסט עס פערגיפטעט דײן מוח, גרעגערס?
ג ר ע ג ע ר ס: דו האסט פערגיפטעט מײן גאנצעס לעבען. איך רייד שוין ניט װעגען די אלע געשיכטען מיט דער מוטער — . אבער ד י ר האב איך דאס צו פערדאנקען, װאס איך געה ארום, געיאגט און געפּלאגט פון א שולד־בעלאדענעם געװיסען.

װ ע ר ל ע: אה! מיט דיין געװיכטן הייסט עס, איז ניט גאר גלאט, װי?

ג ר ע ג ע ר ס: איך האב געדארפט ארויסטרעטען געגען דיר, דאמאלס װען ס'איז אװעקגעלעגט געװארען די פאסטקע פאר ליי־טענאנט עקדאל. איך האב איהם געדארפט װארענען; װארים איך האב געהאט אן אהנונג, װאוהין דאס װעט פיהרען.

װ ע ר ל ע: יא, ד א ן איז געװען די צייט צו רײדען.

ג ר ע ג ע ר ס: איך האב ניט געהאט דעם מוטה דערצו; אזוי פייג און איינגעשראקען בין איך געװען. כ'האב אזוי מורא געהאט פאר דיר — דאמאלסט און נאך א לאנגע צייט נאכדעם.

װ ע ר ל ע: װייזט אויס, די מורא איז איצט אריבער.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, גליקליכערװייזע. דאס אונרעכט, װאס איז בעגאנגען געװארען געגען דעם אלטען עקדאל, פון מיר און פון — אנדערע, דאס קען קיינמאל ניט גוט געמאכט װערען; אבער יאלמאר'ן קען איך בעפרייען פון דעם ליגען און דער נארעריי, דורך װעלכע ער געהט צו גרונד.

װ ע ר ל ע: דענקסטו, אז דו װעסט ד ע ר מ י ט טאן א גוטע טהאט?

ג ר ע ג ע ר ס: איך בין פעסט איבערצייגט דעריין.

װ ע ר ל ע: דו מיינסט, הייסט עס, אז פאטאגראף עקדאל איז דער מאן, דיר צו דאנקען פאר אזא פריינדשאפט?

ג ר ע ג ע ר ס: יא, ער איז דער מאן דערצו.

װ ע ר ל ע: הם, — מיר װעלען דאך זעהן.

ג ר ע ג ע ר ס: און אויסער דעם — אויב איך זאל נאך װייטער לעבען, מוז איך זעהן געפינען עפעס א רפואה פאר מיין קראנקען געװיסען.

װ ע ר ל ע: דאס װעט קיינמאל ניט געזונד װערן. דיין גע־װיסען איז פון קינדװייז אן געװען קראנק. דאס איז א ירושה פון דיין מוטער, גרעגערס; — דאס איינציגע, װאס זי האט דיר איבער־געלאזט.

ג ר ע ג ע ר ס (מיט א שפעטישען שמייכעל): דו קענסט איהר

נאך אלץ ניט מוחל זיין פאר וואס דו האסט א טעות געהאט אין חשבון, מיינענדיג, אז זי ברייננגט מיט א פערמעגען מיט זיך?

וו ע ר ל ע: לאמיר ניט ריידען פון זאכען, וואס געהערען ניט אהער. — דו האלטסט זיך אלזא ביי דיין בעשלוס, ארויפצופיהרען דיין עקדאל'ן אויף די שפור, וועלכע דו געפינסט פאר די ריכטיגע?

ג ר ע ג ע ר ס: איך האלט זיך פעסט דערביי.

וו ע ר ל ע: אויף אזא'ן אופן וואלט איך געקענט פערשפארען דעם גאנג אהער. ווארים איצט איז דאך געווים נוצלאז צו פרעגען, אויב דו ווילסט צוריקקומען צו מיר אהיים?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין.

וו ע ר ל ע: און אין די פירמא טרעטסטו אויך ניט אריין?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין.

וו ע ר ל ע: גוט. אבער אזוי ווי איך דענק פון דאס ניי צו הייראטען, מוז דאס פערמעגען צוטיילט ווערן צווישען אונז.

ג ר ע ג ע ר ס (האסטיג): ניין, איך וויל עס ניט.

וו ע ר ל ע: דו ווילסט עס ניט?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, צוליעב מיין געוויסען טאר איך עס ניט.

וו ע ר ל ע (נאך א קורצער פויזע): פאהרסטו צוריק ארויף אין דער פאבריק?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין; איך בעטראכט זיך פאר ארויסגעטרא־טען פון דיין דיענסט.

וו ע ר ל ע: אבער וואס דענקסטו דען צו טאן?

ג ר ע ג ע ר ס: דורכפיהרען מיין לעבענס־אויפגאבע — ווייטער גארנישט.

וו ע ר ל ע: נו, און דאן? פון וואס וועסטו לעבען?

ג ר ע ג ע ר ס: איך האב אבגעשפארט עטוואס פון מיין געהאלט.

וו ע ר ל ע: יא, ווי לאנג וועט דאס אנהאלטען?

ג ר ע ג ע ר ס: איך דענק, עס וועט אויסהאלטען מיין צייט.

וו ע ר ל ע: וואס מיינסטו דערמיט?

ג ר ע ג ע ר ס: איצט ענטפער איך מעהר אויף קיין זאך ניט.

ווערלע: אלזא אדיע, גרעגערס.

גרעגערס: אדיע.

ווערלע אב.

יאלמאר: (קוקט אריין): איז ער שוין אוועק?

גרעגערס: יא.

יאלמאר און רעללינג געהען אריין. גינא און העדוויג קומען אויך אריין פון קיך.

רעללינג: דער פריהשטיק איז אלזא געגאנגען קאפוט.

גרעגערס: טו זיך אן, יאלמאר; דו מוזט מאכען א לאנגען שפאציר מיט מיר.

יאלמאר: מיט פערגניגען. וואס האט דיין פאטער געוואלט? האט זיך דאס געהאנדעלט וועגען מיר?

גרעגערס: קום אקארשט. מיר וועלען ריידען אויף'ן וועג. איך געה נור ארונטער זיך אנטאן מיין פאלטא.. (געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר).

גינא: דו דארפסט ניט געהן מיט איהם, עקדאל.

רעללינג: ניין, טו עס ניט; בלייב דא.

יאלמאר (נעהמט זיין הוט און אויבער־ראק): וואס הייסט פארוואס ניט? ווען א יוגענד־פריינד פיהלט דאס בעדירפניס אויסצוגיסען פאר מיר דאס הארץ אונטער פיער אויגען — !

רעללינג: אבער צום טייוועל, — זעהסטו דען ניט, אז דער בחור איז צודרעהט, פערריקט און משוגע אויף טויט?

גינא: יא, אט הערסטו שוין. זיין מוטער האט אויך צייטענווייז געהאט אזעלכע פעררוקטע אנפאלען.

יאלמאר: אלץ נויטיגער מוז ער האבען דאס וואכזאמע אויג פון א פריינד. (צו גינא'ן.) זעה נור דער מיטאג זאל זיין פארטיג אין דער צייט. אדיע דערווייל.

געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

רעללינג: עס איז ווירקליך אן אונגליק, וואס דער מענש איז ניט געגאנגען צום טייוועל דארט אין איינער פון די האידאלמינען.

ג י נ א: גרויסער גאט! — פארוואס זאגט איהר דאס?

ר ע ל ל י נ ג (מורמעלט): נו יא — איך האב מיר מיינע גרינ־דע דערצו

ג י נ א: דענקט איהר, אז דער יונגער ווערלע איז ווירקליך פעררירקט?

ר ע ל ל י נ ג: ניין, ליידער ניט; ער איז ניט פעררירקטער ווי די מייסטע אנדערע מענשען. נאר איין קראנקהייט שטעקט זיכער אין איהם.

ג י נ א: וואס פעהלט איהם דען?

ר ע ל ל י נ ג: יא, כ'וועל אייך זאגען, פרוי עקדאל. ער ליי־דעט פון א שארפען עהרליכקייטס־פיבער.

ג י נ א: עהרליכקייטס־פיבער?

ה ע ד וו י ג: איז דאס אזא סארט קראנקהייט?

ר ע ל ל י נ ג: יא, ס'איז א נאציאנאלע קראנקהייט; נאר זי איז ניט עפידעמיש; ווייזט זיך נור אין איינצעלנע פעלע. (שאקעלט צו מיט'ן קאפ צו גינא'ן.) בעסטען דאנק פאר'ן פריהשטיק. (געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר).

ג י נ א (געהט ארום אונרוהיג אהין און אהער): אוף, — אט דער גרעגערס ווערלע — ער איז פון אימער אן געווען א מיאוס'ע בריאה.

ה ע ד וו י ג (שטעהט ביים טיש און קוקט אויף איהר מיט פאר־שענדע בליקען): עפעס קומט דאס מיר אלעס אזוי מאדנע פאר!

פ י ע ר ט ע ר א ק ט.

י א ל מ א ר ע ק ד א ל 'ס סטודיא. ס'איז נור וואס אראבגענומען געווארען א פאטאגראפיע; א קאמערא מיט א טוך דעריבער, א געשטעל, א פאר שטוהלען, א סאלאן־טיש און אנדערע זאכען שטעהען פארענט אויף דער ביהנע. נאכמיטאגס־ליכט; די זונן האלט ביים אונטערגעהן, אביסעל שפעטער הויבט אן ווערען פינסטערלאך.

ג י נ א שטעהט אין דער אפענער קארידאר־טיר, מיט א קעסטעל און א נאסער גלאז־פלאטע אין דער האנד, און רעדט מיט אימיצען אויף דרויסען.

ג י נ א: יא, גאנץ בעשטימט. אז איך זאג צו, האלט איךווארט. דער ערשטער טוץ וועט זיין פארטיג מאנטאג. — אדיע, אדיע!

מען הערט, ווי אימיצער געהט ארונטער די טרעפ. גינא פערמאכט די טיר, לייגט אריין די פלאטע אין קעסטעל און רוקט עס אריין אין דער צוגעדעקטער קאמערא.

ה ע ד ו ו י ג (קומט אריין פון קיך): זיי זיינען שוין אוועק?

ג י נ א (ראמט אויף): יא, גאט זיי דאנק, וואס איך בין ענדליך לויז פון זיי.

ה ע ד ו ו י ג: אבער קענסטו זיך ערקלערען, פארוואס דער פאפא איז נאך ניטא אין דערהיים?

ג י נ א: ביסטו זיכער, אז ער איז ניט אונטען ביי רעללינג'ן?

ה ע ד ו ו י ג: נייז, דארט איז ער ניטא; איך בין נאר וואס ארונטערגעלאפען מיט די הינטערשטע טרעפ און האב זיך נאכגע־פרעגט.

ג י נ א: און דא שטעהט זיין עסען און ווערט קאלט.

העדוויג: יאָ, כ'קען עס גאַר ניט פערשטעהן. פּאַפּאַ קומט דאָך אימער אזוי פּינקטליך אהיים צום עסען!

גינאַ: אַ, ער וועט גלייך קומען, דו וועסט זעהן.

העדוויג: יאָ, ווען ער זאָל שוין אַמאָל קומען; אַלעס קומט מיר עפּעס פאַר אזוי מאָדנע היינט.

גינאַ (רופט אויס): אָט איז ער!

יאַלמאַר קומט אַריין דורך די קאָרידאָר־טיר.

העדוויג (געהט איהם אַנטקעגען): פּאַטער! אָה, ווי לאַנג מיר האָבען געוואַרט אויף דיר!

גינאַ (קוקט איהם אָן פון דער זייט): דו האָסט זיך אָבער נישקשה'דיג לאַנג געזאַמט, עקדאָל.

יאַלמאַר (ניט אַ קוק טהוענדיג אויף איהר): כ'האָב זיך לאַנג געזאַמט, יאָ.

ער טוט זיך אויס דעם אויבער־ראָק; גינאַ און העדוויג ווילען איהם העלפען, ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנד און לאָזט זיי ניט.

גינאַ: דו האָסט פיליכט געגעסען מיטאָג מיט ווערלע'ן?

יאַלמאַר (הענגט אויף דעם ראָק): ניין.

גינאַ (געהט צו דער טיר פון קיך): דאַן וועל איך דיר אַריינברייננגען דאָס עסען.

יאַלמאַר: ניין, לאָז זיין. איך וויל גאָרנישט עסען.

העדוויג (קומט צו נעהענטער צו איהם): פיהלסט ניט גוט פאַטער?

יאַלמאַר: גוט? אַ יאָ, צו דערליידען. מיר האָבען געמאַכט אַן אַנשטרענגענדען שפּאַציר, גרעגערס און איך.

גינאַ: דו האָסט ניט געדאַרפט געהן אזוי ווייט, עקדאָל; דו ביסט ניט געוואוינט דערצו.

יאַלמאַר: הם! פאַרהאַן גענוג זאַכען אויף דער וועלט, צו וואָס אַ מאַן מוז געוואוינט ווערן. (געהט אַרום איבער'ן צימער) איז דאָ ווער געוועזן אין דער צייט, וואָס איך בין ניט געוועזן אין דערהיים?

גינאַ: קיינער ניט אויסער די חתן־כלה.

יאלמאר: קיין נייע בעשטעלונגען?

גינא: ניין, היינט ניט.

העדוויג: דו ועסט זעהן, פאטער, מארגען וועט שוין אי־מיצער קומען.

יאלמאר: לאמיר האפען, אז יא! ווארים מארגען דענק איך זיך נעהמען ערנסט צו דער ארבייט.

העדוויג: מארגען! דו האסט זיך גאר פערגעסען, וואס פאר א טאג מארגען איז?

יאלמאר: א יא, ס'איז וואהר — . אלזא איבערמארגען. פון איצט אן וויל איך אלצדינג טאן אליין; כ'וויל די גאנצע ארבייט אליין בעזארגען.

גינא: אבער צו וואס טויג דאס דיר? דערמיט וועסטו זיך בלויז פערדארבען דאס לעבען. איך געה דאך אן מיט'ן פאטאגרא־פירען, און דו קענסט זיך אבגעבען מיט דיין ערפינדונג.

העדוויג: און דאן מיט דער ווילד־ענטע, פאטער, — און מיט אלע היהנער און קראליקעס און — !

יאלמאר: דערמאן מיר גאר ניט אט די אלע נארישקייטען! פון מארגען אן וועל איך מעהר קיין פוס ניט אריינשטעלען אין בוידים.

העדוויג: אבער פאטער, דו האסט דאך מיר פערשפרא־כען צו מאכען מארגען א קליינעם יום טוב —

יאלמאר: הם, דאס איז וואהר. נא, דאן אלזא פון איבער־מארגען אן. דער פערדאמטער ווילד־ענטע וואלט איך אם ליעבסטען געוואלט אבדרעהען דעם האלז!

העדוויג (שרייט): דער ווילד־ענטע!

גינא: האט מען ווען געהערט אזוי וואס!

העדוויג (טרייסעלט איהם): אבער, פאטער, — ס'איז דאך מיין ווילד־ענטע!

יאלמאר: דערפאר טו איך דאך דאס ניט. איך האב ניט קיין הארץ דערצו. — כ'האב ניט קיין הארץ צוליעב דיר, העדוויג. אבער טיעף ביי מיר אינוועניג פיהל איך, אז איך וואלט עס געמוזט

טאָן. איך וואָלט אונטער מיין דאַך ניט געדאַרפט דולדען אַ בעשע־
פעניש, וואָס איז געווען אין די הענד.

גינאַ: אָבער, גאָט מיינער, דערפאַר וואָס דער זיידע האָט
זי געקריגן פון דעם פּראָסטען משרת פּעטערסען —

יאַלמאַר (געהט אַרום איבער׳ן צימער): עס זיינען פאַרהאַן
געוויסע פאַדערונגען — ווי זאָל איך זיי אָנרופען? לאָמיר זאָגען —
אידעאַלע פאָדערונגען, וועלכע אַ מאַן קען ניט אַוועקלעגען אַז אַ זייט
און ער זאָל דערביי ניט שעדיגען זיין זעעלע.

העדוויג (געהט איהם נאָך): אָבער בערעכען פאַרט, די
ווילד־ענטע — די אָרעמע ווילד־ענטע!

יאַלמאַר (בלייבט שטעהן): דו הערסט דאָך, איך וועל זי
שוינען, דיר צוליעב. קיין האָר וועט איהר ניט געקרימט ווערען —
נאַ, ווי געזאָגט, איך וועל זי שוינען. פאַרהאַן גרעסערע אויפגאַבען
צו ערפילען, ווי אָט די דאָ. אָבער איצט מוזט דו אַביסעל אַרויסגעהן
שפּאַצירען, העדוויג, ווי געוועהנליך; ס׳איז גראַד גענוג דונקעל פאַר
דיר.

העדוויג: ניין, איך האָב איצט קיין לוסט ניט צו שפּאַ־
צירען.

יאַלמאַר: יאָ, טו עס; דו פינטעלסט אַזוי מיט די אויגען;
אָט די אַלע דאַמפּפען זיינען ניט גוט פאַר דיר. עס וועהט אַ שווערע
לופט דאָ אונטער דעם דאַך.

העדוויג: נו גוט; כ׳וועל אַרונטערלויפען מיט די הינ־
טערשטע טרעפּ און אַרויסגעהן אַ וויילע שפּאַצירען. — מיין מאַנ־
טעל און מיין הוט? — אַ, זיי זיינען אינעווייניג ביי מיר אין צי־
מער. אָבער פאָטער — דו וועסט דאָך דער ווילד־ענטע גאָר קיין
שלעכטס ניט טאָן, אין דער צייט וואָס איך וועל זיין אין דרויסען?

יאַלמאַר: קיין איין פעדער פון איהר קאָפּ זאָל ניט אָנגע־
ריהרט ווערען! (דריקט זי צו צו זיך) דו און איך, העדוויג — מיר
ביידע! נאַ, געה שוין.

העדוויג טוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ צו איהרע עלטערן און געהט
אַרויס דורך די קיך.

יאלמאר (געהט ארום, ניט אויפהויבענדיג די אויגען): גינא!

גינא: יא?

יאלמאר: פון מארגען אן — אדער לאמיר זאגען פון איבערמארגען אן — וואלט איך וועלען אליין פיהרען דאס ווירטהשאפטס־בוך.

גינא: דאס ווירטשאפטס־בוך ווילסטו איצט אויך פיהרען?

יאלמאר: יא, אדער וועניגסטענס האבען א בעגריעף פון די געלדער, וואס קומען אריין.

גינא: אך, מיין גאט, דאס קען דאך געמאכט ווערען איינס און צוויי.

יאלמאר: עס איז קוים צו גלויבען. מיר קומט פאר, אז דאס געלד האלט ביי דיר אן מערקווירדיג לאנג. (בלייבט שטעהן און קוקט זי אן). ווי קומט דאס?

גינא: דאס קומט דערפאר, ווייל העדוויג און איך דארפען אזוי וועניג האבען.

יאלמאר: איז אמת, אז דער פאטער קריגט אזוי גוט בעצאהלט פאר די שרייב־ארבייטען, וואס ער מאכט פאר דעם אלטען ווערלע?

גינא: איך וויים ניט, אויב דאס איז גוט בעצאהלט אדער ניט. איך וויים דאך ניט די פרייזען פון אזעלכע זאכען.

יאלמאר: נו, וואס קריגט ער, אונגעפעהר? לאמיך הערען!

גינא: דאס איז זעהר פערשיעדען; עס וועט וואהרשיינליך אויסמאכען אזוי פיעל וויפיעל ער קאסט אונז, מיט אביסעל טאשען־געלד דערצו.

יאלמאר: וויפיעל ער קאסט אונז! און דאס האסטו מיר ביז אהער ניט געזאגט!

גינא: ניין, ווי האב איך דאס דיר געקענט זאגען? דו ביסט דאך געווען אזוי צופריעדען, מיינענדיג, אז ער בעקומט אלעס פון דיר.

יאלמאר: און ער קריגט עס פון ווערלע?

גינא: נו יא, זעהסטו, דער אלטער ווערלע האט גענוג, עס פעהלט איהם ניט.

יאלמאר: צינד אן דעם לאמפ!

גינא (צינדט אן): און דאן ווייסען מיר דאך גאר ניט, אויב דאס איז ווערלע אליין; עס קאן דאך פונקט אזוי גוט זיין גראבערג —

יאלמאר: נאך וואס אט דער אויכרייד מיט גראבערג'ן?

גינא: כ'ווייס ניט; כ'האב נור געדענקט —

יאלמאר: הם!

גינא: ניט איך האב דאך דעם אלטען פערשאפט די שרייב־ארבייט. דאס איז געווען בערטא, ווען זי איז אנגעקומען אהין אין הויז.

יאלמאר: מיר דוכט, דיין שטימע ציטערט.

גינא (זעצט ארויף דעם אבאזשור אויף'ן לאמפ): מיין שטימע?

יאלמאר: און דיינע הענד טרייסלען זיך. אדער פיליייכט ניט?

גינא (פעסט): זאג ארויס אפען, עקדאל. וואס האט ער ווענען מיר דערצעהלט?

יאלמאר: איז עס אמת — קען עס אמת זיין, אז — אז צווישען דיר און ווערלע'ן איז געווען א מין פערהעלטנים, בעת דו האסט געדיענט דארט ביי זיי אין הויז?

גינא: דאס איז ניט וואהר. ניט דאמאלסט — דאס ניט. ווערלע איז מיר נאכגעלאפען; דאס קען איך ניט לייקענען. און זיין פרוי האט געגלויבט, אז עפעס שטעקט הינטער דעם, און דער־פאר האט זי געמאכט א גאנצען האקוס־פאקוס און א גרויסען טא־ראראם און האט מיך געשלאגען און מיך געזידעלט אזוי לאנג, ביז וואנען איך בין אוועק פון הויז.

יאלמאר: אבער דערנאך? שפעטער?

גינא: יא, דאן בין איך געקומען אהיים. און די מוטער—

זי איז ניט געווען אזא ראיעלע פרוי, ווי דו האסט געדענקט, עקדאל; און זי האט גערעדט און גערעדט איבער מיר און מיר פארגעזאגט אלע גליקען; ווארים ווערלע איז דאך שוין געווען אז אלמן דאן.

יאלמאר: נו, און דאן?

גינא: יא, ס'איז בעסער, דו זאלסט עס וויסען. ער האט מיך ניט אבגעלאזט, ביז וואנען ער האט אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט.

יאלמאר (גיט א פאטש מיט די הענד): און דאס איז די מוטער פון מיין קינד! ווי האסטו מיר געקענט פערשווייגען אזא זאך?

גינא: יא, דאס איז געווען ניט ריכטיג פון מיר; איך האב עס דיר שוין לאנג געדארפט זאגען.

יאלמאר: גלייך האסטו עס מיר געדארפט זאגען; — דאן וואלט איך דאך געוואוסט, וואס פאר א סארט פרוי דו ביסט געווען.

גינא: אבער וואלסטו דאן דאך געהייראט מיט מיר?

יאלמאר: ווי קענסטו גאר דענקען פון אזוי וואס?

גינא: נייז, גראד דערפאר האב איך דיר דאמאלסט גארנישט געטארט זאגען. ווארים איך האב דאך שוין דאן אזוי פיעל געהאלטען פון דיר, ווי דו ווייסט. און איך האב זיך דאך ניט געקענט אליין מיט מיינע אייגענע הענד אונגליקליך מאכען —

יאלמאר (געהט ארום): און דאס איז די מוטער פון מיין העדוויג! און צו וויכען, אז אלעס, וואס איך זעה דא פאר מיינע אויגען — (טוט א זעץ מיט'ן פוס אן א שטוהל) — מיין גאנצע היים — האב איך צו פערדאנקען א בעגינסטיגטען פארגעגנער! א, אט דער פערפיהרער ווערלע!

גינא: טוט דיר לייד פאר די פערצעהן, פופצעהן יאהר, וואס מיר האבען געלעבט צוזאמען?

יאלמאר (שטעלט זיך אנטקעגען איהר): זאג מיר: האט דיך ניט יעדען טאג, יעדע שטונדע געפלאגט דאס געוויסען, פארוואס

דו האָסט מיך ווי אַ שפּין איינגעשפּונען אין אַ נעץ פֿון ליגען און בעהעלטעניש? ענטפֿער מיר דערויף! האָסטו ניט געקרעכצט פֿאַר חרטה און געוויסענביסען?

גינאַ: אַך, ליעבער עקדאַל, איך האָב געהאַט גענוג און איבער גענוג צו טהאָן, זיך אָבגעבענדיג מיט'ן הויז און מיט דער טעגליכער אַרבייט —

יאַלמאַר: דו האָסט אַלזאָ קיינמאָל גאָר ניט אַ קלער געטאָן וועגען דיין פֿערגאַנגענהייט?

גינאַ: ניין; איין גאָט ווייס, אַז איך האָב שוין כמעט פֿערגעסען, די דאָזיגע אַלטע אינטריגעס.

יאַלמאַר: אָה. אָט די אָבגעטעמפּטע, געפֿיהללאָזע רוה! דאָס אַליין רעגט מיך שרעקליך אויף. בערעכען נור — אפילו קיין געוויסענביסע ניט!

גינאַ: אָבער זאָג מיר נור, עקדאַל, — וואָס וואָלט געוואָרען פֿון דיר, ווען דו וואָלסט ניט געקריגען אַזאַ פֿרוי ווי איך?

יאַלמאַר: אַזאַ — !

גינאַ: יאָ; וואָרים דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אימער געווען אַביסעל פּראַקטישער און איינגעהאַלטענער פֿון דיר. נו, עס פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, איך בין דאָך מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער.

יאַלמאַר: וואָס עס וואָלט פֿון מיר געוואָרען?

גינאַ: דו האָסט זיך דאָן דאָך אַוועקגעלאָזט אויף אַלערליי שלעכטע וועגען, ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל געטראָפֿען; דאָס קענסטו דאָך ניט אָבלייקענען.

יאַלמאַר: אָט דאָס רופֿסטו שלעכטע וועגען? אַך, דו ווייסט ניט, וואָס אַ מאַן מאַכט דורך, ווען ער טרויערט און ווערט פֿערצווייפֿעלט; — און בעזונדערס אַ מאַן מיט מיין פֿייערדיגען געמיטה.

גינאַ: נאַ נאַ, דאָס קען זיך גאַנץ מעגליך זיין. און איך האָב גאָר קיין טענות ניט צו דיר; וואָרים דו ביסט דאָך געוואָרען אַזאַ האַרציג גוטער מאַן, אַזוי באַלד ווי דו האָסט נור געהאַט אַ

הויז און א היים. — און איצט האבען מיר שוין אנגעהויבען פיהלען אזוי פיין און בעקוועם, העדוויג און איך; מיר האבען שוין געוואלט אין גיכען אנהויבען פערווענדען אביסעלע מעהר אויף עסען און קליידער פאר אונז —

יאלמאר: אין דעם זומפּ פון די פערבארגענישען, יא!

גינא: אך, האט דער שווארץ יאהר געדארפט אנטראגען אט דעם עקעלהאפטען מענשען אהער אין הויז!

יאלמאר: אויך מיר האט זיך געדוכט, אז עס איז אזוי גוט דא אין אונזער היים. ס'איז געווען א טעות. פון וואנען זאל איך איצט נעהמען די נייטיגע שפאנקראפט אריבערצופיהרען די ערפינדונג אין די וועלט פון דער ווירקליכקייט? פיליכט וועט זי שטארבען מיט מיר. און דאן וועט דאס זיין דיין פערגאנגענהייט, גינא, וואס האט זי ערמארדעט.

גינא (האלט ביי וויינען): ניין, דאס דארפסטו ניט זאגען, עקדאל. איך, וועלכע האב מיין לעבען-לאנג נור געהאט אין זינען דאס בעסטע פאר דיר —

יאלמאר: איך פרעג — וואס וועט איצט ווערן פון'ם טרוים פון דעם פאמיליען-פאטער? ווען איך בין געלעגען אינעווענינג אויף דער זאפא און האב זיך געגריבעלט איבער דער ערפינדונג, האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז זי וועט פערצעהרען מיין לעצטע ביסעל לעבענס-קראפט. איך האב געפיהלט, אז דער טאג, ווען איך וועל האלטען דעם פאטענט אין דער האנד, — אז אט דער טאג וועט זיין מיין — מיין אבשיעדס-טאג. און עס איז אימער געווען מיין טרוים, אז דו זאלסט בלייבען אלס די רייכע אלמנה פון דעם פער-שטארבענעם ערפינדער.

גינא (ווישט זיך אויס די טרעהרען): ניין, דו דארפסט ניט ריידען אזוי, עקדאל. זאל מיך גאט גאר ניט לאזען דערלעבען דעם טאג, ווען איך זאל בלייבען אן אלמנה!

יאלמאר: א, ס'איז דאך אלץ איינס; איצט איז דאך אלעס פערביי. אלעס!

גרעגערס ווערלע עפענט פארזיכטיג די קארידאר־טיר און קוקט אריין.

גרעגערס: קען איך אריינקומען?

יאלמאר: יא, קום אריין.

גרעגערס (קומט אריין מיט א שטראהלענדען, צופריעדענעם געזיכט און שטרעקט אויס זיינע ביידע הענד צו זיי): נו, איהר ליעבע מענשען — ! (קוקט פון איינעם צום אנדערן און שעפטשעט צו יאלמאר'ן) נאך ניט געשעהן?

יאלמאר (אין דער הויך): עס איז געשעהן!

יאלמאר: איך האב איבערגעלעבט די ביטערסטע שטונדע פון מיין לעבען.

גרעגערס: אבער אויך די ערהאבענסטע, דענק איך.

יאלמאר: נא, פארלויפיג האבען מיר עס אראבגע'פטר'ט.

גינא: זאל אייך גאט פערצייהען, הער ווערלע.

גרעגערס (שטארק פערוואונדערט): אבער איך פערשטעה ניט.

יאלמאר: וואס פערשטעהסטו ניט?

גרעגערס: אזא גרויסע אברעכנונג, — אן אברעכנונג, אויף וועלכער עס דארף געגרינדעט ווערן א גאנץ נייע לעבענס־פיהרונג, — א לעבענס־פיהרונג, א צוזאמענלעבען אין וואהרהייט און אויפריכטיגקייט —

יאלמאר: יא, כ'וויים שוין; כ'וויים עס גאנץ גוט.

גרעגערס: איךהאב זיכער ערוואַרטעט, אז ווען איך וועל אריינקומען אהער, וועט מיר אנטקעגענשטראהלען א ליכט פון אומגעשטאלטונג פון מאן און פרוי. און איצט זעה איך קיין אנדער זאך ניט, נאר א טעמפע, שווערע, מרה־שחורה'דיגע —

גינא: אה, דאס איז דאס?

נעהמט ארונטער דעם אבאזשור פון לאמפ.

גרעגערס: איהר ווילט מיך ניט פערשטעהן, פרוי עקדאל. נו יא; אייך מוז נאך נעהמען א צייט — . אבער דו, יאלמאר! דו

מוזט דאך זיכער פיהלען א מין העכערע איינוויהנונג נאך דער גרויסער אברעכנונג.

יאלמאר: יא נאטירליך. דאס הייסט — געוויסערמאסען.

גרעגערכ: ווארים קיין זאך אין דער וועלט קען דאך ניט פערגליכען ווערן דערמיט — צו פערגעבען א זינדעריין און זי אויפהויבען צו זיך אין ליעבע.

יאלמאר: דענקסטו, אז א מאן קען אזוי לייכט איבערקומען די ווירקונג פון דעם ביטערן טראפען, וואס איך האב נור וואס אויסגעטרונקען?

גרעגערס: ניין, א געוועהנליכער מאן ניט; דאס קען זיך זיין. אבער א מאן ווי דו —!

יאלמאר: יא, ליעבער גאט, דאס ווייס איך גאנץ גוט. אבער דו מוזסט מיך אויפמונטערן, גרעגערס. ס'נעהמט צייט, פערשטעהסטו מיך.

גרעגערס: דו האסט פיעל פון דער ווילד־ענטע אין דיר, יאלמאר.

רעללינג איז אריינגעקומען דורך די קארידאר־טיר.

רעללינג: זעה נאר; מען רעדט שוין וויעדער פון דער ווילד־ענטע?

יאלמאר: יא, פון דעם אלטען ווערלע'ס יאגד־אפפער מיט דעם צובראכענעם פליגעל.

רעללינג: דעם אלטען ווערלע'ס —? פון איהם רעדט איהר דאס?

יאלמאר: פון איהם און — פון אונז.

רעללינג (מיט א נידעריגער שטימע צו גרעגערס): כאפט אייך דער טייוועל!

יאלמאר: וואס זאגסטו דארט?

רעללינג: כ'האב בלויז אויסגעדריקט א וואונש פון טיעפען הארצען, אז אט דער באבסקער דאקטאר דא זאל זיך אבטראגען פון דאנען אזוי גיך ווי מעגליך. בלייבט ער דא, איז ער דער ריכטיגער מאן אייך ביידען משוגע צו מאכען.

גרעגערס: זיי ביידען מאכט מען ניט משוגע, הערר רעל־לינג. פון יאלמאר'ן וויל איך גאר ניט ריידען. איהם קענען מיר. אבער אויך זי האט אין גרונד פון איהר וועזען עטוואס טריי־הארציגעס, עטוואס פעסטעס —

גינא (האלב וויינענדיג): הלואי וואלט איהר מיר געלאזט וויטער זיין דאס, וואס איך בין!

רעללינג (צו גרעגערס): איז עס צו גראב איך צו פרעגען, וואס איהר ווילט אייגענטליך דא אין הויז?

גרעגערס: איך וויל לעגען דעם גרונד צו א וואהרער הייראט.

רעללינג: איהר געפינט אלזא, אז עקדאל'ס הייראט איז ניט גוט גענוג, ווי זי איז.

גרעגערס: זי איז אהן צווייפעל פונקט אזא גוטע הייראט ווי, ליידער, אזוי פיעל אנדערע. אבער א וואהרע הייראט איז זי נאך ניט.

יאלמאר: דו, רעללינג, דו האסט קיינמאל ניט געהאט קיין אויג פאר די אידעאלע פאדערונג.

רעללינג: דומהייטען, מיין ליעבער! אבער ענטשולדיגט, הערר ווערלע: וויפיעל, — אזוי נור, אז ערך — וויפיעל וואהרע הייראטען האט איהר שוין געזעהען אין אייער לעבען?

גרעגערס: איך גלויב קוים, צי איך האב געזעהן איין איינציגע.

רעללינג: איך אויך ניט.

גרעגערס: אבער איך האב געזעהן אונצעהליגע הייראטען פון דעם פערקעהרטען סארט. און איך האב געהאט די געלעגנהייט זיך צו צוקוקען פון דער נאהענט און זעהען, וואס פאר א חורבן אזא מין הייראט קען אנמאכען אין צוויי מענשליכע זעעלען.

יאלמאר: דער גאנצער מאראלישער גרונד קען פערשווינדען ביי א מאן אונטער די פיס; דאס איז שרעקליכער פון אלצדינג.

רעללינג: איך בין דאך קיינמאל ניט געווען וואס מען

רופט פערהייראט; דערפאר קען איך ניט אורטיילען איבער אט די זאכען. אבער אזויפיעל ווייס איך דאך, אז צו א הייראט געהערט אויך דאס קינד. און דאס קינד זאלט איהר צורוה לאזען.

יאלמאר: אה, — הערוויג! מיין ארעמע הערוויג!

רעללינג: יא. הערוויג'ן זאלט איהר אזוי גוט זיין ארויס־לאזען פון דעם גאנצען עסק. איהר ביידע זייט דערוואקסענע מענ־שען; איהר מעגט זיך אייך אין גאט'ס נאמען ארומרייסען און טהאן מיט אייער פערהייראטען לעבען וואס איהר ווילט. אבער מיט הערוויג'ן מוזט איהר זיין פארזיכטיג, זאג איך אייך; זאנסט קענט איהר זי גאנץ לייכט אונגליקליך מאכען.

יאלמאר: אונגליקליך!

רעללינג: יא, אדער זי אליין קען זיך נאך אונגליקליך מאכען — און פיליכט אנדערע מיט איהר.

גינא: אבער ווי אזוי קענט איהר דאס וויסען, רעללינג?

יאלמאר: ס'איז דאך ניט קיין באלדיגע געפאהר פאר איהרע אויגען?

רעללינג: דאס האט גארנישט צו טהאן מיט די אויגען. אבער הערוויג איז אין א קריטישען עלטער. זי קען זיך אריינגעה־מען אין קאפ אלע מעגליכע דומע געשיכטען.

גינא: יא, דאס איז וואהר, — איך האב עס שוין בעמערקט! אפט הויבט זי אן אזוי ווילד ארומצושארען מיט'ן פייער אין קיך. דאס רופט זי זיך שפיעלען אין א שרפה. צייטענווייז האב איך שטארק מורא, זי זאל ווירקליך ניט אונטערצינדען דאס הויז.

רעללינג: זעהט איהר שוין; איך האב עס געוואוסט.

גרעגערס (צו רעללינג): אבער ווי ערקלעהרט איהר זיך דאס?

רעללינג (אונפריינדליך): זי געפינט זיך אין אן איבער־גאנגס־צושטאנד; איהר קאנסטיטוציאן בייט זיך.

יאלמאר: אזוי לאנג ווי דאס קינד האט מיך —! אזוי לאנג ווי איך בין נאך ניט פערפאלען —!

עס הערט זיך א קלאפ אין טיר.

ג י נ א: שטיל, עקדאל; אימיצער איז אין קארידאר. (רופט:) אריין!

פרוי סערבי אין א גאסען־קאסטיום, קומט אריין.

פ ר ו י ס ע ר ב י: גוטען אבענד!

ג י נ א (געהט איהר אנטקעגען): זעה נאר, דאס ביסטו, בערטהא?

פ ר ו י ס ע ר ב י: געוויס בין איך עס. אבער איך קום פיליכט ניט אין א פאסענדער צייט.

י א ל מ א ר: א ניין; א שליח פון י ע נ ע ם הויז —

פ ר ו י ס ע ר ב י (צו גינא'ן): דעם אמת געזאגט, האב איך ניט גערעכענט אין דער צייט צו טרעפען דיינע מענער אין דערהיים; דערפאר בין איך ארויפגעלאפען, זיך אביסעל דורכשמועסען מיט דיר און זאגען זיי־געזונד.

ג י נ א: זיי־געזונד? דו פאהרסט אוועק?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, מארגען אין דערפריה; — ארויף אין האידאל. הערר ווערלע איז היינט נאכמיטאג אוועקגעפאהרען. (פון דער זייט צו גרעגערס.) כ'קען אייך זאגען אדיע אין זיין נאמען.

ג י נ א: איי, וואס דו זאגסט!

י א ל מ א ר: אזוי? הערר ווערלע איז שוין אוועקגעפאהרען? און איצט פאהרט איהר איהם נאך?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, וואס זאגט איהר ד ע ר צ ו, עקדאל?

י א ל מ א ר: איך זאג: היט זיך!

ג ר ע ג ע ר ס: איך וועל עס דיר ערקלעהרען. מיין פאטער האט חתונה מיט פרוי סערבי.

י א ל מ א ר: האט חתונה מיט איהר!

ג י נ א: אך, בערטהא; אלזא דאך ענדליך!

ר ע ל ל י נ ג (מיט אביסעל א ציטערענדער שטימע): דאס איז דאך געוויס ניט וואהר?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, מיין ליעבער רעללינג, דאס איז ווירקליך וואהר.

ר ע ל ל י נ ג: איהר האט אלזא ווידער אמאל התונה?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, עס זעהט אוים אזוי. ווערלע האט ארויסגענומען א הייראטס־שייז, און מיר וועלען מאכען א גאנץ שטילע האכצייט אויבען אין האידאל.

ג ר ע ג ע ר ס: דאן מוז איך אייך אלס גוטער שטיפזוהן ווינשען גליק.

פ ר ו י ס ע ר ב י: איך דאנק אייך, — אויב איהר מיינט עס אויפריכטיג. און איך האף, אז עס וועט זיין מיט גליק אי פאר ווער־לע'ן, אי פאר מיר.

ר ע ל ל י נ ג: דאס קענט איהר גאנץ בעשטימט האפען. הערר ווערלע שכור'ט זיך קיינמאל ניט אן — אזוי וויט ווי א י ך וויים; און ער האט אויך זיכער ניט די געוואוינהייט זיינע פרויען צו שלא־גען, ווי דער זעליגער פערד־דאקטאר פלעגט טהאן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: אך, לאזט כערבי'ן רוהען, וואו ער רוהט. ער האט דאך אויך געהאט זיינע גוטע זייטען.

ר ע ל ל י נ ג: אבער הערר ווערלע האט די בעסערע זייטען, — ניטוואהר?

פ ר ו י ס ע ר ב י: ער האט יעדענפאלס ניט פערשווענדעט דאס בעסטע אין זיך. דער מאן, וואס טהוט ד א ס, דער מוז אויך טראגען די פאלגען דערפון.

ר ע ל ל י נ ג: היינט אבענד געה איך אוים מיט מאלוויק'ן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: איהר טארט עס ניט טהאן, רעללינג. טהוט עס ניט; — מיר צוליעב.

ר ע ל ל י נ ג: דאס קען שוין אנדערש ניט זיין. (צו יאל־מאר'ן): אויב דו ווילסט געהן מיט אונז, טא קום.

ג י נ א: נייז, א שעהנעם דאנק. עקדאל געהט ניט מיט אויף א ז ע ל כ ע וואנדערונגען.

י א ל מ א ר (אין כעס, מיט א נידעריגער שטימע): א, האלט דאס מויל!

ר ע ל ל י נ ג: אדיע, פרוי — ווערלע.

געהט ארוים דורך די קארידאר־טיר.

ג ר ע ג ע ר ס (צו פרוי סערבי) : עס ווייזט אוים, אז איהר און דאקטאר רעלינג קענט זיך צימליך גוט.

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, מיר קענען זיך שוין זייט יאהרען צוריק. ס'איז געווען א צייט, ווען עס האט עפּעס געקענט ווערן צווישען אונז.

ג ר ע ג ע ר ס : א גליק פאר אייך, וואס עס איז גארנישט גע־ווארען דערפון.

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, דאס מעגט איהר נאך אמאל זאגען. אבער איך האב זיך שטענדיג געהיט דערפאר צו האנדלען נאך בלויזע איינדריקע. א פרוי דארף זיך אויך ניט אזוי גלאט אוועק־ווארפען.

ג ר ע ג ע ר ס : האט איהר גאר קיין מורא ניט, אז איך קען געבען מיין פאטער א וואונק ווענען אט דער אלטער בעקאנטשאפט איירער?

פ ר ו י ס ע ר ב י : וואס הייסט? איך האב עס איהם אליין דערצעהלט!

ג ר ע ג ע ר ס : ווירקליך:

פ ר ו י ס ע ר ב י : אייער פאטער ווייסט יעדע קלענסטע קלייניגקייט, וואס מען קען נור מיט א שיין פון וואהרהייט זאגען איבער מיר. איך האב איהם אלעס דערצעהלט. דאס איז געווען די ערשטע זאך, וואס איך האב געטהאן, ווי איך האב נור בעמערקט וואס ער איז אויסען.

ג ר ע ג ע ר ס : דאן זייט איהר אפענהערציגער ווי דאס רוב מענשען, דענק איך.

פ ר ו י ס ע ר ב י : אפענהערציג בין איך שטענדיג געווען. דערמיט קומען מיר פרויען אם ווייטסטען.

י א ל מ א ר : וואס זאגסטו דערצו, גינא?

ג י נ א : אה, מיר פרויען זיינען דאך אזוי פערשיעדען. די איינע האנדעלט אזוי, די אנדערע אנדערש.

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, גינא, אבער איך מיין, עס איז אם קליגסטען צו טהאן, ווי איך האב געטהאן. און ווערלע האט אויך

גארנישט בעהאַלטעז פון מיר, וואָס זיין פערזאָן אנבעלאַנגט. זעה־כטו, ד אָ ס גראַד האָט אונז אָם מייסטעז אזוי פעסט פערבונדעז. איצט קעז ער זיצעז און ריידעז מיט מיר אזוי אפעז, ווי א קינד. דערצו האָט ער פריהער קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט. ער, דער געזונדער, לעבענס־קרעפטיגער־מאַז, האָט אין זיין גאַנצער יוגענד און זיינע בעסטע יאָהרעז קיין אַנדער זאַך ניט געהערט ווי נור דרשות פול מיט מוסר און שטראָף־רייד. און אָפטמאָל האָבעז זיך אָט די דרשות געדרעהט בלויז אַרום איינגערעדטע זאַכעז — ווענינגסטענס, ווי איך קען אורטהיילעז דערפון, וואָס איך האָב גע־הערט.

ג י נ אַ: יאַ, דאָס איז ווירקליך וואָהר.

ג ר ע ג ע ר ס: אויב די דאַמעז האָבעז בדעה אַנצוגעהן מיט ד ע ם געשפרעך, דאַן וועל איך בעסער אַוועקגעהן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: ניין, צוליעב דעם דאַרפט איהר ניט אַוועקגעהן. איך וועל מעהר קיין וואָרט ניט ריידעז. אָבער איך האָב אייך נור געוואָלט קלאָר מאַכעז, אַז איך בין ניט אַנגעגאַנגעז מיט קיין בעהעלטענישעז אָדער מיט וואָס פאַר עס איז הינטערוועגעז. עס קען פיליכט אויסקוקעז, אַז איך מאַך דאַ אַז אונגעהייער גרויס גליק; און אין א געוויסעז זינן איז דאָס ווירקליך אזוי. אָבער איך מיין דאָך, אַז איך נעהם ניט מעהר איידער איך גיב. איך וועל איהם קיינמאָל ניט פערלאַזעז. און איהם דיענעז און ניצליך זיין, דאָס קען איך בעסער ווי יעדע אַנדערע; בעזונדערס איצט, ווען ער וועט באַלד זיין הילפלאָז.

י אַ ל מ אַ ר: הילפלאָז וועט ער זיין?

ג ר ע ג ע ר ס (צו פרוי סערבי): נו יאַ, אָבער רעדט דאָ ניט דערפון.

פ ר ו י ס ע ר ב י: עס האָט קיין זינן ניט מעהר זיך צו בע־האַלטעז דערמיט, ווי גערן ער זאָל עס ניט וועלעז. ער ווערט בלינד.

י אַ ל מ אַ ר (ציטערט אויף): ער ווערט בלינד? דאָס איז דאָך מאָדנע. — ער ווערט אויך בלינד?

ג י נ א: ווייניג מענשען ווערען בלינד!

פ ר ו י ס ע ר ב י: און מען קען זיך פארשטעלען, וואס דאס בעטייט פאר א געשעפטסמאן. נו, איך וועל פרובירען צו בענוצען מיינע אויגען פאר איהם, אזוי גוט ווי איך וועל נור קענען. אבער איצט מוז איך שוין געהן; איך האב נאך אזויפיעל צו טהאן. — יא, נאך עפעס; אייך, עקדאל, האב איך איבערצוגעבען, אז אויב ווערלע קען אייך מיט וואס עס איז דיענען, דארפט איהר זיך בלויז ווענדען צו גראבערג'ן.

ג ר ע ג ע ר ס: דעם אנבאט וועט יאלמאר עקדאל געוויס צו־ריקווייזען מיט דאנק.

פ ר ו י ס ע ר ב י: ווירקליך? מיר דוכט, פריהער איז ניט געווען אזוי —

ג י נ א: נייז, בערטהא, עקדאל דארף איצט גארנישט האבען פון הערר ווערלע.

י א ל מ א ר (לאנגזאם און מיט בעטאנונג): ווילט איהר אזוי גוט זיין אבגעבען אייער צוקינפטיגען מאן א גרוס פון מיר און איהם זאגען, אז איך האב בדעה גאר אין גיכען אריבערצוגעהן צו הערר גראבערג —

ג ר ע ג ע ר ס: וואס! דאס ווילסטו?

י א ל מ א ר: — אריבערצוגעהן צו הערר גראבערג, זאג איך, און פערלאנגען א רעכנונג פון דער סומע, וואס איך בין שולדיג זיין פרינציפאל. איך וויל בעצאהלען אט דעם עהרען־חוב! אבער גענוג. איך וויל בעצאהלען אלעם מיט פינף פראצענט צינזען.

ג י נ א: אבער, ליעבער עקדאל, איין גאט ווייסט דאך, אז מיר האבען ניט דאס געלד דערצו.

י א ל מ א ר: זייט אזוי גוט און זאגט אייער חתן, אז איך ארבייט פלייסיג אויף מיין ערפינדונג. זאגט איהם אויך, אז דאס, וואס האלט מיך אויף די פיס ביי אט דער אנשטרענגענדער בעשעפ־טיגונג, איז דער וואונש לויז צו ווערען פון א פיינליכער שולדען־לאסט. דערפאר מאך איך די ערפינדונג. דעם גאנצען פראפיט וועל

איך פערוועגדעז דערויף, זיך צו בעפרייען פון מיינע געלדליכע פער־ פליכטונגען צו אייער צוקינפטיגען מאן.

פ ר ו י ס ע ר ב י : דא איז הויז איז שוין וואס עס איז פאר־ געקומען.

יא ל מ א ר : יא, אזוי איז דאס.

פ ר ו י ס ע ר ב י : נו אלזא, אדיע. איך וואלט נאך געוואלט ריידען מיט דיר וועגען עפעס אנדערש, גינא; אבער מיר קענען עס לאזען אויף אן אנדערס מאל. אדיע!

יאלמאר און גרעגערס פערנייגען זיך, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט. גינא בעגלייט פרוי סערבי'ן ביז דער טיר.

י א ל מ א ר : ניט אריבער די שוועל, גינא!

פרוי סערבי געהט אוועק; גינא פערמאכט די טיר הינטער איהר.

י א ל מ א ר : נא, גרעגערס; ענדליך האב איך דאך אראבגע־ווארפען אט די דריקענדע שולדען־לאסט פון זיך.

ג ר ע ג ע ר ס : דו וועסט עס יעדענפאלס אין גיכען קענען טהאן.

י א ל מ א ר : איך דענק, מיין האלטונג קען אנגערופען ווערען קארעקט.

ג ר ע ג ע ר ס : דו ביסט דער מאן, פאר וועלכען איך האב דיך אימער געהאלטען.

י א ל מ א ר : אין געוויסע פעלע איז עס אונמעגליך ניט צו קוקען אויף די אידעאלע פאדערונגען. דאך אבער אלס פאמיליען פאטער קומט עס מיר אן זעהר שווער. ווארים דו מעגסט מיר גלוי־בען, עס איז ניט קיין שפאס פאר א מאן אהן מיטלען צו וועלען בע־צאהלען א לאנג־יעהריגען חוב, אויף וועלכען עס ליעגט, אזוי צו זא־גען, דער שטויב פון דער פערגעסענהייט. אבער עס קען אנדערש ניט זיין; דער מענש איז מיר פאדערט אויף זיין רעכט.

ג ר ע ג ע ר ס (לעגט ארויף זיין האנד אויף יאלמאר'ס שולטער): ליעבער יאלמאר, — איז עס ניט גוט געווען, וואס איך בין געקומען?

י א ל מ א ר : יא.

ג ר ע ג ע ר ם: ביסטו ניט צופריעדען, וואס דו ווייסט איצט דעם גאנצען אמת וועגען די אלע פערהעלטניסען?

י א ל מ א ר (אביסעל אונגעדולדיג): יא, געוויס. אבער איין זאך רייצט אויף מיין געפיהל פון גערעכטיגקייט.

ג ר ע ג ע ר ס: און וואס איז דאס אזוינס?

י א ל מ א ר: דאס, וואס — אבער איך וויים ניט, אויב איך קען זיך אזוי פריי אויסדריקען וועגען דיין פאטער.

ג ר ע ג ע ר ס: אויף מיר דארפסטו גארנישט קוקען; קענסט זאגען וואס דו ווילסט.

י א ל מ א ר: נו גוט. איך מיין, איז עס ניט פיינליך צו דענקען, אז ניט א י ך, נאר ע ר פערווירקליכט איצט די וואהרע הייראט?

ג ר ע ג ע ר ס: אבער ווי קענסטו זאגען אזא זאך?

י א ל מ א ר: עס איז דאך אזוי. דיין פאטער און פרוי סערבי געהען איצט איין אין א הייראטס־לעבען, וואס איז בעגרינדעט אויף פולען צוטרוי, אויף דער פולער און גאנצער אפענהערציגקייט פון ביידע זייטען. זיי בעהאלטען גארנישט איינער פון אנדערן; זייער פערהעלטנים איז בעגרינדעט, אויב איך קען זיך אזוי אויסדריקען, אויף געגענזייטיגע פערגעבונג פון זייערע זינד.

ג ר ע ג ע ר ס: נו יא, און ווייטער?

י א ל מ א ר: יא, וואס נאך? איז דען דאס ניט אלעס, וואס מען דארף? לויט דיינע אייגענע ווערטער דארף מען דאך נור איבערקומען אט די שוועריגקייט, אום צו גרינדען אן אמת'ע הייראט.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער דאס איז דאך גאר עפעס אנדערש, יאלמאר. דו ווילסט דאך געוויס ניט פערגלייכען דיך און דיין פרוי מיט אט די ביידע —? דו פערשטעהסט דאך, וואס איך מיין.

י א ל מ א ר: קענסט זאגען וואס דו ווילסט, אבער איין אט דער גאנצער געשיכטע איז דא עפעס, וואס פערלעצט און קרענקט מיין געפיהל פון גערעכטיגקייט. עס זעהט עפעס אויס, אזוי ווי עס וואלט איבערהויפט ניט געווען קיין השגחה, קיין גערעכטע ארדנונג אויף דער וועלט.

גינא: אום גאטעס ווילען, עקדאל, אזעלכע ווערטער דארפסטו ניט ריידען!

גרעגערס: הם; לאמיר בעסער לאזען צורוה די גאנצע פראגע.

יאלמאר: פון דער אנדערער זייט ווידער קומט מיר פאר, אזוי ווי איך וואלט געזעהן די גערעכטע האנד פון׳ם שיקזאל. ער ווערט בלינד.

גינא: א, דאס איז דאך נאך ניט אזוי זיכער.

יאלמאר: ס׳איז גאר קיין צווייפעל ניטא אין דעם. יעדענפאלס, וואלטען מיר ניט געדארפט אין דעם צווייפלען; ווארים גראד אין דעם פאקט זעהט מען די גערעכטע בעלוינונג, די פערדיענטע שטראף. ער האט אמאל בלינד געמאכט א מענשען וואס האט זיך איהם פערטרויט.

גרעגערס: ליידער האט ער פיעלע בלינד געמאכט.

יאלמאר: און איצט קומט דאס אונדערבארימדיגסטע, געהיימניספולע שיקזאל און פאדערט ווערלע׳ס אייגענע אויגען.

גינא: א, ווי קענסטו זאגען אזעלכע שרעקליכע זאכען! מיר נעהמט אן א שווידער.

יאלמאר: עס שאדט ניט צו פערטיעפען זיך אמאל אין די טונקעלע זייטען פון דעם דאזיין.

העדוויג מיט הוט און מאנטעל, לויפט אריין פרעהליך און אָהן אָן אָטהעם דורך די קארידאר טיר.

גינא: ביסט שוין דא צוריק?

העדוויג: יא. כ׳האב ניט געוואלט געהן ווייטער. און דאס איז גראד גוט געווען; ווארים איך האב געטראפען אימיצען ביי דער טיר.

יאלמאר: געווים די פרוי סערבי.

העדוויג: יא.

יאלמאר (געהט ארויף און אראב): איך האף, אז דו האסט זי געזעהן צום לעצטען מאל.

פויזע. העדוויג קוקט מיט אונרוהיגע בליקען פון איינעם צום אנ־

דערן, אזוי ווי זי וואָלט וועלען אויספאַרשען, אין וואס פאַר א שטימונג זיי געפינען זיך.

העדוויג (קומט צו נעהענטער, מיט אַ לאַשטשענדער מיענע): פאַטער!

יאַלמאַר: נו — וואס איז, העדוויג?

העדוויג: פרוי סערבי האָט עפּעס מיטגעבראכט פאַר מיר.

יאַלמאַר (בלייבט שטעהן): פאַר דיר?

העדוויג: יאָ; עפּעס פאַר מאָרגען.

גינאַ: בערטהאַ האָט דיר אימער געבראכט עפּעס אַ קליי־ניגקייט צו דיין געבורטסטאָג.

יאַלמאַר: וואס איז דאָס?

העדוויג: אָ, דאָס דאַרפסטו נאָך איצט ניט וויסען. די מאמא וועט עס מיר מאָרגען אין דערפריה דערלאַנגען אין בעט.

יאַלמאַר: אָה, אימער אָט די בעהעלטענישען הינטער מיין רוקען!

העדוויג (שנעל): ניין, דו קענסט עס זעהן, אויב דו ווילסט. ס'איז אַ גרויסער בריעף. (נעהמט ארויס דעם בריעף פון דער מאַנטעל־קעשענע.)

יאַלמאַר: אַ בריעף אויך?

העדוויג: יאָ, נור אַ בריעף. דאָס איבעריגע קומט וואהרשיינליך שפּעטער. אבער בערעכען נור — אַ בריעף! איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געקריגען קיין בריעף. און דאָ אויף'ן קאָנ־ווערט שטעהט „פריילין". (לייענט) „פריילין העדוויג עקדאַל". שטעל זיך פאַר — דאָס בין איך!

יאַלמאַר: לאָמיך זעהן דעם בריעף.

העדוויג (דערלאַנגט איהם דעם בריעף): דאָ איז ער.

יאַלמאַר: דאָס איז ווערל'ע'ס האַנדשריפט.

גינאַ: ווייסטו עס זיכער, עקדאַל?

יאַלמאַר: נאָ, זעה אַליין.

גינאַ: אָה, דו מיינסט, איך פערשטעה זיך אויף אַזעלכע זאַכען?

יאלמאר: מעג איך עפענען דעם בריעף — און איהם לע־זען?

העדוויג: יא געוויס, אויב דו ווילסט!

גינא: ניין, ניט איצט, עקדאל; ער איז דאך בעשטימט פאר מארגען.

העדוויג (שטילערהייט): אך, לאז איהם דורכלעזען דעם בריעף! ס'איז געוויס עפעס גוטס; און דאן וועט דער פאטער זיין צופריעדען, און עס וועט דא ווידער ווערן לוסטיג.

יאלמאר: איך קען איהם אלזא עפענען?

העדוויג: יא, זיי אזוי גוט, פאטער. איך בין אזוי נייגיעריג צו וויסען, וואס עס איז.

יאלמאר: גוט. (עפענט דעם בריעף, נעהמט ארויס א פאפיר, לעזט עס דורך און ווערט שטארק צוטראגען.) וואס איז דאס —?

גינא: וואס שטעהט דען דא?

העדוויג: א יא, פאטער — זאג עס אונז!

יאלמאר: זיי שטיל! (לעזט עס נאך אמאל דורך; ער איז געווארען בלייך, נאר ער מאכט זיך מוטה און זאגט): ס'איז א געשענק־בריעף, העדוויג.

העדוויג: ווירקליך! וואס קריג איך פאר א געשענק?

יאלמאר: לעז אליין.

העדוויג געהט צו צום לאמפ און לייענט א ווילע.

יאלמאר (מיט א נידעריגער שטימע, דריקט צונויף די פויס־טען): די אויגען! די אויגען! — און דערצו נאך דער בריעף!

העדוויג (הערט אויף לעזען): יא, אבער מיר דוכט, דאס איז גאר בעשטימט פאר'ן זיידען.

יאלמאר (נעהמט צו ביי איהר דעם בריעף): גינא, — פער־שטעהסטו דאס?

גינא: איך הויב דאך ניט אן צו וויסען, וואס דא טהוט זיך; לאמיך הערען, וואס דאס איז.

יאלמאר: ווערלע שרייבט צו העדוויג'ן, אז איהר אלטער זיידע דארף זיך מעהר ניט פלאגען מיט די שרייב־ארבייטען; ער

קען פון איצט אן קריגען פון דעם קאנטאר הונדערט קראנען א מאנאט

גרעגערס: אהא!

העדוויג: הונדערט קראנען, מוטער! דאס האב איך גע־לעזען.

גינא: דאס איז דאך א גליק פאר'ן זיידען!

יאלמאר: — הונדערט קראנען א מאנאט, אזוי לאנג ווי ער וועט זיך נייטיגען אין דעם, — דאס הייסט נאטירליך, אזוי לאנג ער לעבט.

גינא: נא, דאן איז ער דאך פערזארגט, דער ארימער אלטער.

יאלמאר: אבער איצט קומט עס. דאס האסטו ניט גע־לייענט, העדוויג. דערנאך זאל אט דער געשענק איבערגעהן צו דיר.

העדוויג: צו מיר? דאס גאנצע?

יאלמאר: דיזעלבע סומע איז דיר געזיכערט פאר דיין גאנצעס לעבען, שרייבט ער. דו הערסט, גינא?

גינא: יא, איך הער.

העדוויג: בערעכען נור — אזויפיעל געלד וועל איך קריי־גען! (טרייסעלט איהם.) פאטער, פאטער, ביסטו ניט צופריעדען—?

יאלמאר (ווייכט איהר אויס): צופריעדען! (געהט ארום איבער'ן צימער.) א, וואס פאר א אויסזיכטען — וואסערע פערספעק־טיווען עפענען זיך אויף פאר מיר! ס'איז העדוויג; זי האט ער דאס אין זינען מיט אזא רייכער מתנה!

גינא: נו יא, ס'איז דאך העדוויג'ס געבורטסטאג —

העדוויג: און דו וועסט עס דאך סיי ווי סיי קריגען, פא־טער! דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז איך וועל דאס גאנצע געלד אב־געבען דיר און דער מוטער.

יאלמאר: דער מוטער! דא האבען מיר עס.

גרעגערס: יאלמאר, דאס איז א פאסטקע פאר דיר.

יאלמאר: דענקסטו, אז דאס איז ווידער א פאסטקע?

גרעגערס: היינט אין דערפריה, ווען ער איז דא געווען,

האט ער געזאגט: יאלמאר עקדאל איז ניט דער מאן, פאר וועלכען דו האלטסט איהם.

יאלמאר: ניט דער מאן — !

גרעגערס: דו וועסט שוין זעהן, האט ער געזאגט.

יאלמאר: דו וועסט זעהן, הייסט עס, אז מען קען מיך אבקויפען מיט געלד — !

העדוויג: אבער מוטער, וואס איז דאס?

גינא: געה און טהו אויס דעם מאנטעל און דעם הוט.

העדוויג געהט האלב וויינענדיג ארויס דורך די קיך־טיר.

גרעגערס: יא, יאלמאר, — איצט איז די צייט צו ווייזען ווער עס איז גערעכט, ער אדער איך.

יאלמאר (צורייסט לאנגזאם דאס פאפיר אין צווייען, לייגט אוועק ביידע שטיקער אויף'ן טיש און זאגט): דאס איז מיין ענטפער.

גרעגערס: דאס האב איך ערווארטעט.

יאלמאר (געהט צו צו גינא'ן, וועלכע שטעהט ביים אויווען, און זאגט מיט א נידעריגער שטימע): און איצט אפען ארויס מיט אלצדינג. אויב דאס פערהעלטניס צווישען דיר און איהם האט פאל־שטענדיג אויפגעהערט דאן, ווען דו האסט אנגעהויבען אזוי שטארק האלטען פון מיר, ווי דו רופסט עס, — פארוואס האט ער אונז דא־מאלסט געגעבען די מעגליכקייט צו הייראטען?

גינא: ער האט אודאי געדענקט, אז ער וועט קענען זיין אן איינגעהער ביי אונז אין הויז.

יאלמאר: נור דאס? האט ער ניט קיין מורא געהאט פאר א געוויסער מעגליכקייט?

גינא: איך פערשטעה ניט, וואס דו מיינסט.

יאלמאר: איך וויל וויסען, אויב — דיין קינד האט א רעכט צו לעבען אונטער מיין דאך.

גינא (טהוט זיך א שטעל אויף, איהרע אויגען בליצען): דו פרעגסט דאס!

יאלמאר: דו זאלסט מיר נור ענטפערען אויף דער איי־נער פראגע: געהערט העדוויג צו מיר — אדער — ? נא!

ג י נ א (קוקט איהם אן מיט קאלטע, טראציגע בליקען): איך ווייס ניט.

י א ל מ א ר (טהוט א ציטער): דו ווייסט ניט!

ג י נ א: ווי קען א י ך דאס וויסען? אזא איינע ווי א י ך —

י א ל מ א ר (שטיל, קעהרט זיך אום מיט'ן רוקען צו איהר): דאן האב איך גאר ניט וואס צו טהאן מעהר דא אין הויז.

ג ר ע ג ע ר ס: בעדענק זיך, יאלמאר!

י א ל מ א ר (טהוט זיך אן דעם אויבער-ראק): דא איז זיך גאר-נישט דא וואס צו בעדענקען, פאר א מאן ווי איך בין.

ג ר ע ג ע ר ס: א, דא איז דא אונענדליך פיעל צו בעדענקען. איהר דריי מוזט זיך האלטען צוזאמען, אויב דו ווילסט זיך דער-שלאגען צו דער אפפער-שטימונג פון דער גרויסער פערגעבונג.

י א ל מ א ר: איך וויל עס גארניט. קיינמאל, קיינמאל ניט! מיין הוט! (נעהמט דעם הוט.) מיין היים ליעגט ארום מיר צושמע-טערט אויף שטיקער. (ברעכט אויס אין טרעהרען.) גרעגערס, איך האב מעהר קיין קינד ניט!

ה ע ד ו ו י ג (וועלכע האט אויפגעעפענט די טיר פון קיך): וואס זאגסטו דא! (געהט צו צו איהם.) פאטער, פאטער!

ג י נ א: נא, זעהסטו!

י א ל מ א ר: קום ניט נאהענט צו מיר, העדוויג! געה אוועק, — ווייט אוועק. איך קען דיין אנבליק ניט פערטראגען. א, די אוי-גען — ! אדיע. (לאזט זיך געהן צו דער טיר.)

ה ע ד ו ו י ג (הענגט זיך אן פעסט אן איהם און שרייט הויך אויפ'ן קול): ניין! ניין! געה ניט אוועק פון מיר!

ג י נ א (רופט): קוק אן דאס קינד, עקדאל! קוק אן דאס קינד!

י א ל מ א ר: איך וויל ניט! איך קען ניט! איך מוז ארויס-געהן; — אוועק פון דעם אלעם! (רייסט זיך אב פון העדוויג'ן און געהט ארויס דורך די קארידאר-טיר.)

ה ע ד ו ו י ג (מיט א פערצווייפעלטען בליק): ער געהט אוועק פון אונז! ער וועט שוין קיינמאל ניט צוריקקומען!

ג י נ א: ווייז ניט, העדוויג. דער פאטער וועט זיכער קומען צוריק.

ה ע ד ו ו י ג (ווארפט זיך שלוכצענדיג אויף דער זאפא): ניין, ניין, ער וועט קיינמאל ניט קומען צוריק צו אונז אהיים.

ג ר ע ג ע ר ס: גלויבט איהר מיר, פרוי עקדאל, אז איך האב נור געמיינט דאס בעסטע?

ג י נ א: יא, איהר האט עס אודאי געמיינט; אבער פונדעסט־וועגען זאל אייך גאט מוחל זיין דערפאר.

ה ע ד ו ו י ג (ליעגט אויף דער זאפא): א, איך וועל עס ניט איבערלעבען! וואס האב איך איהם געטהאן? מוטער, דו מוזט איהם צוריקבריינגען אהיים!

ג י נ א: יא, יא; זיי נור רוהיג, וועל איך ארויסגעהן זעהן, וואו ער איז. (טהוט זיך אן דעם מאנטעל.) פיליכט איז ער אריין צו רעללינג'ן. אבער דו מוזט ניט ליעגען דא און שרייען. זאגסטו מיר צו?

ה ע ד ו ו י ג (מיט א קראמפפהאפטען געוויין): יא, איך וועל אויפהערען, כ'וועל אויפהערען; אבי דער פאטער זאל נור צוריק־קומען!

ג ר ע ג ע ר ס (צו גינא'ן, וועלכע וויל געהן): וואלט ניט בע־סער געווען, איהר זאלט איהם אפריהער לאזען אויסצוקעמפפען זיין שמערצענס־קאמפף ביז'ן ענד?

ג י נ א: אה, דאס קען ער טהאן דערנאך. פריהער פון אלצ־דינג מוזען מיר בערוהיגען דאס קינד. (געהט ארויס דורך די קארי־דאר־טיר.)

ה ע ד ו ו י ג (זעצט זיך אויף און ווישט זיך אב די טרעהרען): איצט מוזט איהר מיר זאגען, וואס דאס אלעס בעדייט. פארוואס וויל דער פאטער מעהר ניט וויסען פון מיר?

ג ר ע ג ע ר ס: איהר דארפט זיך ניט נאכפרעגען נאך דעם, ביז וואנען איהר וועט זיין גרויס און דערוואקסען.

הּ ע ד וּ ו י ג (שלוכצט): אבער איך קען דאך ניט אימער בלייבען אזוי שרעקליך פעראומערט, ביז איך וועל זיין גרויס און דערוואקסען. — איך ווייס שוין, וואס דאס איז. — פיליכט בין איך ניט דעם פאפא'ס ריכטיג קינד.

ג ר ע ג ע ר ס (אונרוהיג): ווי האט ד א ס געקענט פאר־קומען?

ה ע ד וּ ו י ג: די מאמא האט דאך מיך געקענט געפינען. און איצט האט זיך דער פאפא פיליכט דערוואוסט דערפון. כ'האב שוין געלייענט וועגען אזעלכע זאכען.

ג ר ע ג ע ר ס: נא, און אויב דאס זאל זיין אזוי —

ה ע ד וּ ו י ג: איך מיין, ער וואלט מיך פונדעסטוועגען גע־קענט פונקט אזוי ליעב האבען. יא, פיליכט נאך מעהר. די ווילד־ענטע האבען מיר דאך אויך געקריגען אלס געשענק, און דאך האב איך זי אזוי שטארק ליעב.

ג ר ע ג ע ר ס (דרעהט אום דעם געשפרעך): יא, ריכטיג! די ווילד־ענטע! לאמיר שמועסען אביסעל פון דער ווילד־ענטע, העד־וויג.

ה ע ד וּ ו י ג: די ארעמע ווילד־ענטע! די וויל ער אויך ניט מעהר האבען פאר די אויגען. שטעלט זיך נור פאר, איהר אבצוודרע־הען דעם האלז!

ג ר ע ג ע ר ס: א, ער וועט דאס ניט טהאן.

ה ע ד וּ ו י ג: ניין, אבער ער האט עס געזאגט. און איך דענק, אז עס איז געווען אזוי העסליך פון דעם פאפא, דאס צו זאגען; ווארים יעדען אבענד דערמאן איך די ווילד־ענטע און מיין געבעט און בעט גאט, ער זאל זי אבהיטען פון טויט און פון אלדאס בייז.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט זי אן): זאגט איהר אייער געבעט יע־דען אבענד?

ה ע ד וּ ו י ג: יא.

ג ר ע ג ע ר ס: ווער האט עס אייך געלערענט צו טהאן?

ה ע ד ו ו י ג: איך אליין. איינמאל איז דער פאפא געווען א ז ו י קראנק און האט געהאט פיאווקעס אויף'ן האלז, און האט גע־זאגט, אז ער קעמפפט מיט'ן טויט.

ג ר ע ג ע ר ס: נו, און — ?

ה ע ד ו ו י ג: דאן האב איך געבעטען גאט פאר איהם, ווען איך בין געלעגען אין בעט. און זייט דאן בין איך געבליבען דערביי.

ג ר ע ג ע ר ס: און איצט בעט איהר אויך פאר די ווילד־ענטע ?

ה ע ד ו ו י ג: איך האב געדענקט, עס איז אם בעסטען אריינ־צונעהמען די ווילד־ענטע אין דעם געבעט; ווארים זי איז דאך איז דער ערשטער צייט געווען אזוי קראנק.

ג ר ע ג ע ר ס: אין דערפריה זאגט איהר אויך א געבעט ?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, דאס ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: פארוואס עפעס אין דערפריה ניט ?

ה ע ד ו ו י ג: אין דערפריה איז דאך ליכטיג, און עס איז ניטא פאר וואס זיך צו שרעקען.

ג ר ע ג ע ר ס: און דער ווילד־ענטע, וועלכע איהר האט אזוי שטארק ליעב, האט אייער פאטער געוואלט אראבדרעהען דעם האלז?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, ער האט געזאגט, עס וואלט געווען אם בעסטען פאר איהם, ווען ער טהוט עס. אבער מיר צוליעב וועט ער זי שוינען. און דאס איז דאך געווען פריינדליך פון דעם פאפא.

ג ר ע ג ע ר ס (אביסעל נעהענטער): אבער אשטייגער ווען א י ה ר זאלט א י ה ם צוליעב פרייוויליג אויפאפפערען די ווילד־ענטע ?

ה ע ד ו ו י ג (שטעהט אויף): די ווילד־ענטע !

ג ר ע ג ע ר ס: ווען איהר זאלט אפפערוויליג אבגעבען פאר איהם דאס בעסטע, וואס איהר האט און וואס איהר קענט אויף דער וועלט ?

ה ע ד ו ו י ג: גלויבט איהר, אז ד א ס וואלט געהאלפען ?

ג ר ע ג ע ר ס: פרואווט עס, העדוויג.

ה ע ד ו ו י ג (שטילערהייט, מיט לייכטענדע אויגען): יא, איך וויל עס פרואווען.

ג ר ע ג ע ר ס: דענקט איהר, אז איהר האט ווירקליך דעם קוראזש דערצו?

ה ע ד ו ו י ג: איך וועל בעטען דעם זיידען, ער זאל פאר מיר דערשיסען די ווילד־ענטע.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, טהוט דאס. אבער זאגט אייער מוטער קיין ווארט ניט וועגען דעם.

ה ע ד ו ו י ג: פארוואס ניט?

ג ר ע ג ע ר ס: זי פערשטעהט אונז ניט.

ה ע ד ו ו י ג: די ווילד־ענטע? איך וועל עס פרואווען מארגען אין דערפריה!

גינא קומט אריין דורך די קארידאר־טיר.

ה ע ד ו ו י ג (געהט איהר אנטקעגען): האסטו איהם געפונען, מוטער?

ג י נ א: ניין, אבער איך האב געהערט, אז ער איז געווען ביי רעללינג'ן און האט איהם מיטגענומען.

ג ר ע ג ע ר ס: ווייסט איהר עס זיכער?

ג י נ א: יא, דעם הויזדיענער'ס פרוי האט עס מיר געזאגט. מאלוויק איז אויך מיטגעגאנגען, האט זי געזאגט.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאס היינט אבענד, ווען ס'איז אזוי נויטיג געווען פאר זיין זעעלע צו קעמפפען אין איינזאמקייט — !

ג י נ א (טהוט אויס איהרע זאכען): יא, די מענער זיינען אזוי פערשיעדען. גאט ווייס, וואו רעללינג האט איהם ערגעץ פערשלעפט! איך בין אריבערגעלאפען צו מאדאם עריקסען; אבער ד א ר ט זיינען זיי ניט געווען.

ה ע ד ו ו י ג (קעמפפט מיט די טרעהרען): א, וואס וועט זיין, אויב ער וועט מעהר גאר ניט צוריקקומען אהיים!

ג ר ע ג ע ר ס: ער ו ו ע ט צוריקקומען אהיים. איך וועל איהם מארגען אין דערפריה אויפזוכען; און דאן וועט איהר זעהן,

ווי ער וועט אהיים קומען. איהר קענט זיך פערלאזען דערויף, העדוויג, און שלאפט רוהיג. גוטע נאכט.

ער געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

העדוויג (ווארפט זיך שלוכצענדיג גינא׳ן אויף׳ן האלז): מוטער, מוטער!

גינא (קלאפט איהר אין פּלייצע און זיפצט): אך יא, רעל־לינג האט רעכט געהאט. אזוי געהט עס, ווען פעררייקטע לייט קומען און לייגען פאר זייער „אינטריקאטע“ פאדערונג.

פינפטער אקט.

יאלמאר עקדאל'ס סטודיא. א קאלט, גראה מארגען־ליכט. נאסער שנעע ליעגט אויף די גרויסע שויבען פונ'ם דאך־פענסטער.

גינא, אנגעטאן אין א קיכען־פארטוך, קומט ארײן פון קיך מיט א שטויב־בעזים און א וויש־טוך; זי געהט צו דער טיר פון דער וואוין־שטוב. אין דערזעלבער רגע קומט העדוויג שנעל ארײן דורך די קארידאר־טיר.

גינא (בלייבט שטעהן): נו?

העדוויג: א, מוטער, איך מיין, ער איז אונטען ביי רעל־לינג —

גינא: זעהסטו שוין!

העדוויג: — ווייל דעם הויז־דיענער'ס פרוי זאגט, זי האט געהערט, אז רעללינג האט מיטגעבראכט צוויי מיט זיך, ווען ער איז ביינאכט אהיים געקומען.

גינא: דאס האב איך טאקע געדענקט.

העדוויג: אבער וואס טויג עס, אז ער וויל ניט ארויפ־קומען צו אונז?

גינא: וועל איך וועניגסטענס ארונטערגעהן און ריידען מיט איהם.

דער אלטער עקדאל אין א שלאפראק און פאנטאפעל און מיט אן אנגעצונדענער פייפע, בעוויזט זיך ביי דער טיר פון זיין צי־מער.

עקדאל: דו, יאלמאר— איז יאלמאר ניטא אין דערהיים?

גינא: ניין, ער איז ארויס אין גאס.

עקדאל: אזוי פריה? און אין אזא פעררינקטען שנעע־

שטורם? נו, יאָ; ווי ער וויל זיך; איך קען דאָך אַליין מאַכען מיין מאָרגען־שפּאַציר. (ער רוקט אָב די טיר פון בוידים אַן אַ זייט; העדוויג העלפט איהם; ער געהט אַריין; זי מאַכט צו די טיר הינטער איהם.)

העדוויג (מיט אַ נידעריגער שטימע): שטעל זיך פאָר, מוטער, ווען דער אָרימער זיידע וועט הערען, אַז דער פאָטער וויל אונז פערלאָזען.

גינאַ: אַך, אונזינן. דער זיידע טאָר קיין וואָרט ניט הערען וועגען דעם. אַ גליק, וואָס ער איז נעכטען ביי דעם גאַנצען סקאַנדאַל ניט געווען אין דערהיים.

העדוויג: יאָ, אָבער —

גרעגערס קומט אַריין דורך די קאָרידאָר־טיר.

גרעגערס: נאָ? האָט איהר אויסגעפונען וואו ער איז?

גינאַ: מען זאָגט, ער איז אונטען ביי רעללינג.

גרעגערס: ביי רעללינג! איז ער ווירקליך אויסגעווען מיט אַט די צוויי מענשען?

גינאַ: יאָ, וואָהרשיינליך.

גרעגערס: יאָ, אָבער ער, וואָס האָט זיך אַזוי גענויטיגט אין ערנסטע עטליכע שטונדען פאַר זיך, אין איינזאַמקייט —

גינאַ: יאָ, איהר מעגט עס נאָך אַמאָל זאָגען.

רעללינג קומט אַריין פון קאָרידאָר.

העדוויג (געהט איהם אַנטקעגען): איז דער פאָטער ביי אייך אין צימער?

גינאַ (גלייכצייטיג): איז ער דאָרט?

רעללינג: יאָ, געוויס איז ער דאָרט.

העדוויג: און איהר זאָגט אונז גאָרנישט!

רעללינג: יאָ, איך בין אַ בעסטיע. אָבער צוערשט האָב איך געמוזט די אַנדער בעסטיע האַלטען אין צוים,—דעם דעמאָנישען נאַטירליך; און דאַן בין איך אַזוי פעסט אַנשלאָפען געוואָרען, אַז —

ג י נ אַ: וואָס זאָגט עקדאַל היינט?

ר ע ל ל י נ ג: ער זאָגט גאָרנישט.

ה ע ד וו י ג: רעדט ער גאָר ניט?

ר ע ל ל י נ ג: קיין איינציג וואָרט ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: נו, יאָ; דאָס קען איך זעהר גוט פערשטעהן.

ג י נ אַ: אבער וואָס זשע טוט ער פאַרט?

ר ע ל ל י נ ג: ער ליעגט אויף דער זאָפאַ און כראָפּעט.

ג י נ אַ: אָ, אַזוי? יאָ, עקדאַל כראָפּעט זעהר שטאַרק.

ה ע ד וו י ג: ער שלאָפט? קען ער שלאָפען?

ר ע ל ל י נ ג: יאָ, עס זעהט אַזוי אויס.

ג ר ע ג ע ר ס: דאָס איז צו בעגרייפען; נאָך דעם זעעלען־קאַמפף, וועלכער האָט איהם פערמאַטערט —

ג י נ אַ: און דאַן איז ער דאָך ניט געוואוינט דערצו, זיך אַרומצוטרייבען ביינאַכט אין דרויסען.

ה ע ד וו י ג: פיללייכט איז דאָס גוט, וואָס ער קען שלאָפען, מוטער.

ג י נ אַ: נאַטירליך איז דאָס גוט. און מען דאַרף זעהן איהם ניט צו פריה אויפצוואוועקען. איך דאַנק אייך, רעללינג. איצט מוז איך אבער אביסעל צוראַמען און ריין מאַכען, און דאַן — . קום, העלף מיר, העדוויג.

גינאַ און העדוויג געהען אריין אין וואוין־צימער.

ג ר ע ג ע ר ס (דרעהט זיך אום צו רעללינג'ן): קענט איהר מיר ערקלערען די גייסטיגע אומוועלצונג, וואָס קומט איצט פאָר אין יאַלמאַר עקדאַל?

ר ע ל ל י נ ג: אַסור אויב איך האָב בעמערקט, אַז אין איהם קומט איבערהויפּט פאָר אַ גייסטיגע אומוועלצונג.

ג ר ע ג ע ר ס: וואָס! אין אַזאַ קריזיס, ווען זיין גאַנץ לעבען בעקומט אַ נייע גרונדלאַגע—? ווי קענט איהר גאָר דענקען, אַז אַזאַ פּערזענליכקייט ווי יאַלמאַר — ?

ר ע ל ל י נ ג: אַך, פּערזענליכקייט — ער! אויב ער האָט ווען געהאַט וואָסער עס איז נייגונג צו די אבנאָרמאַלע ענטוויקלונגען,

וועלכע איהר רופט פערזענליכקייט, קען איך אייך פערזיכערן, אז עס איז פאלשטענדיג אויסגעווארצעלט געווארען פון איהם נאך אין זיינע אינגעלשע יאהרען.

ג ר ע ג ע ר ס: ד א ס וואלט דאך געווען מערקווירדיג, — אז מען בערעכענט די ליעבפולע ערציהונג, וואס ער האט בעקומען.

ר ע ל ל י נ ג: ביי יענע צוויי שטאלצע, היסטערישע יונגפרוי־טאנטען, מיינט איהר?

ג ר ע ג ע ר ס: איך קען אייך נור זאגען, אז דאס זיינען גע־ווען פרויען, וועלכע האבען קיינמאל ניט פערגעסען די אידעאלע פאדערונג; נאר איהר וועט דאך אודאי ווידער חוזק מאכען פון מיר.

ר ע ל ל י נ ג: ניין, איך בין ניט אויפגעלעגט דערצו. איבערי־געגנס ווייס איך אלעס גאנץ גענוי; ווארים ער האט זיך גאר ניט געקענט געגוג אנדערצעהלען וועגען אט די „צוויי זעעלען־מוטערס" זיינע. אבער איך דענק, אז ער האט ניט קיין סך, פאר וואס זיי צו דאנקען. עקדאל'ס אונגליק איז, וואס ער איז אין זיין קרייז אימער געהאלטען געווארען פאר א שיינענדעס ליכט —

ג ר ע ג ע ר ס: און איז ער דאס פילייכט ניט? אין דער טיעפקייט פון זיין נשמה, מיין איך?

ר ע ל ל י נ ג: א י ך האב קיינמאל גאר נישט בעמערקט דערפון. אז זיין פאטער האט געגלויבט אין דעם, איז קיין וואונדער ניט; דער אלטער לייטענאנט איז דאך זיין לעבען לאנג געווען א דומקאפ.

ג ר ע ג ע ר ס: ער איז זיין לעבען לאנג געווען א מאן מיט א קינדערשער נשמה; אבער דאס פערשטעהט איהר דאך ניט.

ר ע ל ל י נ ג: נו, זאל זיין אזוי. אבער ווען דער ליעבער, זי־סער יאלמאר איז מיט מיה און נויט געווארען א סטודענט, דאן האט ער אויך צווישען זינע חברים אנגעהויבען שיינען אלס דאס גרויסע צוקונפטס־ליכט. שעהן איז ער דאך געווען, — דאס האט געצויגען, — רויט און ווייס, — אזוי ווי די קליינע מיידלאך האבען גראד ליעב צו זעהן די יונגע לייט; און וויל ער האט אויך געהאט א ליכט־גע־

ריהרטען געמיטה און א הארץ־געווינענדען טאָן אין זיין שטימע, און ווייל ער האָט אזוי שעהן געקענט דעקלאמירען די פערזען און די געדאַנקען פון אנדערע —

גרעגערס (מיט כעס): רעדט איהר ווירקליך פון יאלמאר עקדאל?

רעללינג: יאָ, מיט אייער ערלויבניש; ווארים אזוי זעהט ער אויס אינעווייניג, דער גײַז, פאַר וועמען איהר וואלגערט זיך אין שטויב.

גרעגערס: כ'מיין, איך בין דאָך אויך ניט אזוי שטאָק־בלינד.

רעללינג: יאָ; יעדענפאלס ניט ווייט דערפון. איהר זייט א קראַנקער מאַן, איהר אויך, פערשטעהט איהר מיך.

גרעגערס: דאָס זייט איהר גערעכט.

רעללינג: יאָ. אייער פאַל איז א קאָמפּליצירטער. צו־ערשט קומט, ווי געזאָגט, דאָס פּלאָגענדע עהרליכקייטס־פיבער; און דאַן, — וואָס איז נאָך ערגער, — געהט איהר אימער ארום אין א דעליריום פון פערגעטערונג; איהר מוזט אימער האָבען עפּעס צו בעוואונדערן אויסערהאלב אייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען.

גרעגערס: פערשטעהט זיך, אז איך מוז עס זוכען אויסער־האַלב מיין אייגענעם איך.

רעללינג: אבער איהר נאַרט זיך אזוי מיאוס אָב אין די גרויסע וואונדער־חיות, וואָס איהר זעהט און הערט. כלומר'שט ארום אייך. דאָ זייט איהר ווידער אמאָל געקומען אין אן ארים הייזעל מיט אייער אידעאַלער פאָדערונג; אין דעם הויז וואוינען ניט קיין צאָהלונגס־פעהיגע לייט.

גרעגערס: אויב איהר האָט ניט קיין בעסערע מיינונג פון יאלמאר עקדאל, וואָס פאַר א פערגניגען קענט איהר האָבען אימער און שטענדיג צו זיין צוזאַמען מיט איהם.

רעללינג: מיין גאָט, איך בין דאָך, מיט רעספּעקט צו מעלדען, א מין דאָקטאָר; נו, מוז איך דאָך אויפפּאַסען אויף די ארעמע קראַנקע, וועלכע וואוינען מיט מיר אין איין הויז.

גרעגערס: א, ווירקליך! יאלמאר עקדאל איז, הייסט עס, אויך קראנק?

רעללינג: דאס רוב מענשען זיינען ליידער קראנק.

גרעגערס: און וואס פאר א הייל־מיטעל ווענדעט איהר אן אין יאלמאר'ס פאל?

רעללינג: מיין געוועהנליכען מיטעל. איך זעה אויפצו־האלטען דעם לעבענס־ליגען אין איהם.

גרעגערס: דעם לעבענס־ליגען? האב איך ריכטיג גע־הערט — ?

רעללינג: יא, איך האב געזאגט: דעם לעבענס־ליגען. ווארים דער לעבענס־ליגען, פערשטעהט איהר מיך, איז דער סטי־מולירענדער, רייצענדער פרינציפ.

גרעגערס: קען איך פרעגען, מיט וואס פאר א לעבענס־ליגען יאלמאר איז אנגעשטעקט?

רעללינג: ניין, א דאנק; אזעלכע געהיימניסע זאג איך ניט אויס קיין באבסקע דאקטוירים. איהר וואלט געוועזן אימ־שטאנד איהם נאך מעהר צו פערפושען. אבער די מעטאדע איז אונפעהלבאר. איך האב זי אויך אנגעווענדעט ביי מאלוויק'ן. איהם האב איך געמאכט „דעמאניש". דאס איז דער בלאטער, וואס איך האב איהם געמוזט ארויפזעצען אויפ'ן נאקען.

גרעגערס: איז ער דען ניט דעמאניש?

רעללינג: וואס, צום טייפעל, הייסט דען דעמאניש? דאס איז דאך ניט מעהר ווי א קוידערוועלש, א פוסט ווארט, וואס איך האב ערפונען, אום איהם צו דערהאלטען ביים לעבען. ווען ניט דאס, וואלט דער ארעמער, גוטער מענש שוין מיט יאהרען צוריק אונטער־געגאנגען אין זעלבסט־פעראכטונג און פערצווייפלונג. און דאן דער אלטער לייטענאנט! אבער דער האט זיך נאטירליך אויסגעפונען זיין אייגען הייל־מיטעל.

גרעגערס: לייטענאנט עקדאל? וואס איז מיט איהם?

רעללינג: יא, שטעלט זיך נור פאר אט דעם אלטען בע־רען־יעגער, וואס לויפט ארום דארט אויף דעם פינסטערן בוידים און

שיסט קראַליקעס! איך זאָג אייך, ס'איז ניטא אויף דער וועלט קיין גליקליכער יעגער, ווי אַט דער אַלטער מאַן, וועז ער קען זיך דאָרט ארומיאגען צווישען די אַלע אַלטע שמאַטעס. די פיער, פינף פער־טריקענטע ווייהנאכטס־בוימער, וועלכע ער האַט אנגעקליבען, זיינען ביי איהם פּונקט ווי דער גאַנצער, גרויסער, פרישער האַיזאַל־וואַלד. דער האָהן מיט די היהנער זיינען פאַר איהם וואַלד־העהנער און וואַלד־היהנער אויף די שפּיצען פון די טאַנענבוימער; און די קראַ־ליקעס, וועלכע שפּרינגען ארום איבער'ן בוידים, דאס זיינען די בע־רען, מיט וועלכע ער ראַנגעלט זיך — ער, דער מוטהיגער מאַן פון דער פרייער לופט!

גרעגערס: יאַ, דער אונגליקליכער, אַלטער לייטענאַנט; ער האַט זיך געמוזט אַבזאָגען פון פיעלע פון זיינע יוגענד־אידעאַלען.

רעללינג: איידער איך פערגעס זיך אַן דעם, יונגער העררוערלע, — בענוצט ניט דאָס פרעמד־וואָרט: אידעאַלען. מיר האָ־בען דאָך דאָס אויסגעצייכענטע נאציאנאַלע וואָרט: ליגענס.

גרעגערס: דענקט איהר, אַז דיביידע זאַכען זיינען פער־וואַנדט איינע מיט דער אַנדערער?

רעללינג: יאַ, אונגעפעהר ווי טיפוס און פויל־פיבער.

גרעגערס: איך וועל ניט רוהען, ביז וואַנען איך וועל האָ־בען ארויסגעראַטעוועט יאַלמאַר'ן פון אייערע לאַפּעס!

רעללינג: דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע פאַר איהם. נעהמט אוועק ביי א מענשען דעם לעבענס־ליגען, און איהר נעהמט ביי איהם אין דערזעלבער צייט אוועק דאָס גליק. (צו העדוויג'ן, וועלכע קומט ארויס פונ'ם וואוין־צימער.) נאַ, קליינע ווילד ענטעל־מוטער, איצט וועל איך ארונטערגעהן און זעהן, אויב דער פּאַפּאַ ליעגט נאָך און דענקט נאָך איבער דער מערקווירדיגער ערפינדונג זיינער.

געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.

גרעגערס (געהט צו נאָהענט צו העדוויג'ן): איך קען זעהן אַן אייך, אַז עס איז נאָך ניט געשעהן.

העדוויג: וואָס? — אָה, מיט דער ווילד־ענטע. ניין.

ג ר ע ג ע ר ס: דער מוטה האט איך פערלאזען, ווען עס איז געקומען די צייט צו האנדלען, ניט וואהר?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, ד א ס ניט. נאר אז איך האב זיך היינט אין דערפריה אויפגעכאפט און זיך דערמאנט אן דעם, וואס מיר האבען גערעדט, איז מיר די זאך פארגעקומען אזוי מאדנע.

ג ר ע ג ע ר ס: מאדנע?

ה ע ד ו ו י ג: יא, איך וויס ניט — . נעכטען אבענד, גלייך אויפ'ן ערשטען מאמענט, איז מיר די זאך פערגעקומען אזוי וואונדער־שעהן; אבער ווען איך האב זיך איבערגעשלאפען און דאן וויעדער נאכגעדענקט דעריבער, דוכט מיר, אז עס לוינט זיך ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: נו יא; ווי האט איהר דען געקענט אויפוואקסען דא אין דעם הויז, און גאר ניט זיין בעשעדיגט אינערליך!

ה ע ד ו ו י ג: דאס קימערט מיך ניט, ווען דער פאפא זאל נור ארויפקומען —

ג ר ע ג ע ר ס: אה, ווען איהר האלט נור אפען די אויגען און זעהט דאס, וואס גיט דעם לעבען זיין ווערטה, — ווען איהר האט נור דעם עכטען, פרעהליכען אפפער־מוטה, דאן וואלט איהר שוין געזעהן, ווי ער וואלט ארויפגעקומען צו אייך. אבער איך גלויב נאך אין אייך, העדוויג.

ער געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

העדוויג געהט ארום א ווייל איבער'ן צימער; דאן וויל זי ארויסגעהן אין קיך; אין דערזעלבער רגע הערט זיך א קלאפ פון אינעווייניג אין דער טיר פון בוידים. העדוויג געהט צו און עפענט אביסעל; דער א ל ט ע ר ע ק ד א ל קומט ארויס; זי רוקט צוריק צו די טיר.

ע ק ד א ל: הם, ס'איז א היבשעס פערגניגען צו מאכען דעם מארגען־שפאציר אליין.

ה ע ד ו ו י ג: האסט גאר ניט קיין לוסט צו געהן אויף דער יאגד, זיידע?

ע ק ד א ל: ס'איז ניט קיין יאגד־וועטער היינט. ס'איז אזוי פינסטער דארט; מען זעהט קוים, וואס טוט זיך פאר די אויגען.

ה ע ד ו ו י ג: דו ווילסט גאר קיינמאל ניט שיסען עפּעס אנ־דערש ווי די קראַליקעס?

ע ק ד א ל: די קראַליקעס זיינען, הייסט עס, ניט גוט גענוג?

ה ע ד ו ו י ג: יאָ, אבער די ווילד־ענטע, צום ביישפּיעל?

ע ק ד א ל: האַ—האַ! האָסט מורא, אז איך וועל דיר דערשי־סען די ווילד־ענטע דיינע? קיינמאל איז לעבען ניט. קיינמאל ניט!

ה ע ד ו ו י ג: נייז, דו וואָלסט עס וואהרשיינליך ניט געקענט; ווילד־ענטען, זאגט מען, איז שווער צו שיסען.

ע ק ד א ל: כ'וואָלט עס ניט געקענט? כ'מיין עפּעס, אז איך קען עס!

ה ע ד ו ו י ג: ווי וואָלסטו געטאָן, זיידע; — איך מיין ניט מיט מ י י ן ווילד־ענטע, נאָר מיט אנדערע?

ע ק ד א ל: כ'וואָלט געזעהן, זיי צו טרעפען אונטער דער ברוסט, פערשטעהסטו מיך; דאס איז דאס זיכערסטע. און דאן מוז מען שיסען א נ ט ק ע ג ע ן די פעדערן, ניט א ו י ף די פעדערן.

ה ע ד ו ו י ג: שטאַרבען זיי דאן, זיידע?

ע ק ד א ל: יאָ, געוויס שטאַרבען זיי — ווען מען שיסט נור ריכטיג. נאָ; כ'מוז אריינגעהן און זיך אביסעל ארומוואשען. הם— כ'וויים שוין — הם.

געהט אריין צו זיך אין צימער.

העדוויג ווארט א ווײַלע, כאַפּט א קוק אויף דער טיר פון וואוין־צימער, דאַן געהט זי צו צו דער ביכער־שאַפע, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, נעהמט אראָב דעם דאָפּעל־רעהריגען פיסטויל פון דער פּאָליצע און בעטראכט איהם. ג י נ אַ, מיט'ן בעזים און שטויב־טוך, קומט ארויס פון דער וואוין־שטוב. העדוויג לעגט שנעל און אונבעמערקט אוועק דעם פיסטויל.

ג י נ א: וואָס שטעהסטו און ראַיעסט זיך אין פאַפּאַ'ס זאכען, העדוויג?

ה ע ד ו ו י ג (געהט אוועק פון דער ביכער־שאַפע): כ'האָב בלויז געוואָלט אביסעל צוראַמען.

ג י נ א: געה בעסער אריין אין קיך און זעה, אז דער קאפע זאל זיין ווארם. איך וועל מיטנעהמען זיין פריהשטיק אויף א טאץ, וועז איך וועל ארונטערגעהן צו איהם.

העדוויג געהט ארויס. גינא הויבט אן אויסקעהרען און ריין מאכען אין סטודיא. — אין א ווײלע ארום עפענט זיך לאנגזאם די קארידאר־טיר, און יאלמער קוקט אריין; ער געהט אנגעטאן אין דעם אויבער־ראק, אבער אהן א הוט; ניט ארומגעוואשען, און זיינע האר זיינען צושויבערט און ניט פערקאמט; זיינע אויגען זיינען קליין און מאט.

ג י נ א (בלייבט שטעהן מיט'ן בעזים אין דער האנד און קוקט איהם אן): אה, ווירקליך, עקדאל, — דו ביסט דאך געקומען?

י א ל מ א ר (קומט אריין און ענטפערט מיט א טעמפער שטימע): איך קום — אום גלייך וויעדער צו פערשווינדען.

ג י נ א: יא, יא, איך קען זיך פארשטעלען. אבער גאט, — ווי דו זעהסט אויס!

י א ל מ א ר: ווי איך זעה אויס!

ג י נ א: און דיין שעהנער ווינטער־ראק! נא, דער איז שוין קאפוט.

ה ע ד ו ו י ג (אין דער קיך־טיר): מוטער, זאל איך —? (דערזעהט יאלמאר'ן, טוט א געשריי פאר פרייד און לויפט צו צו איהם.) א, פאטער, פאטער!

י א ל מ א ר (קעהרט זיך אב און מאכט מיט דער האנד): אוועק, אוועק, אוועק! (צו גינא'ן.) נעהם זי צו פון מיר, זאג איך!

ג י נ א (מיט א נידעריגען טאן): געה אריין אין שטוב, העדוויג.

העדוויג געהט שטיל ארויס.

י א ל מ א ר (איילענדיג, ציהט ארויס דעם שופלאד פון טיש): איך מוז האבען מיינע ביכער מיט מיר. וואו זיינען מיינע ביכער?

ג י נ א: וועלכע ביכער?

י א ל מ א ר: מיינע וויסענשאפטליכע ווערק, נאטירליך — די טעכנישע צייט־שריפטען, וועלכע איך דארף האבען פאר דער ערפינדונג.

ג י נ א (זוכט אין דער ביכער־שאַפע) : זיינען עס אט די דאָ אהן טאָוולען ?

י א ל מ א ר : יאָ, געוויס.

ג י נ א (לעגט אוועק אַ הויפען מיט העפטען אויפ'ן טיש) : זאָל זיי העדוויג פאר דיר אויפשניידען ?

י א ל מ א ר : איך דארף ניט, מען זאל זיי פאר מיר אויפשניי־דען.

קורצע פויזע.

ג י נ א : עס בלייבט אלזאָ דערביי, אז דו געהסט אוועק פון אונז, עקדאל ?

י א ל מ א ר (ראיעט צווישען די ביכער) : דאס פערשטעהט זיך דאָך פון זיך אליין, שיינט מיר.

ג י נ א : נו, יאָ !

י א ל מ א ר (העפטיג) : איך קען דאָך ניט זיין דאָ מיין הארץ זאל יעדע שטונדע דורכגעשטאכען ווערען ווי מיט אַ מעסער.

ג י נ א : זאָל דיר גאָט פערצייהען, וואָס דו גלויבסט אויף מיר אזעלכע שלעכטע זאכען.

י א ל מ א ר : בעוויז מיר — !

ג י נ א : מיר דוכט, ד ו דארפסט בעווייזען.

י א ל מ א ר : נאָך אזא פערגאנגענהייט ווי דיינע ? פארהאַן געוויסע פאדערונגען — איך וואָלט זיי כמעט געקענט אנרופען אי־דעאלע פאדערונגען —

ג י נ א : און דער זיידע ? וואס וועט ווערען פון דעם ארעמען מאַן ?

י א ל מ א ר : איך ווייס אליין מיין פליכט ; דער הילפלאזער געהט מיט מיר. איך וויל ארויסגעהן אין שטאָדט און זעהן אראנ־זשירען — הם — (מיט א האַלבען מויל.) האט אימיצער פילייכט גע־פונען מיין הוט אויף די טרעפ ?

ג י נ א : ניין. האסטו פערלארען דעם הוט ?

י א ל מ א ר : איך האָב איהם נאטירליך געהאט אויפ'ן קאָפּ בייַנאַכטַ, ווען איך בין אהיים געקומען ; אין דעם קען גאָר קיין צוויי־

פעל ניט זיין; נאר היינט אין דערפריה האב איך איהם ניט געקענט געפינען.

ג י נ א: גאט מיינער, וואו ביסטו דען געוועזען מיט אט די צוויי בומלער?

י א ל מ א ר: א, פרעג מיך ניט אזעלכע אונוויכטיגע זאכען. דענקסטו, אז איך בין אין א שטימונג זיך צו דערמאנען אן איינצעל־הייטען?

ג י נ א: ווען דו האסט זיך נור וויניגסטענס ניט פערקיהלט, עקדאל!

גערט ארויס אין קיך.

י א ל מ א ר (רעדט מיט א נידעריגען, פערביטערטען טאן צו זיך אליין, בעת ער לעדיגט אויס דאס טיש־קעסטעל): דו ביסט א שורקע, רעלליננ! — אז אויסוואורף ביסטו! — אה, דו אונפערשעהמטער פערפיהרער! — ווען איך וואלט נור געקענט געפינען אימיצען, וואס זאל דיר אריינשטעכען א מעסער אין הארצען!

ער לעגט אוועק עטליכע אלטע בריעף אן א זייט, געפינט דאס צוריסע־נע פאפיר פון נעכטען, נעהמט עס און קוקט זיך צו צו די שטיקער; הע־רענדיג ווי גינא קומט, לעגט ער זיי שנעל אוועק אן א זייט.

ג י נ א (שטעלט אוועק א טאץ מיט קאפע און אנדערע זאכען אויפ׳ן טיש): דא איז אביסעל ווארעמס, אויב דו האסט לוסט דערצו. און דא האסטו אויך ברויט מיט פוטער און א שטיקעל געפעקעלט פלייש.

י א ל מ א ר (קוקענדיג פון דער זייט אויף דער טאץ): געפעק־עלט פלייש? ניין, קיינמאל ניט אונטער דעם דאך! אמת, ס׳איז שוין באלד פיער און צוואנציג שעה, אז איך האב ניט געהאט קיין בי־סעל נארהאפטע שפייז אין מויל; אבער דאס מאכט ניט אויס. — מיינע נאטיצען! מיינע אנגעפאנגענע לעבענס־עראינערונגען! וואו איז ערגעץ מיין טאג־בוך און מיינע וויכטיגע פאפירען? (עפענט די טיר פון דער וואוין־שטוב, אבער טרעט אב צוריק) דארט איז זי אויך דא!

ג י נ א: אבער גאט מיין גאט, ערגעץ־וואו מוז דאך דאס קינד זיין!

י אַ ל מ אַ ר: גײַ אַרױס.

ער מאַכט פּלאַץ. הערוויג קומט אַרויס אַ דערשראָקענע אין ־סטודיאָ.

יאַלמאַר (מיט דער האַנט אויף דער טיר־קליאַמקע, זאָגט צו גי־נאַ'ן): אין די לעצטע אויגנבליקן, וואָס איך פאַרברענג דאָ אין מיין געוועזענער היים, ווינש איך ניט געשטערט צו ווערן פון פרעמדע פּערזאָנען —

גייט אַריין אין שטוב.

הערוויג (טוט אַ שפּרונג צו דער מוטער, פרעגט מיט אַ שטי־לער ציטערנדער שטימע): מיינט ער דאָס מיך?

גינאַ: בלייב אין קיך, הערוויג; אָדער ניין, — גיי בע־סער אַריין אין דיין אייגענעם צימער. (רעדט צו יאַלמאַר'ן בעת זי גייט אַריין צו אים) וואַרט אַ ווײַלע, עקדאַל; וואַרף ניט אַזוי אַרום אין קאַמאָד; איך ווייס וואו אַלעס ליגט.

הערוויג (שטייט אַ רגע אומבאַוועגליך, דערשראָקן און צו־טומלט, און בייסט צונויף די ליפּן, אום ניט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין. דאַן דריקט זי קראַמפּפהאַפט צוזאַמען די האַנט און זאָגט שטי־לערהייט): די ווילד־ענטע!

זי רוקט זיך שטילערהייט צו צו דער ביכער־שאַפע און נעהמט אַראָב דעם פּיסטויל פון דער פּאָליצע; דאַן עפנט זי אָביסעל אויף די טיר פון בוידעם, גליטשט זיך אַריין און ציהט צו די טיר הינטער זיך.

מען הערט, ווי יאַלמאַר און גינאַ קריגען זיך אַרום אינעווע־ניג אין וואָױן־צימער.

יאַלמאַר (קומט אַרויס מיט עטליכע שרייב־העפטען און אַלטע לויזע פּאַפּירען, וועלכע ער לעגט אַוועק אויף'ן טיש): אָה, וואָס טויג דער טשעמאָדאַן! איך האָב דאָך טויזענדערליי זאַכען מיטצושלעפּען.

גינאַ (גייט אים נאָך מיט'ן טשעמאָדאַן): טו לאָז דערווייל איבער אַלע אַנדערע זאַכען און נעהם בלויז מיט אַ העמד און אַ פּאָר אונטערהויזען.

יאַלמאַר: אָה! — אָט די אָנשטרענגענדע פּאַרבערייטונ־גען — ! (טוט אויס דעם אויבער־ראָק און וואַרפט אים אַוועק אויף דער זאָפע).

גינא: און דא שטעהט דער קאפע און ווערט קאלט.

יאלמאר: הם. (טוט ניט ווילענדיג א זופ און דאן נאך איינ־נעם).

גינא (ווישט אפ די פארענטשעס פון די שטוהלען): שווערער פון אלץ וועט דיר זיין צו געפינען אזא גרויסען בוידים פאר די קראליקעס.

יאלמאר: וואס! אט די אלע קראליקעס זאל איך אויך מיטשלעפען מיט זיך?

גינא: יא, כ'מיין, דער זיידע קען דאך ניט אויסקומען אהן די קראליקעס.

יאלמאר: ער וועט זיך מוזען צו געוועהנען דערצו. איך מוז אויפאפפערן עפעס גרעסערע זאכען ווי קראליקעס.

גינא (שטויבט אב די ביכער־שאפע): זאל איך דיר אריינלע־גען די פלייט אין טשעמאדאן?

יאלמאר: ניין. קיין פלייט פאר מיר. אבער גיב מיר דעם פיסטויל.

גינא: דעם פיסטויל ווילסטו מיטנעהמען?

יאלמאר יא, מיין געלאדענעם פיסטויל.

גינא (זוכט איהם): ער איז ניטא. ער האט איהם אודאי אריינגענומען מיט זיך.

יאלמאר: איז ער אויף'ן בוידים?

גינא: געוויס איז ער דארט.

יאלמאר: הם — דער איינזאמער אלטער מאן.

ער נעהמט א שטיקעל ברויט מיט פוטער, עסט עס און טרינקט אויס די טאס קאפע.

גינא: ווען מיר וואלטען ניט פערדונגען דאס צימער, וואלסטו געקענט אריינציהען אהין.

יאלמאר: איך זאל וואוינען אונטער איין דאך מיט — ! קיינמאל — קיינמאל ניט!

גינא: אבער וואלסטו ניט געקענט בלייבען א טאג אדער

צוויי אין דער וואויז־שטוב? דארט וואלסטו דאך געקענט זיין אליין פאר זיך.

י א ל מ א ר: קיינמאל ניט צווישען אט די ווענד!

ג י נ א: אבער אונטען ביי רעללינג און מאלוויק?

י א ל מ א ר: דערמאן מיר ניט די נעמען פון אט די מענשען! מיר פערגעהט דער אפעטיט. ווען איך דענק נור פון זיי! — א נייז, איך מוז ארויסגעהן אין שטורם און אין דער זאוויערוכע, — ארומגעהן פון הויז צו הויז און זוכען אן אבדאך פאר דעם פאטער און פאר מיר.

ג י נ א: אבער דו האסט דאך ניט קיין הוט, עקדאל! דו האסט דאך פערלארען דיין הוט.

י א ל מ א ר: א, די צוויי אויסוואורפען, פערדארבען ביז'ן ביין! א הוט מוז געשאפען ווערן. (נעהמט א צווייטעס שטיק ברויט מיט פוטער.) עטוואס מוז געטאן ווערן. ווארים איך האב קיין לוסט ניט, צו פערשווענדען מיין לעבען אין גארנישט. (זוכט עפעס אויף'ן טאץ).

ג י נ א: וואס זוכסטו?

י א ל מ א ר: פוטער.

ג י נ א: כ'וועל דיר גלייך ברייננגען.

געהט אריין אין קיך.

י א ל מ א ר (רופט איהר נאך): ס'איז ניט נייטיג; כ'קען עסען טרוקען ברויט.

ג י נ א (ברייננגט אריין א פוטערניצע מיט פוטער): דא האסטו, ס'איז גאנץ פרישע פוטער.

זי גיסט איהם אן נאך א טאס קאפע; ער זעצט זיך אנידער אויף דער זאפא, שמירט אן נאך פוטער אויף דאס ברויט, עסט און טרינקט א ווײלע שווייגענדיג.

י א ל מ א ר: וואלט איך געקענט פאר א טאג אדער צוויי וואוינען דארט אין שטוב, אהן דעם איך זאל בעלעסטיגט ווערן פון אימיצען, — ווער עס זאל ניט זיין?

ג י נ א: יא, זיכער וואלסטו געקענט, ווען דו ווילסט נור.

י א ל מ א ר: ווארים איך זעה גאר קיין מעגליכקייט ניט אזוי אויף איינמאל ארויסצוקריגען דעם פאטער׳ס אלע זאכען.

ג י נ א: און אויסער דעם מוזטו דאך איהם אפריהער זאגען, אז דו ווילסט מעהר ניט וואוינען מיט אונז צוזאמען.

י א ל מ א ר (רוקט אוועק די ליידיגע טאס פון זיך): יא. דאס אויך; אט די גאנצע פערפלאנטערטע געשיכטע פון דאס ניי פונאנדערלעגען — . איך מוז זיך מישב זיין וואס צו טאן; כ׳מוז האבען צייט אבצוכאפען דעם אטהעם; איך קען ניט נעהמען אויף זיך די גאנצע לאסט אין איין איינציגען טאג.

ג י נ א: און דערצו נאך אין אזא עקעלהאפטען וועטער ווי היינט.

י א ל מ א ר (ריהרט אן ווערלע׳ס בריעף): איך זעה, דאס פאפיר וואלגערט זיך נאך דא ארום.

ג י נ א: איך האב עס ניט אנגעריהרט.

י א ל מ א ר: מיך געהט דאך די שמאטע גארנישט אן —

ג י נ א: נא, איך האב זיכער ניט די אבזיכט צו ציהען וואסערע עס איז נוצען דערפון.

י א ל מ א ר: — אבער עס דארף פונדעסטוועגען ניט פערלארען געהן; ווען איך וועל זיך ארויסציהען, קען עס נאך אין דעם מיש־מאש לייכט —

ג י נ א: איך וועל שוין אכטונג געבען דערויף, עקדאל.

י א ל מ א ר: דער געשענק־בריעף געהערט פאר אלע זאכען דעם פאטער; און עס איז זיין זאך צו בעשליסען, אויב ער וויל מאכען נוצען דערפון אדער ניט.

ג י נ א (זיפצט): יא, דער ארעמער, אלטער פאטער!

י א ל מ א ר: פון זיכערהייט וועגען — . וואו קריג איך ערגעץ א שטיקעל פאפ?

ג י נ א (געהט צו צו דער ביכער־שאפע): אט איז דער פאפטאפ.

י א ל מ א ר: און א בערשטעל?

ג י נ א: דא איז אויך דאס בערשטעל.

ברייננגט איהם די זאַכען.

י אַ ל מ אַ ר (נעהמט אַ שערעל) : נור אַ פּאַס פּאַפּיר אויף דער אנדער זייט. (שערט אַב און בעשמירט מיט פּאַפּ.) איך בין ווייט, ווייט דערפון, צו לייגען די האנד אויף פרעמדעס אייגענטהום, — דערצו נאָך פון אַ נויט־בעדערפטיגען אַלטען מאַן. נאַ, און אויך ניט אויף דאָס אייגענטהום פון אַן אנדערן. — נאַ. זאָל עס דערווייל ליעגען דאָ. און ווען עס וועט זיך אַבטריקענען, נעהם עס צו. איך וויל דעם דאָקומענט מעהר ניט האַבען פאר די אויגען. קיינמאָל ניט!

גרעגערס ווערלע קומט אריין פון קאָרידאָר.

ג ר ע ג ע ר ס (אַביסעל פערוואונדערט) : וואָס, — דו זיצסט דאָ, יאַלמאַר?

י אַ ל מ אַ ר (שטעהט שנעל אויף) : איך האָב זיך געמוזט צו־זעצען פאר מיעדקייט.

ג ר ע ג ע ר ס : דו האסט אויך געגעסען פריהשטיק, ווי איך זעה.

י אַ ל מ אַ ר : אויך דער קערפּער פאָדערט צייטענווייז זיין רעכט.

ג ר ע ג ע ר ס : וואָס האסטו בעשלאָסען צו טאָן?

י אַ ל מ אַ ר : פאר אזא מאַן ווי איך איז דאָ נור א י י ן וועג. איך נעהם דאָ צונויף אַלע מיינע נייטיגע זאכען. אבער דו פער־שטעהסט דאָך, — דאָס מאַכט זיך ניט אזוי שנעל.

ג י נ אַ (אַביסעל אונגעדולדיג) : זאָל איך דיר צוגרייטען די שטוב דאָרט, אָדער זאָל איך איינפּאַקען דעם טשעמאָדאַן?

י אַ ל מ אַ ר (נאָך אַ פערדריסליכען זייטען־בליק אויף גרעגערס) : פּאַק איין — און גרייט צו די שטוב!

ג י נ אַ (נעהמט דעם טשעמאָדאַן) : נו, יאָ; כ'וועל אַלזאָ אריינ־לעגען דאָס העמד און די אנדערע זאכען.

געהט אריין אין די וואוין־שטוב און מאַכט צו די טיר הינטער זיך.

ג ר ע ג ע ר ס (נאָך אַ קורצער פּויזע) : איך האָב זיך קיינ־מאָל ניט פאַרגעשטעלט, אז דאָס וועט זיך אזוי ענדיגען. איז עס פאר דיר ווירקליך אַ נויטווענדיגקייט צו פערלאָזען הויז און היים?

י א ל מ א ר (געהט ארום אונרוהיג איבער'ן צימער): וואס דען, דענקסטו, זאל איך טאן? — איך בין ניט געשאפען צו זיין אונגליקליך, גרעגערס. ארום מיר מוז אלעס זיין שעהן און רוהיג און פריידליך.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער קענסטו עס דען איצט ניט האבען? פרוביר עס אקארשט. מיר דוכט, איצט האסטו דא א פעסטען גרונד צו בויען דערויף, — הויב אן פון דאס ניי. און פערגעס ניט, אז דו האסט נאך צו לעבען פאר דיין ערפינדונג.

י א ל מ א ר: אך, רייד מיר ניט פון דער ערפינדונג. עס האלט נאך גאנץ ווייט מיט איהר.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך!

י א ל מ א ר: יא, מיין גאט, וואס קען איך דען אייגענטליך ערפינדען? די אנדערע האבען דאך מיר שוין כמעט אלצדינג אויס־געכאפט. עס ווערט שווערער פון טאג צו טאג —

ג ר ע ג ע ר ס: און דו האסט דאך אריינגעלעגט אזוי פיעל ארבייט אין דעם.

י א ל מ א ר: אך! אט דער ווישטער רעללינג, דער האט עס מיך געבראכט דערצו.

ג ר ע ג ע ר ס: רעללינג?

י א ל מ א ר: יא, ער האט עס מיך צוערשט אויפמערקזאם געמאכט אויף מיין טאלאנט פאר ועלכער עס איז בעדייטענדער ערפינדונג אין דער פאטאגראפיע.

ג ר ע ג ע ר ס: אהא, — דאס איז אלזא געווען רעללינג!

י א ל מ א ר: א, איך בין געווען אזוי גליקליך דעריבער. ניט אזוי שטארק איבער דער ערפינדונג אז און פאר זיך, נאר דערפאר ווייל העדוויג האט געגלויבט אין דעם, — געגלויבט מיט דער גאנ־צער קראפט פון איהר קינדער־זעעלע. — דאס הייסט, — איך, נאר וואס איך בין, האב זיך אימער איינגערעדט, אז זי גלויבט אין דעם.

ג ר ע ג ע ר ס: קענסטו זיך ווירקליך פארשטעלען, אז העד־וויג איז געווען פאלש צו דיר?

י א ל מ א ר: איצט קען איך אלעס דענקען. העדוויג שטעהט

מיר אין וועג. זי נעהמט מיר אוועק די זונן פון מיין גאנצען לעבען.

ג ר ע ג ע ר ס: העדוויג! מיינסטו ווירקליך העדוויג'ן? ווי קען זי אוועקנעהמען די זונן פון דיר?

י א ל מ א ר (ניט ענטפערענדיג אויף דער פראגע): א, איך קען דיר גאר ניט זאגען, ווי ליעב איך האב דאס קינד געהאט! ווי גליקליך איך האב זיך געפיהלט יעדעס מאל, ווען איך פלעג קומען אהיים אין מיין ארעמער וואוינונג, און זי פלעגט מיר אנטקעגען פליהען מיט איהרע ליעבע, פינטעלענדע אויגען. א, לייכט-גלויביגער נאר וואס איך בין געוועזן! איך האב זי אונענדליך געליעבט. און אזוי האב איך זיך אליין ארייגעלעבט אין דעם חלום, אין דער איינבילדונג, אז אויך זי ליעבט מיך פונקט אזוי אונענדליך.

ג ר ע ג ע ר ס: און דו מיינסט, אז דאס איז ווירקליך געווען ניט מעהר ווי אן איינבילדונג!

י א ל מ א ר: ווי קען איך דאס וויסען? פון גינא'ן קען איך דאך גארנישט ארויסקריגען. און אויסערדעם האט זי דאך אבסאלוט ניט קיין געפיהל פאר דער אידעאלער זייט פון די סכסוכים אונזערע. אבער פאר דיר מוז איך עפענען מיין הארץ, גרעגערס. אט דער מורא'דיגער צווייפעל — ; פיליייכט האט מיך העדוויג קיינמאל ניט ליעב געהאט פון גאנצען הארצען.

ג ר ע ג ע ר ס: דערויף קענסטו נאך פיליייכט קריגען א בעווייז. (הערט זיך צו.) אבער וואס איז דאס? מיר דוכט, די ווילד-ענטע שרייט.

י א ל מ א ר: זי קוואקעט. דער פאטער איז אויף'ן בוידים.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך? (ער שטראהלט פאר פרייד) איך זאג דיר, דו קענסט נאך האבען א בעווייז, אז די ארעמע, מיספערשטאנענע העדוויג האט דיך ליעב!

י א ל מ א ר: אך, וואס פאר א בעווייז קען זי מיר געבען? איך גלויב מעהר ניט אין קיין פערזיכערונג פון דער זייט.

ג ר ע ג ע ר ס: העדוויג ווייס נאך ניט, וואס אבנארען הייסט.

י א ל מ א ר: א גרעגערס, גראד אין דעם בין איך ניט זיכער. ווער ווייס, אויב גינא און אט די פרוי סערבי פלעגען ניט זיצען דא און

זיך שושקען איבער אלע מעגליכע זאכען? און הערוויג האלט גע־וועהנליך אפען די אויערן, דאס מעגסטו זיכער זיין. פיליכט איז דער געשענק־בריעף גאר ניט געוועזן אזא איבעררײַשונג פאר איהר. איך קען ניט זאגען זיכער, נאר מיר דוכט, אז איך האב עפעס בע־מערקט אן איהר.

ג ר ע ג ע ר ס: וואס פאר א בייזער גייסט איז פארט אריין אין דיר!

י א ל מ א ר: מיינע אויגען האבען זיך געעפענט. גיב אקארשט אכטונג; — דו וועסט זעהן, דער געשענק־בריעף איז נור אן אנ־פאנג. פרוי סערבי האט זיך אימער שטארק אינטערעסירט מיט הער־וויג'ן; און איצט האט זי דאך די מאכט צו טאן פאר דאס קינד, וואס זי וויל. זיי קענען זי צונעהמען פון מיר, ווען זיי וועלען נור וועלען.

ג ר ע ג ע ר ס: הערוויג וועט קיינמאל, קיינמאל ניט אוועק־געהן פון דיר.

י א ל מ א ר: זיי נור ניט אזוי זיכער דערמיט. ווען זיי וועלען דא שטעהן און מיט פולע הענד ווינקען צו איהר — ? אך, און איך האב זי אזוי אונענדליך ליעב געהאט! איך האב דאך דאס גערעכענט פאר מיין העכסטעס גליק, זי פארזיכטיג אנצונעהמען ביי דער האנד און זי פיהרען ווי מען פיהרט א שרעקעדיג קינד דורך א גרויס, פינסטער און לידיג צימער! איצט פיהל איך נור די גרוי־זאמע געוויסהייט, — אז דער ארעמער פאטאגראף אין זיין דאך־שטיבעל איז פאר איהר קיינמאל ווירקליך און אין דער אמת'ן גאר־נישט געוועזן. זי האט זיך נור אויף א כיטרען אופן בעמיהט אזוי לאנג זיך צו האלטען גוט מיט איהם, ביז די צייט וועט קומען.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס גלויבסטו דאך אליין ניט, יאלמאר.

י א ל מ א ר: דאס איז דאך טאקע דאס שרעקליכסטע אין דער געשיכטע, וואס איך ווייס אליין ניט, וואס איך זאל גלויבען, — און איך וועל עס קיינמאל ניט וויסען. אבער קענסטו דען ווירקליך צווייפלען, אז דאס איז אזוי ווי איך זאג? הא־הא! דו פערלאזט זיך צופיעל אויף דער אידעאלער פאדערונג, מיין גוטער גרעגערס!

ווען די אנדערע זאָלען קומען — די מיט די פולע הענד — און רו־
פען דעם קינד: פערלאָז איהם; ביי אונז וועסטו געניסען דאָס
לעבען —

ג ר ע ג ע ר ס (שנעל): נו יאָ, וואָס דאַן — ?

י אַ ל מ אַ ר: ווען איך וואָלט זי דאַן געפרעגט: העדוויג,
ביסטו גרייט, זיך פון מיינעטוועגען אבצוזאָגען פון דעם דאָזיגען
לעבען? (לאַכט שפּאָטיש) יאָ, א שעהנעם דאַנק — דו וואָלסט שוין
געהערט, וואָס פאר אן ענטפער איך וואָלט געקריגען.

עס הערט זיך אַ שאָס אויף׳ן בוידים.

ג ר ע ג ע ר ס (מיט אַ געשריי פון פרייד): יאַלמאַר!

י אַ ל מ אַ ר: זעה נאָר; ער געהט שוין ווידער אויף דער
יאַגד.

ג י נ אַ (קומט אריין): אך עקדאַל, איך מיין, דער זיידע
דונערט דאָס דאָרט אליין אויף׳ן בוידים.

י אַ ל מ אַ ר: איך וועל אַ קוק טאָן —

ג ר ע ג ע ר ס (לעבהאַפט, געריהרט): וואַרט א ווייַלע!
ווייסטו, וואָס דאָס איז געווען?

י אַ ל מ אַ ר: יאָ, געוויס ווייס איך עס.

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, דו ווייסט עס ניט. אבער א י ך ווייס עס.
דאָס איז געווען דער בעווייז!

י אַ ל מ אַ ר: וואָס פאר א בעווייז?

ג ר ע ג ע ר ס: ס׳איז געווען א קינד׳ס קרבן. זי האָט בע־
וואויגען דיין פאָטער צו שיסען די ווילד־ענטע.

י אַ ל מ אַ ר: צו שיסען די ווילד־ענטע!

ג י נ אַ: אַ, דענק נור — !

י אַ ל מ אַ ר: אבער צו וואָס פאר א צוועק?

ג ר ע ג ע ר ס: זי האָט דיר געוואָלט אָפּפערן דאָס בעסטע,
וואָס זי האָט אויף דער וועלט; ווארים דאַן, האָט זי געמיינט,
וועסטו זי צוריק ליעב קריגען.

י אַ ל מ אַ ר (ווייך, געריהרט): אַ, ארים קינד!

ג י נ אַ: וואָס א י ה ר קען איינפאַלען!

גרעגערס: זי האט נור געוואָלט געווינען צוריק דיין ליעבע, יאַלמאַר; אַהן איהר האט זי ניט געקענט לעבען.

גינא (קעמפפט מיט די טרעהרען): איצט זעהסטו שוין אַליין, עקדאַל!

יאלמאר: גינא, וואו איז זי?

גינא (שלוכצט): דאס אָרם קינד, — זי זיצט אודאי אויף דרויסען אין קיך.

יאלמאר (געהט אריבער, רייסט אויף די קיך־טיר און זאָגט): העדוויג, — קום! קום אריין צו מיר! (קוקט זיך אום) ניין, דאָ איז זי ניטאָ.

גינא: דאַן איז זי ביי זיך אין צימערל.

יאלמאר (פון דרויסען): ניין, דאָ איז זי אויך ניטאָ. (קומט אריין) זי האט געמוזט ארויסגעהן אין גאַס.

גינא: יאָ, דו האסט דאך זי אין ערגעץ ניט געוואָלט האבען דאָ אין הויז.

יאלמאר: אָ, ווען זי זאָל נור באַלד קומען אהיים, — איך זאָל איהר קענען זאגען — . איצט ווערט אַלעס צוריק גוט, גרעגערס; איצט גלויב איך אויך, אַז מיר קענען אַנפאַנגען אַ נייַ לעבען.

גרעגערס (רוהיג): איך האָב עס געוואוסט; כ'האָב געוואוסט, אַז דאס קינד וועט אַלעס צוריק אויפריכטען.

דער אַלטער עקדאַל בעווייזט זיך ביי דער טיר פון זיין צימער; ער געהט אין פולען מונדיר און איז פערנומען אַנצושנאַלען זיין שווערד.

יאלמאר (ערשטוינט): פאטער! דו ביסט דאָרט?

גינא: האט איהר דאס געשאָסען ביי אייך אין צימער?

עקדאל (אין כעס, קומט צו נעהענטער): אַזוי גאַר, יאַלמאַר? דו געהסט, הייסט עס, אַליין אויף דער יאַגד?

יאלמאר (געשפאַנט און צומישט): ניט דו האסט עס אַלזאָ געשאָסען דאָרט אויף'ן בוידים?

עקדאל: איך געשאָסען? הם!

ג ר ע ג ע ר ס (שרייט אוים צו יאַלמאַר'ן): דאָס האָט זי אליין געשאָסען די ווילד־ענטע!

י אַ ל מ אַ ר: וואָס הייסט דאָס! (לויפט צו צו דער טיר פון בוידים, רוקט זי האסטיג אָב אָן א זייט, קוקט אריין און שרייט אוים אויף'ן קול): העדוויג!

ג י נ אַ (לויפט צו צו דער טיר): גרויסער גאָט, וואָס איז דאָס!

י אַ ל מ אַ ר (געהט אַריין): זי ליעגט אויף דער ערד!

ג ר ע ג ע ר ס: אויף דער ערד? ! (געהט אריין צו יאַלמאַר'ן).

ג י נ אַ (צו גלייכער צייט): העדוויג! (אינעווייניג אויף'ן בוי־דים) ניין, ניין, ניין!

ע ק ד אַ ל: האַ־האַ! זי געהט אויך אויף דער יאגד?

יאַלמאַר, גינאַ און גרעגערס טראָגען אריין העדוויג'ן אין סטודיאָ; אין דער אַראָבהענגענדער רעכטער האַנד האַלט זי דעם פּיסטויל, פעסט צו־נויפגעדריקט צווישען די פינגער.

י אַ ל מ אַ ר (צומישט): דער פּיסטויל איז לויז־געגאַנגען. זי האָט זיך אליין געטראָפען. רוף צו הילף! הילף!

ג י נ אַ (לויפט אַרוים אין קאָרידאָר און שרייט ארונטער): רעללינג! רעללינג! דאָקטאָר רעללינג! קומט ארויף אזוי שנעל ווי איהר קענט!

יאַלמאַר און גרעגערס לעגען אַוועק העדוויג'ן אויף דער זאָפאַ.

ע ק ד אַ ל (שטילערהייט): דער וואַלד איז זיך נוקם!

י אַ ל מ אַ ר (אויף די קניע, לעבען איהר): זי וועט באַלד קומען צו זיך. זי וועט באַלד קומען צו זיך —; יאָ, יאָ, יאָ.

ג י נ אַ (וועלכע איז אריינגעקומען, צו זיך): וואו האָט זי זיך געטראָפען? איך קען גאָרנישט זעהן —

ר ע ל ל י נ ג קומט צולויפען און גלייך נאָך איהם מ אַ ל ו ו י ק; דער לעצטער אָהן אַ וועסט און האלזטוך, מיט אָן אָפענעם ראָק.

ר ע ל ל י נ ג: וואָס איז דאָ געשעהן?

ג י נ אַ: זיי זאָגען, העדוויג האָט זיך געשאָסען.

י אַ ל מ אַ ר: קום און העלף!

ר ע ל ל י נ ג: זיך געשאסען! (רוקט אוועק דעם טיש אן א זייט און הויבט זי אן צו אונטערזוכען).

י א ל מ א ר (ליגט נאך אלץ אויף די קניע און קוקט ארויף צו איהם פול מיט אנגסט): ס'איז דאך ניט געפעהרליך? ווי, רעללינג? זי בלוטעט דאך כמעט גאר ניט. עס קען דאך ניט זיין געפעהרליך?

ר ע ל ל י נ ג: ווי אזוי איז דאס געשעהן?

י א ל מ א ר: אך, וואס ווייס איך — !

ג י נ א: זי האט געוואלט שיסען די ווילד־ענטע.

ר ע ל ל י נ ג: די ווילד־ענטע?

י א ל מ א ר: דער פיסטויל האט געמוזט לויז־געהן.

ר ע ל ל י נ ג: הם. אזוי.

ע ק ד א ל: דער וואלד איז זיך נוקם. אבער איך האב דאך קיין מורא ניט. (געהט ארויף אויף'ן בוידים און פערמאכט די טיר הינטער זיך).

י א ל מ א ר: נו רעללינג — ; פארוואס זאגסטו גארנישט?

ר ע ל ל י נ ג: די קויל איז איהר אריין אין ברוסט.

י א ל מ א ר: יא, אבער זי וועט דאך קומען צו זיך?

ר ע ל ל י נ ג: דו זעהסט דאך, אז העדוויג לעבט מעהר ניט.

ג י נ א (מיט אן אויסברוך פון טרעהרען): א, דאס קינד! דאס קינד!

ג ר ע ג ע ר ס (הייזעריג): אין דער טיעפעניש פון ים —

י א ל מ א ר (שפרינגט אויף): ניין, ניין, זי מוז לעבען! א, אום גאטעס ווילען, רעללינג, — נור איין איינציגען אויגענבליק; — נור אזוי לאנג איך זאל איהר קענען זאגען, ווי שטארק, ווי אונענדליך איך האב זי די גאנצע צייט ליעב געהאט!

ר ע ל ל י נ ג: די קויל האט איהר געטראפען אין הארץ. איי־נערליכע פערבלוטונג. זי איז געשטארבען אויף'ן שטעל.

י א ל מ א ר: און איך, איך האב זי פעריאגט פון זיך ווי א חיה! און א דערשראקענע איז זי פערקראכען דארט אינעווועניג אויף'ן בוידים און איז געשטארבען אוים ליעבע צו מיר. (שלוכצענ־דיג) קיינמאל דאס ניט צו קענען גוט מאכען! איהר קיינמאל ניט

צו קענען זאגען — ! דריקט צונויף די פויסטען און שרייט ארויף אויבען) אַ, דו דארט אויבען — ! — אויב דו ביסט דארט דאַ! פארוואס האסטו מיר דאס געטאָן!

גינא: שטיל, שטיל, רעד ניט אזעלכע שרעקליכע רייד. איך מיין, מיר האבען קיין רעכט ניט געהאט זי צו האלטען ביי זיך.

מאלוויק: דאס קינד איז ניט טויט, עס שלאפט.

רעללינג: אונזינן!

יאלמאר (ווערט רוהיג, געהט צו צו דער זאָפאַ, לייגט אַריבער די אַרעמס איינעם איבער'ן אַנדערן און קוקט אויף העדוויג'ן): דא ליגט זי אזוי פערגליווערט און שטיל.

רעללינג (פרואווט ארויסצענעהמען דעם פיסטויל ביי איהר פון דער האַנד): זי האלט איהם אזוי פעסט, אזוי פעסט.

גינא: ניין, ניין, רעללינג, צוברעכט איהר ניט די פינגער; זאל זי האלטען דעם פיקסטויל.

יאלמאר: זי זאל איהם מיטנעהמען מיט זיך.

גינא: יא, לאזט איהר. אבער דאס קינד דארף ניט ליגען דא אזוי, אלע זאלען קוקען אויף איהר. מען דארף זי ארייַנטראגען צו איהר, אין איהר אייגענעם צימער. נעהם אָן, עקדאל.

יאַלמאַר און גינאַ נעהמען העדוויג'ן צווישען זיך.

יאלמאר (בשעת זיי טראַגען איהר): א גינא, גינא, קענסטו עס אויסהאלטען?

גינא: איינער מוז העלפען דעם אנדערן. ווארים איצט, מיין איך, געהערט זי אונז ביידען.

מאלוויק (שטרעקט אויס די אַרעמס און מורמעלט): געלויבט איז דער הערר אין הימעל; צו ערד זאלסטו ווערן; צו ערד זאלסטו ווערן —

רעללינג (שעפטשעט): האלט מויל, מענש איינער; דו ביסט דאך שכור.

יאַלמאַר און גינאַ טראַגען ארויס דעם טויטען קערפער דורך די טיר פון קיך. רעללינג פערמאַכט די טיר הינטער זיי. מאַלוויק רוקט זיך אַרויס אין קאָרידאָר.

ר ע ל ל י נ ג (געהט צו צו גרעגערס און זאגט): קיינער וועט מיר ניט איינריידען, אז דאס איז געווען א צופעליגער שאס.

ג ר ע ג ע ר ס (וועלכער איז געשטאנען אין א קראמפפענדען שווי־דער, פערגליווערט פון שרעק): ווער קען זאגען, ווי דאס שרעקליכע האט פאסירט?

ר ע ל ל י נ ג: דער פולווער האט פערסמאליעט די טאליע פון איהר קלייד. זי האט זיך אודאי געמוזט צולייגען דעם פיסטויל צו דער ברוסט און האט אויסגעשאסען.

ג ר ע ג ע ר ס: העדוויג איז ניט אומזיסט געשטארבען. האט איהר געזעהן, ווי דער שמערץ האט פריי געמאכט אלעס ערהאבענע אין איהם?

ר ע ל ל י נג: דאס רוב מענשען ווערן ערהאבען, ווען זיי שטעהען אין טרויער פאר א טויטען קערפער. אבער ווי לאנג, מיינט איהר, וועט די הערליכקייט אנהאלטען ביי א י ה ם?

ג ר ע ג ע ר ס: פארוואס זאל זי ניט אנהאלטען און וואקסען זיין לעבען לאנג?

ר ע ל ל י נ ג: אין דריי פערטעל יאהר וועט די קליינע העד־וויג פאר איהם זיין ניט מעהר ווי א שעהנע זאך צו דעקלאמירען.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאס דערוועגט איהר זיך צו זאגען אויף יאלמאר עקדאל!

ר ע ל ל י נ ג: מיר וועלען נאך ריידען וועגען דעם, ווען דאס ערשטע גראז אויף איהר קבר וועט פערוויאנעט ווערן. דאן וועט איהר איהם הערען ריידען מיט א געשוואלענער שטימע איבער „דעם קינד, וואס איז אזוי פריה אבגעריסען געווארען פון׳ם פאטער׳ס הארץ"; דאן וועט איהר זעהן, ווי ער וועט זיך איינוויקלען אין געפיהלפול־קייט און זעלבסט־בעוואונדערונג און מיטלייד מיט זיך אליין. איהר ווארט אקארשט!

ג ר ע ג ע ר ס: אויב א י ה ר זייט גערעכט, און איך בין אומ־גערעכט, דאן איז ניט ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט.

ר ע ל ל י נ ג: אה, דאס לעבען וואלט געקענט זיין גאנץ שעהן, ווען מיר וואלטען נור געקענט פטור ווערען פון די דאזיגע

פערדאמטע מאהנערס, וועלכע האקען אונז ארעמע לייט אב די טירען מיט זייער אידעאלער פאדערונג.

גרעגערס (קוקט גלייך פאר זיך): אויב אזוי, דאן בין איך צופריעדען, וואס מיר איז בעשעהרט צו זיין דאס, וואס איך בין.

רעללינג: מעג איך פרעגען, — וואס איז אייך בעשעהרט צו זיין?

גרעגערס (לאזט זיך געהן): דער דרייצעהנטער ביים טיש.

רעללינג: אה, דער טייוועל זאל עס וויסען.

ענדע.